STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00410

YIDISHE POETN

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אידישע פּאָעטן

האַנטבוך פון
אידישער דיכטונג

צווייטער טייל
(נייע וועלטן)

צוזאַמענגעשטעלט
(מיט אַן אַריינפיר, אָפּשאַצונגען, באַמערקונגען און ביאָגראַפיש־
קריטישע נאָטיצן)

פון

י. ענטין

אַרויסגעגעבן פון דער
פאָלקשול אָרגאַניזאַציע
פון אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און פועלי ציון

ניו־יאָרק, 1927.

Copyright 1927
Jewish National Workers' Alliance
New York

געזעצט און געדרוקט אין אריאם פרעס, אינק.
284
54 קאנאל סט., ניו יארק
טעלעפאן: דריי־דאק 8622

אינהאַלט־פאַרצייכעניש:

ש. אַנ—סקי:
עמיגראַנטן־ליד 13

ג. זעליקאָוויטש:
אונטער א מענטשנ׳ס פוס..... 20

מאָררים ווינטשעווסקי:
אין קאַמף..... 24
פערדינאַנד לאַסאַל..... 25
אין סלעק צייט..... 28
לאָנדאָן ביינאַכט..... 29
מיר קומען צו חלום..... 31
עס טרעפן זיך, שלינגען זיך..... 32

עוזר סמאָלענסקין:
קינדער 37

ש. הורוויץ (ליטווין):
די זאָקנמאַכערקעס..... 42

א. מ. שאַרקאַנסקי:
פאַרגעסן 47
די אַלטע נעכאַמע..... 48
דער שומר ביי נאַכט..... 49
וואָס איז אַ איד..... 52

מאָררים ראָזענפעלד:

א.

דעם פּאָעט׳ס וועלט:

מיין טיש 59
דער פּאָעט 61
ווי איך זינג 62
דער אָדלער 63

ב.

פּראַצע און שטרייט:

פאַרצווייפלונג 64
מיין רוע־פּלאַץ 66
דער בלייכער אַפּרייטער 67
ליבע און אָרימקייט 68
אייביקע קולות 69
פאַרצווייפלטע קולות 70
צו די וועלט־פאַרשלינגער 72
אַ נבואה 73

ג.

אידישעס:

אַ גלות־מאַרש 76
אידישער פּנקס 78
אלול מעלאָדיען 80

ד.

לירישעס:

צום נייעם יאָר 82
האַרבסט־בלעטלאך 84

ה.

די נאַטור:

ווינטער 86

פרילינג־ליד 88
פרילינג 89
דער שטראָם 90
ביים ברעג וואַסער 91
דער קוואַל 92

ו.

ליבע:

לעבן וואַסער־מיל 93
מיין רויז איז אַליין 94
זיי ריידן פון דיר 95
פאַרלאָזן 96
היראָגליפן 97
די שלאַנג 98
מיר ווערן אַלט 99
אונטער־צייט 100

ז.

סאַטיריש־עפּיגראַמאַטישעס:

וואָס איז גליק? 101
די וועלט 102
דעם בעקער׳ס קינד 103

יוסף יפה:

צו מיין פאָלק 107
מיר פעלט אַ גראָם צו ליבע 108
זיינען מיר צוויי בחורים 109
אייפערזוכט 110

דוד עדעלשטאַדט:

מיין צוואה 113
מיין לעצטער וואונטש 114

א. ל. וואָלפסאָן:

דעבם 118
א מעשה 119

דוד גאָלדשטיין:

ראָמאַנס 127
זעסטו ווען? 128
חרוב 129

יהואָש:

א.

דיכטונג:

ווי ס׳ווערן לידער פאַרפאַסט 135
זון־טראָפּנס 140
געזאַנג 141
שיינקייט 143

ב.

פון אַלטן ברונען.

לא ברעש ה׳ 144
דזשאַראַדאַ (פון „שלמה׳ס רינג“) 148
ליל שמורים 152
דער וואַסער־טרעגער 153
דעם יתומ׳ס מאַמע 156
דער טויטער מאַרשאַליק 157
דער פאַלקס־גייסט 160
תל אביב 163

ג.

גאָט׳ס וועלט:

פרילינג 164
פון די קעטסקיל־בערג 166

א זומער־נאַכט 167
וואַסער־שפּיגל 168
אין וואַלד 169
גראָז 171
חשוון 173
שניי 174
דעם בוימ׳ס נשמה 177
אויפ׳ן ים 180

ד.

ליבעס־ווײ:

בלומען און דערנער 181
דו... 182
קום צו מיר 183

ה.

געפילן און רעיונות:

ביינקעניש 184
יאָרן גייען 184
זומער־פעדים 185
א תפלה 186
גאָט׳ס הויז 188
איבערן תהום 188
אויפ׳ן שטראָם 190

ו.

פאַרשיידענעס

צוויי תפלות 191
דער וואַלד 192
דאָס ניט געזונגענע ליד 193

יעקב מאַרינאָוו:

באַנייט דעם בית עולם אָדער דעם בטלנ׳ס נקמה 197

א. ליעסין:

א.

איינזאַמקייט און שרעק:

די אַלטע היים 210
ביים תהום 211
ביים ים 212
ממעמקים 213

ב.

אין שיין און פינצטערניש:

די לבנה־נאַכט 215
ביים טייך 216
דער חודש ניסן 218
אין די בערג 219
נויאָרק בעי 220
אין וואַלד 222

ג.

פון אַמאָל:

זאָלן זיי קומען 224
פון פינצטערן עבר 225
מהר"ם מרוטענבורג 226
דער הויכער רב רב לייב 230
די פייערן פון בראַדוויי 232
שמחת בית השואבה 234

ד.

אומעט־לעבן:

א פרימאָרגן אין נויאָרק 239
די שטענדיקע באַגעגעניש 240
דאָס ליד 242

ה.

פון שלאַכטפעלד:

די גנבה 244
אַ קראַנץ אויף אַ קבר 248
אויפ׳ן פּאַראַד 249

ו.

שוואַרץ־גרוי:

נאַכט־געמורמל 252
דער תנא און דער שטן 253
Grand Concourse 254

י. באָוושאָווער:

אַ געזאַנג צום פֿאָלק 260
צום פֿאָלק 262
מערץ געדאַנקען 263
דעם ריכטער׳ס ווירקען און געבורט 264
פון מיין אַלבום 266

שלמה ז. רובין:

ווינטער קומט 269

י. אדלער:

אַליין מיט איר 273
כ׳האָב מיין שטעטל ניט דערקאַנט 275
כ׳האָב געוואָגלט 276
בלימלאַך און מיידלאַך 277
צו מיין פֿאָלק 278

ה. רויזענבלאַט:

דאָס פאַרבאָרגענע 282
דאָס טייכעלע 283

האַרבסט־נעכט 284
אין די בערג 285
דער לעצטער רוף 287
אַ נבואה 288
אין וואַרטעניש 289
ווען איך בין אויף דער וועלט געקומען 290
דו ביסט שולדיק 291
רואיק, טפּש 291
דן און דאַניאַ 293
ביים ברעג פון סמבטיון 294
דאָס נייע קלאָג־ליד 296

פּ. מ. ראַסקין:

אין פרעמדע גערטנער 301
ביינאַכט 303

ש. קאַטלער:

אין בערגלאַנד 307
וועלנשפּיל 309

יצחק בלום:

וואָס דאַרף איך קלערן 313

אב. וויקטאָר:

ריז מאַנהעטן 317

ש. אַנ-סקי

עמיגראַנטן־ליד

מיר וואַנדערער, מיר וואַנדערער
פון איין לאַנד אין דער אַנדערער
דורך הונגער און דורך קעלט.
פאַרוואָגלטע, פאַרביטערטע,
פאַריאָמערטע, צעציטערטע,
מיר, גרים פון דער וועלט!

אין מענטשן־שטראָם פאַרלאָרענע,
אָן היים און לאַנד געבאָרענע,
אָן הויז און אָן געצעלט;
פון אלעמען געשלאָגענע,
פון שטורעם־ווינט געטראָגענע,
מיר, גרים פון דער וועלט!

בײ גרעניצן פֿאַרבאָטענע,
װי שטויב פון װעג געטראָטענע,
אָן מאַכט, אָן הילף, אָן געלט, —
װאוהין, װאוהין זשע שװעבן מיר ?
צו װעלכע צילן שטרעבן מיר ?
מיר, גרים פון דער װעלט ?

פון גלות טויזנט-יאָריקן,
פון נײעם און אַמאָליקן,
האָט אונדז זיך אָפּגעשטעלט
— אַ רײכטום גאָר אַנאַנדערער,
אַ כח פון אַ װאַנדערער,
װאָס גײט אום אין דער װעלט.

אַ גרויסן אוצר טראָגן מיר,
אַ שטאַרקע מאַכט פאַרמאָגן מיר
שטאָט אַלץ דעם װאָס אונדז פעלט ;
מיר טראָגן זוימען אײביקע,
פון הײליקע, פון גלויביקע,
צו זײען אויף דער װעלט.

מיר טראָגן קראַפט אין אַרבעטס-האַנט,
פון פעלזנשטײן אַ װידערשטאַנד
און גבורה פון אַ העלד ;
מיר טראָגן אין דער אַרבעטס-גאַס,
דורך פײער, בלוט, און מענטשן-האַס
אַ קומענדיקע װעלט !

אַ נײע װעלט, אַ גרעסערע,
אַ שענערע, אַ בעסערע
װעט װערן אויפגעשטעלט ;

מיר בויען זי מיט אונדזער מוט,
מיט אונדזער גייסט, מיט אונדזער בלוט,
מיר, בירגער פון דער וועלט!

(ש. אַנ־סקי איז קיינמאָל ניט געווען אין אַמעריקע אָדער ענגלאַנד; זיין „עמיגראַנטן־ליד“ ווערט אָבער אַריינגעגעבן אַלס אַ מין פּראָלאָג צו דעם באַנד, וואו אַלע פּאָעטן זיינען עמיגראַנטן, וועלכע האָבן די זוימען פון אידישער פּאָעזיע און קולטור אַריבערגעטראָגן אין די נייע לענדער. אַנ־סקי׳ס ליד איז קודם כל אַ געדאַנקען־געזאַנג, גאַנץ אין איינקלאַנג מיט זיינע רעוואָלוציאָנערע אידייען. באַמערקט, ווי פון ג ר י ם פון דער וועלט, ווערן די עמיגראַנטן לסוף ב י ר ג ע ר פון דער וועלט.)

געצעל זעליקאָוויטש

נעצעל זעליקאוויטש — געבארן אין 1863, אין ריטאווע, קאוונער גוב. אין זיינע אינגלשע און בחור'שע יארן האט זעליקאוויטש זיך אויסגעצייכנט אין תורה־לערנען און איז באקאנט געווען אין דער סביבה פון זיין געבורט־שטעטל אלס דער „ריטאווער עלוי". נאך פיל וואנדערונגען און מיט א רייכער ערודיציע קומט ער, אין 1889, אן קיין אמעריקע, וואו, דורך גרינדן אייגענע צייטונגען („דער אידישער אדלער" א. א. וו.) ווי אויך דורך רעדאגירן און מיטארבעטן אין אנדערע צייטשריפטן, ווערט ער איינער פון די ערשטע, און א גאנץ וויכטיקער, אויפבויער פון דער אידיש־אמעריקאנישער פרעסע. אחוץ זשורנאליסטיק איז ער אויך טעטיק אויף פיל אנדערע גע־ביטן: ראמאנען, ביכער פון פראקטישן נוצן, א. א. וו. שרייבט אויך אמאל (ווי אין זיינע יונגע יארן אין אייראפע) העברייאיש אין א סטיל, וואס ווערט ווארים געלויבט. אין די ערשטע נײנציקער יארן באטייליקט זיך זעליקאוויטש אונטער פארשיידענע פעדערנעמען („דער קאסאקער טייוול" א. א. וו.) אויך אין דער סאציאליסטישער פרעסע. אומגעפער די לעצטע 25 יאר פון זיין לעבן איז ער געווען א נאענטער מיטארבעטער אין דאס „אידישע טאגעבלאט". אין זיינע אינגערע יארן האט זעליקאוויטש אפט געשריבן לידער. סוף 1926 איז זעליקאוויטש געשטארבן.

ביבליאגראפיע: ל. ווינער "Yiddish Literature"; מיניקעס „סוכות בלאט, 1911; ז. רייזען „לעקסיקאן"; א. ר. מלאכי, „די צוקונפט", פעב־רואר, 1927.

אונטער אַ מענטשנ׳ס פוס

ווען איך וואָלט געווען אַ בלאַט פון אַ בוים,
(אנטשולדיקט, דאָס איז אַ פּאָעטישער טרוים)
אַ בלאַט, וואָס דאַרף טריקענען און פאַלן
און זיך געזעגנען מיט זומער׳ס שטראַלן —
וואָלט איך ניט ווען האָבן אַזאַ פאַרדרוס,
איך זאָל ליגן אונטער אַ מענטשנ׳ס פוס!

איך וואָלט בעסער, אַלס פון לופט אַ קינד,
געשוועבט אויף די פליגלען פון ווינט.
איך וואָלט געפלויגן פריילאַך גאַנץ הויך,
דורך ראָזע וואָלקנס, דורך אַ גאָלדן רויך;
דען איידער אין שטויב, אויף ערד׳ס געמימל,
בעסער אַ הפקר-קינד צווישן בוים און הימל!

איך וואָלט אויך גיכער געשוואומען אין שטראָם,
פנים-אל-פנים באַוואונדערט דעם תהום,
מעסטן דעם ים, שמייכלען פון זיינע סכנות,
זיך שיפן מיט שטאָלץ איבער דעם אוקינוס!
וואָס, אַזאַ לעבן איז אפשר ניט צוקער-זים?
בע—אַלץ בעסער ווי אונטער אַ מענטשנ׳ס פיס!

מאָררים ווינטשעווסקי

מאררים ווינטשעווסקי (נאוואכאוויטש) — געבארן דעם 9טן אויגוסט, 1856, אין יאנאוו, קאוונער גובערניע. פון דער השכלה, אין וועלכער ער איז דערצויגן געווארן, איז ווינטשעווסקי, אזוי ווי פיל אנדערע, אריבער צום סאציאליזם, וועלכן ער האט, אינאיינעם מיט אייניקע פון יענע, טאקע תיכּף גענומען פּריידיקן אויף העברייאיש, אין ליד און אין פּראזע. טיילנדיק דעם שיקזאל פון פיל רוסלענדער רעוואלוציאנערן פון יענער צייט, האט ער פרי אין די אכציקער יארן אנגעהויבן פירן א לעבן פון א פארפאלגטן אומוואנדערער איבער מערב־אייראפּע, ווערנדיק דערביי אן אינטערנאציאנא־לער סאציאליסטישער שרייבער (העברייאיש, אידיש, רוסיש, דייטש, ענגליש). אין עטלאכע יאר ארום, באזעצנדיק זיך אין ענגלאנד, גרינדעט ער דארט אייניקע אידיש־סאציאליסטישע צייטשריפטן. אין 1894 ברייגנען אים די אידישע סאציאליסטן אראפּ קיין אמעריקע, וואו, אחוץ מיטארבע[...] אין סאציאליסטישן „אוונט־בלאט", גרינדעט ער אין באסטאן דעם „אמת", איינס פון די פיינסטע אידישע וואכנבלעטער אין אמעריקע. אין 1897 גרינדעט ער, צוזאמען מיט אנדערע סאציאליסטישע אגיטאטארס און פירער, דעם „פאָרווערטס". ער איז אויך איינער פון די אנגעזעענסטע מיטארבעטער פון דער „צוקונפט" און א צייט לאנג איר רעדאקטאר.

מען רופט ווינטשעווסקי'ן „דער זיידע פון אידישן סאציאליזם" ; מען מעג אים אויך רופן דער זיידע פון דער אידיש־סאציאליסטישער פּאָעזי[...] און פּובליציסטיק. אחוץ סאציאליסטישע פּאעזיע, האט ער דער ערשטער

אנגעהויבן שרייבן אויף אידיש פעליטאנען (מייסטנס אונטער'ן פעדער־נאמען „דער משוגענער פילאזאף"), וואס זיינען דורכגעדרונגען מיט א סאציאל־קריטישן גייסט; און אין די לעצטע, זייענדיק פיין־הומאריסטיש, דערצו נאך אין א מוסטערהאפטן אידישן סטיל, ליגט ווארשיינלאך ווינטשעווסקי'ס גרעסטער פארדינסט פאר דער אידישער ליטעראטור און זשורנאליסטיק. ער האט אויך געשריבן גרעסערע און קלענערע נאוועלן, דראמען, א כאראקטער־בילד פון יעקב גארדין, א. א. וו.

ביבל.: מאררים ווינטשעווסקי, „לידער" און „דער משוגענער פילאזאף אין ענגלאנד"; דר. ק. פארנבערג, „די צוקונפט", 1906; ל. ווינער 'Yid. Lit.'; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

אין קאמף

ווען עס וועט דער שטרייט באגינען
פאר די פרייהייט, קעגן געלט,
וועט איר אפשר מיך געפינען
אין די רייען, אויפען פעלד.

דארטן וועל איך מיינע ברידער
פירן ניט אלס גענעראל,
איך וועל נאר מיט פרייהייט־לידער
זיי דערמונטערן איבעראל.

דען צום קאמף וועט מען באדארפן,
יענעם טאג פון היץ און דראנג,
חוץ דעם ביקס, דעם שווערד דעם שארפן,
א באגייסטערטן געזאנג.

(דאס ליד שטאמט אומגעפער פון די 80ער יארן און איז גאנץ כאראקטעריסטיש פאר דער פראפאגאנדע־פאעזיע פון יענער און דער אומיטלבאר נאענטער צייט.)

פערדינאַנד לאַסאַל

(1825—1864).

צו זיין 25־יאָריקן יאָרצייט, געפייערט דעם 31טן אויגוסט, 1889.

לאַסאַל, זאָגט איר, טויט? שוין אַ פערטל יאָרהונדערט,
דערציילט איר מיר — ליגט ער אין דר׳ערד?
דער מאַן, וועלכן אַרבעטלייט האָבן באַוואונדערט
און אויסבייטער 1) האָבן מיט שרעקן געהערט?
דער מעכטיקער וועקער, אַ קינסטלער אין שפּראַכע,
דער אַרבעטער־פריינט און דער פעלקער־טריבון?
דער פריידיקער פאַר אונדזער הייליקער זאַכע,
וואָס אים האָט די גלייכהייט גערופן: מיין זון,
וואָס אים האָט די וואַרהייט גערופן: מיין ברודער
און — פאָטער, דער אָרימער עלנדער מאַן;
ער, וואָס האָט געמאַכט אין דער וועלט אַ גערודער,
באַקעמפנדיק יופּיטער ווי אַ טיטאַן: 2)
פאַרשפּרייטנדיק ליכט און דאָס הייליקע פייער 3)
אין פינצטערע ערטער, אין ערטער פון קעלט,
און וואָס האָט געוויזן דעם וועג צו זיין פרייער,
דעם וועג צו די נייע און הערלאַכע וועלט;
ער וואָס האָט באַקעמפט וואָס איז שלעכט און פאַרדאָרבן,
ביז ער איז געפאַלן פאַרמאַטערטהייט —
איז ער — מיינט איר — אין פיר־און־זעכציק געשטאָרבן?
— לאַסאַל איז אַ פערטל יאָרהונדערט שוין טויט?

וואָס רעט איר? אַ מאַן ווי דער מאַן קען ניט שטאַרבן;
אַ מאַן ווי לאַסאַל קען ניט, טאָר ניט זיין טויט!

װען אַרבעטליַיט אָרימע קװעלן זיך, דאַרבן
און לעבן אין מאַנגל און שטאַרבן פון נויט ;
װען אומעטום הערשן דעספּאָטיש טיראַנען —
טיראַנען געקרוינטע, טיראַנען דורך געלט —
זאָל ליגן אין דר׳ערד אַ טיטאַן פון טיטאַנען ?
זאָל ליגן באַגראָבן אַ מעכטיקער העלד ?
װען מאָרדלוסט אין מענטשן־געשטאַלט זיצט אויף טראָנען,
פאַרגיסנדיק בלוט, אָדער צאַפּנדיק בלוט
און אומעטום ליגן אין שרעק די נאַציאָנען,
די אונטער אַ סצעפּטער, די אונטער אַ קנוט ;
װען אחדות געפינט זיך נאָר איין אין אַסטראָגן
און מענטשלאַכע גלייכהייט — נאָר אונטער דער ערד ;
װען װאָרהייט איז שעדלאך צו הערן, צו זאָגן
און ליגנס פאַרשימלטע װערן פאַרערט ;
װען אומעטום שמאַכטעט די פריַיהייט אין קייטן,
פון פּאָרטוגאַל ביז צו די בערג פון אוראַל ;
װען טויזנט באַטריגער די פאַלשקייט פאַרברייטן,
זאָל בלייבן די מענטשהייט געטרענט 4) פון לאַסאַל ?

אוממעגלאַך ! יאָ, װאָר איז, עס ליגט אין אַ קבר,
אין ברעסלוי, דער גוף פון דעם הערלאַכן מאַן,
דער שטערבלאַכער טייל פון דעם מאַן, יעדער אבר —
זיי ליגן באַגראָבן אין עטלאַכע שפּאַן
פון ערד, פון דער ערד אונדזער אַלעמענס מוטער,
װאָס נעמט אַלע קינדער אַריין אין איר שוים,
אפילו די װעלכע זי גיט ניט קיין פוטער, 5)
קיין שפּייז ניט ביים לעבן, קיין קלייד ניט, קיין הויז.
יאָ, װאָר איז, דער קערפּער ליגט לאַנג שוין באַגראָבן,
דער אָדלער־בליק לייכט אין די אויגן ניט מער,
דער צונג אין מויל, װאָס פאַר זיין אויסשפּראַכע האָבן
געציטערט די הערשער מיט אַל די געװער ;

דער צונג, וועלכער האָט אין די הערצער געצונדן
אַ פייער פון קאַמף-לוסט ביי אָרימע לייט,
אַ העלישן פייער פון ברענענדע וואונדן
ביי די וואָס דערוואַרטן מיט שרעקן דעם שטרייט —
דער צונג, דאָס איז אמת, איז לאַנג שוין אָן רעגונג, 6)
די שטימע איז שטום און פאַרשאַלט די מוזיק,
אַזוי ווי דער גאַנצער גוף ליגט אָן באַוועגונג
און ווי אין די אויגן איז פינצטער דער בליק.

און דאָך טריאומפירסטו אומזיסט, קאַפּיטאַל:
עס לעבט אין דער וועלט נאָך דער גייסט פון לאַסאַל,
ער לעבט און באַרייטעט דיין פאַל,
דיין שטורץ און דיין פאַל איבעראַל.

---

1) עקספּלאָטאַטאָרס. 2) די טיטאַנען, דערציילט די גריכישע מיטאָלאָגיע, זיינען געווען ריזן-גאָטהייטן, וואָס האָבן מלחמה געפירט מיט צעאוס (אָדער יופּיטער) און זיינע חברים-געטער. 3) אַן אַנצוהערעניש אויף פּראָמעטעאוס'ן — אויך איינער פון די טיטאַנען. 4) געטרענט (דייטש) — געשיידט. 5) שפּייז. 6) אַ ריר, באַוועגונג.

(די צייט ווען דאָס ליד איז געשריבן געוואָרן איז געווען, איבער דער פאַרפאָלגונג פון די רעגירונגען, זייער אַ שווערע פאַר דער פרייהייט-באַוועגונג אין די מייסטע אייראָפּייאישע לענדער. דאָס ליד איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר ווינטשעווסקי'ן: פערדינאַנד לאַסאַל, דער גרויסער אידיש-דייטשער פרייהייט קעמפּער, איז זיין ליבלינג צווישן די בויער פון מאָדערנעם סאָציאַליזם. די אָפטע דייטשע ווערטער אין ליד זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גאַנצער דאַמאָלסדיקער סאָציאַליסטישער אידישער ליטעראַטור אין ענגלאַנד און אַמעריקע, וואָס איז געווען שטאַרק אַנגעטרונקען פון דער דייטשער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור.)

אין סלעק צייט

די פייגעלע — זי הונגערט אין איר שטייגל,
די הינדעלע זוכט גערשטן און געפינט ניט,
די בלימעלע גייט אונטער אויפען צווייגל, —
אַך, זייער בעל הבית, נעבאַך, פאַרדינט ניט.

אין וויגעלע דאָס קינד ליגט ניט געגעסן:
די מאַמע׳ס מילך איז מיט אַמאָל אַוועק היינט;
די מיידעלע, די עלטערע, בעט עסן, —
אַך ליבסטע, אייער ברויט-געבער האָט סלעק היינט.

און מער איז אין קאַמין ניטאָ קיין קוילן,
די בעטן — אין זיי זען זיך די ברעטער,
פאַרמאַרעט ליגט זיך יעדערער אויף הוילן,
ווייל, חוץ די נויט, איז לאַנג שוין אַלץ ביי׳ן פעטער. 1)

דערפאַר איז פוסט ביי׳ן פייגעלע אין שטייגל,
דערפאַר האָט איצט אַ קינד ניט וואָס צו עסן,
דערפאַר פאַרוועלקט דאָס בלימל אויפען צווייגל,
פון אַלעמען פאַרלאָזן און פאַרגעסן.

---

1) דער וואָס לייט אויף משכנות, דער בעל הבית פון „פאָן שאָפּ“.

לאָנדאָן ביינאַכט

איר לעמפּעלאַך, לאַמטערנעלאַך,
דערציילט מיר וואָס ביינאַכט,
זיך שטייענדיק און ברענענדיק,
איר צייטנוויים באַטראַכט.
דען אַלע נאַכט באַלייכטנדיק
די מויערן, דעם ברוק —
דאַרפט איר איצט האָבן, רעכן איך,
אַ קלאָרן, שאַרפן קוק.

* *

האָט איר געזען אַ בחור׳ל,
פאַרהונגערט און פאַרשמאַכט,
היר גייענדיק און זוכנדיק
די גאַנצע ליבע נאַכט —
זיך זוכנדיק אַ ווינקעלע,
אַ טיר, אַ טרעפּ אין גאַס,
זיך צוצולייגן אויסרוען ? —
ס׳איז שרעקלאַך קאַלט און נאַס !
די לעמפּעלאַך זיי ברענען זין,
באַלייכטן יעדעס הויז ;
צי זען זיי — צי הערן זיי,
דאָס זאָגן זיי ניט אוים.

האָט איר געזען ביים האָספּיטאַל
אַ מיידעלע ביים טיר?
מיט רויטע אויגן, שרייענדיק:
„אָי וויי, אָי וויי צו מיר!"
איר טאַטע ליגט אַ גוסס׳ער,
פינף קינדער שרייען: „ברויט!"
די מאַמע איז שוין לאַנג ניטאָ:
זי איז שוין דריי יאָר טויט.
די לעמפּעלאַך זיי ברענען זיך,
באַלייכטן יעדעס הויז;
צי זען זיי — צי הערן זיי,
דאָס זאָגן זיי ניט אויס.

האָט איר געזען, איר לעמפּעלאַך,
שפּאַצירנדיק אין גאַס,
אַ האַלב צעמישטן אַלטן מאַן,
שוואַך, הונגעריק און בלאַס?
אַמאָל האָט דיזער אַלטינקער
געמאַכט פון יאָר צו יאָר
אַפּולע מענטשן לאַכנדיק
אַלס לוסטיקער אַקטיאָר.
די לעמפּעלאַך זיי ברענען זיך
באַלייכטן יעדעס הויז;
צי זען זיי — צי הערן זיי,
דאָס זאָגן זיי ניט אויס

האַט איר געזען אַ „גרינעם“ איד
היר בלאַנדזשענדיק אַליין ?
קיין קרוב ניט, קיין גואל ניט
און עלנד ווי אַ שטיין ?
די רייכע „קענען גאַרנישט טאָן“,
זיי האָבן טעכטער, זין...
די לאַנדאַנער „קאָמיטע לייט“ — 2)
פאַר זיי איז ער צו גרין...

די לעמפעלאַך זיי ברענען זיך
דרויף זיינען זיי געשטעלט ;
נאַר וויסן פון זיי קענט איר ניט
וואָס טוט זיך אין דער וועלט.
זיי זיינען ווי קאָמיטע לייט
צום שיינען נאַר געזעצט
און זען ניט און וויסן ניט —
דער שוך ביי וועמען קוועטשט.

---

1) די פאָרם איז גענומען פון אַ רוסישן געדיכט. מ. וו.
2) דער אידישער קאָמיטעט, וואָס דאַרף זאָרגן פאַר אָרימע און „גרינע“.

מיר קומען צו חלום

מיר קומען צו חלום פאַרשטאָרבענע קוסן
פון יאָרן און יאָרן צוריק,
זיי שוועבן אַרום מיר צוקאַפּנס, צופוסן,
די עדות פון נעכטיקן גליק.

זיי קומען און וועקן אויף טויטע געפילן
און גראָבן זכרונות אַרויס,
וואָס האָבן געהאַט לאַנג אַ קבר אַ קילן
אין מאַמע־צייט׳ס אייזיקן שויס.

זיי רייצן מיט מיר זיך, די בלייכע טייוואָלים,
די שאָטנס פון נעכטיקן גליק;
זיי קומען, מיר דוכט, אויף להכעיס צו חלום,
די קוסן פון יאָרן צוריק.

עס טרעפן זיך, שלינגען זיך

עס טרעפן זיך, שלינגען זיך ליפן צוויי פּאָר,
צוויי מענטשן — איין לעבן, צוויי הערצער צוזאַמען;
צוויי שטימען, איין־איינציק האַרמאָנישער טאָן,
איין איינציקער קלאַנג אין צוויי גראַמען.
איר העל־קלאָרער טייך אין מיין ים פליסט אַרונטער,
אַ שטראָם גייט אין וועלנרויש אונטער.

מיר שיידן זיך. אויסגייט דער פלאַם פון׳ם ליכט.
דער קלאַנג איז פאַרשאָלן, די פרייד איז געשטאָרבן:
אינ׳ם וועלנרויש וואַרפט זיך פאַרלאָזן אַ שיף,
געשטראַנדעט, פאַרוויסט און פאַרדאָרבן.
עס גייען אַליין מיט אַ גסיסה־העויה
צוויי מתים צו זייער לויה.

מיר טרעפן זיך ווידער, מיר קומען צונויף
און גלייך לאָזט אַ שופר־משיח זיך הערן;
ניטאָ מער קיין גיהנום, אוים חורבן אין שיף,
ס' לייכט ווידער איין איינציקער שיין פון צוויי שטערן,
עס שטייגט אויף אין יאָמערטאָל מיין הר־הזיתים, 1)
מיין האַרץ שטייט אויף תחית המתים.

---

1) דער באַרימטער, הערלאַך־פּאַרהייליקטער באַרג אין ירושלים, וואָס ווערט אויך באַנוצט אַלס גרויסער בית־עלמין.

עוזר סמאָלענסקין

עוזר סמאָלענסקין — געבאָרן דעם 23טן אָקטאָבער, 1862, אין העלמיאַזעוו, אַ דערפל אין פּאָלטאַווער גובערניע (דרום־רוסלאַנד); אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע אין 1893. אין די יונגע יאָרן פון דער אידיש־סאָציאַליסטישער פּרעסע פון אַמעריקע פלעגט מען אין איר אָפטלאָך באַגעגענען עוזר סמאָלענסקין'ס לידער, אויף סאָציאַליסטישע, אַמאָל אויך אויף טיילווייס אידישע טעמעס.

זע מ. באַסין'ס „אַנטאָלאָגיע", ערשטער באַנד.

קינדער

אין די רייכע הייזער,
ווינטער ביי דער נאַכט,
לעבט זיך גוט די קינדער, —
יעדער שפּילט און לאַכט
און ס'באַלייכט פון אויוון
ליבלאַך זיי דער פלאַם;
הערן צו דער מוטער'ס
מעשיות אויפמערקזאַם;
זייערע געזיכטער
שיינען פון פיל פרייד,
ברעכן לאַכנד אונטער
אָפט דער מוטער'ס רייד.

ס׳מעג זיך בייז אין דרויסן
רוישן דאָרט דער ווינט, —
וואַרים איז דעם רייכן,
וואויל איז אויך זיין קינד.
ס׳דאַרף זיך קיינמאָל זאָרגן
פאַר דעם טאָג וואָס גייט,
אימער איז אים אַלעס,
אַלעס צוגעגרייט:
נייע, גוטע קליידער,
העמדער קלאָר ווי שניי,
זעמל, פוטער, קאַווע,
שפּילצייג אַלערליי.

און אין אָרמע הייזער,
אין דערזעלבער נאַכט,
וויינען קליינע קינדער
(זיבן אָדער אַכט)
קאַלט אַ שרעק אין צימער,
כאָטש פאַרטרייבן הינט.
ס׳איז ניטאָ אויף קוילן,
כאָטש פאַרזעץ אַ קינד.
זייערע געזיכטער
פון טרערן זיינען רויט...
„גיב אונדז" שרייען אַלע,
„גיב אונדז, מאַמע, ברויט!"

א. ליטוויק

א. ליטווין (שמואל הורוויץ) — געבארן אין מינסק, אין 1862. אחוץ א קלענערע צאל לידער, מייסטנס פון א סאציאליסטיש־פאלקלאכן כאראקטער (זיינס איז אויך דאס נאכ'ן רוסישן באארבעטע ליד, „זשאמעלע", וואס ווערט אפט געזונגען), האט ליטווין פיל געשריבן אין פראזע, ער האט אויך רעדאגירט און געפירט אייניקע ליטעראריש־געזעלשאפטלאכע אויסגאבן. אין סוף נײַנצעטן יארהונדערט איז ליטווין געקומען קיין אמעריקע, מיטארבעטנדיק א פאר יאר אין „פארווערטס". דערנאך לאזט ער זיך צוריק אוועק אין מזרח־און מערב־אייראפע, וואו ער זאמלט צונויף אסך מאטעריאלן וועגן חסידישע גוטע־אידן, ליטווישע מוסר'ניקעס (אסקעטן), פאלקס־קינסטלער (פורים־שפילער, לידער־שרייבער) אומבלאנדזשענדיגע אינטעליגענטן, ארבעטער־טיפן. א. א. וו. נאך 1913, קומענדיק צום צווייטן מאל איז אמעריקע, פארעפענטלאכט ער זיינע זאמלונגען אין א רייע ביכער („אידישע נשמות" א. א. וו.) אין 1920—1921, פירט ער אין דער פועל־ציוניסטישער טעגלאכער „די צייט" עטלאכע אפטיילונגען, וואו ער נעמט צונויף און פארעפענטלאכט א מאסע אידישן פאלקלאר (לידער, נגונים, אנעקדאטן און מעשות.) פאר ליטווינען, בנוגע זיין גאנצער ליטעראַרישער טעטיקייט, פאסט זיך אמבעסטן די רוסישע באצייכענונג „נאראדניק". ער איז א א י ד י ש ע ר „נאראדניק": ער „גייט אין פאלק", עס ציט אים שטענדיק צו די פשוט'ע פאלקס־מאסן, צווישן וועמען ער דעקט אויף פארבארגענע נשמה־אוצרות.

ביבל. : א. ליטווין, „פון ארבעט און נויט", „אין פאדראד", „פון הדר'שן פנקס", און „אידישע נשמות" ; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

די זאָקנמאַכערקעס

אוי, אַ קלוגע וועלט איז היינט,
מיידעלאַך, געוואָרן!
ניט ווי אין דער באבע׳ס צייט,
אין די אַלטע יאָרן.

קונציק ווערן היינט געמאַכט
אַלע פּראָסטע זאַכן:
אויסגעקלערט מאַשינדעלאַך,
אוי, אין אַלע פאַכן.

לאָז אַראָפּ די אייגעלאך, 1)
אַלטע באבע האָדע!
דיינע ליבע פרענטעלאַך 2)
זיינען שוין אויס מאָדע.

קום אַריין צום איניקל,
דאָ אין מאַסטערסקאַיע: 3)
גאָר חידושים ועסטו זען. —
פּרענטעלאַך גאָר נייע!

פאָרקן יעדע אייגעלע
דאַרף מען ניט באַזונדערט,
גיב אַ רוק אַהין, אַהער —
פאַרטיק ווערט אַ הונדערט.

אוי, אַ גביר צו זיין איז היינט
פראָסט אַ פאַרגעניגן,
האָט ער אַ מאַשינדעלע,
קען ער שוין אַלץ קריגן.

האָט ער אַ מאַשינדעלע,
אוי, פון שטאָל און אייזן,
וואָס דאָס האַרץ געלוסט אים נאָר,
קען ער שוין דערווייזן!

נאָר פאַר אונדז איז, שוועסטערקעס,
ניט געוואָרן גרינגער:
צי מיט די מאַשינדעלאַך,
צי מיט הוילע פינגער.

פון די נייע פרענטעלאַך
קומט צו נייע שמאַרצן:
יעדער רוק און דריי ביי אונדז
קלאַפּט זיך אָפּ אין האַרצן.

ווי אין שטייג אַ פייגעלע,
איינגעשפּאַרט אין חדר,
צוגעשמיט צום ביינקעלע —
דרייען מיר כּסדר.

ווייסן ניט פון לופט און שיין,
תמיד איינגעבויגן;
גריבער אין די בעקעלאַך,
פינצטער אין די אויגן.

הענטעלאַך און פיסעלאַך
ברענען אונדז ווי פייער:
אוי, איר שיינע זעקעלאַך,
אוי, איר קאָסט אונדז טייער!...

---

1) אייגלאַך — לעכלאַך ביים זאָקן־מאַכן. 2) שטאָלענע שטעקעלאַך, מיט וועלכע מען פלעגט אַמאָל מאַכן זאָקן. 3) אַ ווערקשטאַט, אַ „שאַפּ“.

א. מ. שװאַרקאַנסקי

א. מ. שאַרקאַנסקי — געבאָרן אין קאָוונע, אין 1862, אין 1887 אויסגעוואַנדערט קיין ניו יאָרק, וואו ער איז אין 1905 געשטאָרבן, נאָך אַ שווערער גייסטיקער קראַנקהייט. א. מ. שאַרקאַנסקי איז איינע פון די לייד־פיגורן פון דער אידיש־אַמעריקאַנישער דיכטער־גאַלעריי. אַ שיינער פּאָעט, מיט אַ צאַרטן, אידיש־פאָלקלאָר־נאַציאָנאַלן טאָן און ניט אָן הומאָר, איז אָבער פאַר אים, אין די יונגע יאָרן פון דער אידיש־אַמעריקאַנער פּרעסע, גאָר ניט גרינג געווען צו קריגן זיין אויסקומעניש דורך זיין פּעדער. ער האָט מיט זיינע לידער און פעליטאָנען אומגעוואַנדערט איבער כמעט אַלע אידיש־אַמעריקאַנישע צייטונגען, געשריבן פּיעסן פאַר׳ן טעאַטער, רעדאַגירט, צוזאַמען מיט זיין נאָענטסטן פריינט מאָררים ראָזענפעלד און מיט׳ן באַוואוסטן סאָציאַליסטישן פובליציסט פיליפּ קראַנץ, פאַרשיידענע שריפטן — און איז ביי דעם אַלעמען אָפט געווען גאַנץ איינזאַם.

ביבל.: א. מ. שאַרקאַנסקי, „אידישע נגונים" און „גלות־בילדער"; ל. ווינער 'Yiddish Literature'; ז. רייזען, „לעקסיקאָן".

פאַרגעסן

איך האָב אַמאָל געליבט צוויי אויגן —
וואו זיינען זיי,
די אויגן צוויי?
ס׳איז פאַרפלויגן, ס׳איז פאַרפלויגן.

איך האָב אַמאָל אַ האַרץ באַזעסן —
וואו און ווען
איז דאָס געווען?
כ׳האָב פאַרגעסן, כ׳האָב פאַרגעסן.

די אַלטע נעכאַמע

וואָס איז מיט דער אַלטער נעכאַמען ?
וואָס פעלט דער באַיאָרנטער מאַמען ?
זי איז מיט די קינדערלאַך יעצט !
עס האָבן געבראַכט איר צופירן
פון ליטאָ, די קינדער, די גביר׳ן
און האַלטן איר דאָ הויכגעשעצט.

זי איז דאָך מיט שמחה געפאָרן,
זי האָט דאָך געביינקט לאַנגע יאָרן,
די זין מיט די איינקלאַך זען !
נו, וואָס זשע קען פעלן דער מאַמען,
וואָס איז מיט די קינדער צוזאַמען,
וואָס איז פאַר אַ בייז איר געשען ?

ווי קען זיין די מאַמע צופרידן ?
די זין אירע זיינען קיין אידן,
מען הערט ניט אַ אידישן וואָרט !
מען וואוינט ניט מיט אידן צוזאַמען ;
ווי קען עס דען שמעקן נעכאַמען,
ווי קען זי גאָר איינזיצן דאָרט ?

מען עפנט צומאָל ניט אַ סידור,
מען זינגט לויטער גוי׳אישע לידער,
מען רעדט נאָר די גוי׳אישע שפּראַך !
די איינקלאַך קענען קיין אלף :
עס שנייט איר דאָס האַרץ מיט אַ חלף :
ווי קען זי פאַרגעסן דאָס ? אַך !

די איינִיקלאַך אירע, די קלוגע,
זיי קוקן אויף איר ווי משוגע
און שטילערהייט מאַכן זיי שפּאַס:
וואָס טויג זיי די אַלטינקע באַבע,
וואָס האָט נאָר אין זין עולם הבא,
וואָס טויג זיי דען איר משוגעת?

און זי, אונדזער אַלטע נעבאַמע,
די טרייע, די צערטלאַכע מאַמע,
זי זיצט אָפט און וויינט אין דער שטיל:
זי בּיינקט נאָך אַמאָליקע יאָרן,
חרטה האָט זי אויפ׳ן פאָרן
און שטאַרבן איז דאָס וואָס זי וויל.

דער שומר בּיינאַכט

אַ פּוילישער דערפל... ביים וועג שטייט אַ שיינקל,
דאָ וואוינט זיך דער אַלטער ישוב׳ניק ר׳ יענקל,
איין איינציקער איד ביי אַ מחנה ערלים, 1)
ער האָרעוועט, פּראַצעוועט אויף אַלע כלים.
די שטיקל פּרנסה קומט אָן שווער און ביטער,
דער גוי צאַפּט די דמים, 2) דאָ קאָכט ער, דאָ בריט ער
און יענקל מוז אַלע זלזולים 3) פאַרשווייגן;
אַזוי איז בייטאָג, נאָר ביינאַכט צוועלף אַ זייגער
ווען סאַשעק ליגט אונטער׳ן טיש ווי אַ פּגר
און מיכאַל זיין חבר איז אויך שטאַרק באַזאָפן,

הייסט יענקל זיין ווייב און זיין מיידל גיין שלאָפן
און ער גייט צום שאַפ, מאַכט דעם תהלים׳ל אָפן.
ער קלינגט אַן מיט „אשרי“ 4) אין מיטן דער נאַכט,
ער זינגט און ער זאָגט און ער זיפצט און ער טראַכט.

ביי „תפלה לעני“ 5) גיט יענקל אַ ציטער:
וואָס טוט מען, די צייט איז אין דאָרף אַזוי ביטער!
ניטאָ מער קיין ערלאַכער גוי אויף אַ רפואה,
מען טאָר זיי ניט גלויבן צומאָל אויף אַ שבועה.
נאָר רשעות אויף אידן, דאָס קענען זיי ריידן!
ווי שיין איז געוועזן דער דאָרף פאַר מיין זיידן:
דער גוי פלעגט אים ברייגגען פון קאָרן און פלאַקסן,
זיין שפע איז אים גאָר אָן רעגן געוואַקסן;
און פלעגט אים אַ גוי אַמאָל זידלען און וואַשן,
צעברעכן די גלעזער, צעהאַקן די פלאַשן,
פלעגט ער זיך דערנאָך דאָך אַ ביסל באַזינען
און זאָגן אים: „זשידעק, 6) דו קריגסט צו פאַרדינען“
און גיין מיט אים טאַנצן אין מיטן דערינען...
די אַלע זכרונות 7) ווערט יעצט אין אים פריש
און גלייך גיט ר׳ יענקל דעם תהלים אַ מיש.

„מן המצר קראתי“... און יענקל טראַכט ווייטער:
דער היינטיקער דור איז דורכאוים אַ פאַרשייטער:
פאַר צוויי וואָכן קומט דאָ אַ איד אָן צופאָרן,
אָן באָרד און אָן פאות, אינגאַנצן פאַרשאָרן.
איך טענה צו אים און דערצייל אים די ליידן,
איך הער פון אים רייד, ווי אַ גוי וואָלט עס ריידן!
„רעכט אויף אייך“, זאָגט ער, „רעכט אויף אייך אַלעס.
איר שטעלט מיט די שיינקען די גוים בדלות!“ 8)

מיין אָרימער שכל קען דאָס ניט באַנעמען,
מיר גנב'ענען דען, צי מיר רויבן פון ווּעמען?
פּאַרמעגן זאָל איך וואָס זיי זיינען מיר שולדיק,
זיי זידלען, זיי שלאָגן און איך בין געדולדיק
בין דאַר ווי אַ שפּאָן און דער גוי ווי אַ בול 9) דיק;
נו, קומט נאָך אַ איד און ער גיט זיי נאָך רעכט.
„כל גוים סבבוני...“ 10) אֵי, טאַטע, ס'איז שלעכט!

„אהללה ה' בחיי“... 11) קלינגט זיין שטימע גאַנץ ליבלאַך;
ער קוקט דורכ'ן פענצטער אויף די גוי'אישע שטיבלאַך,
דער גאַנצער דאָרף שלאָפט, עס וואַכט נאָר ער איינער,
ר' יענקל נעמט פילן אַ קעלט אין די ביינער.
זיין האַרץ ווערט אין אים ווי אַ בוימל צעגאָסן;
„אֵי, טאַטע, שיק צו פּאַר מיין מיידל אַ חתן!
איך בין שוין אַ איד, גאָט צו דאַנקען, באַיאָרנט,
איך האָב נאָך מיין איינציקע קינד ניט באַוואָרנט,
איר חתונה מאַכן וואָלט איך אַזוי וועלן
און ווייטער זאָל שוין ווי גאָט וועט געפעלן:
„אֵי הנה לא ינום... 12) דו טאַטע געטרייער!“
ר' יענקל ער שטייט יעצט און היט ביי זיין שייער:
אַ גוי האָט געסטראַשעט אין דרויסן ביינאַכט; 13)
מיט'ן תהלים אין האַנט שטייט ר' יענקל און וואַכט.

---

1) „אַרעילים“ — גויאישע פּויערים. 2) דאָמים — דאָס בלוט.
3) גראָבע זידלערייען. 4) „אַשרעי“ — „אַז וואויל איז דעם מענטשן, וואָס איז ניט געגאַנגען לויט דער עצה פון די שלעכ־טע“ — דער ערשטער קאַפּיטל אין תהלים, דער באַליבסטער תנ"ך־ספר ביים אידישן פּאָלקס־מענטשן, אין וועלכן ער גיסט אויס זיין האַרץ אין פרייד און נאָכמער אין לייד. 5) "דאָס געבעט פון דעם אָרימן ווען ער איז פאַרשמאַכט“ — איינס פון די „ליריש“ צעבראָכנסטע קאַפּיטלאַך אין תהלים. 6) אידל. 7) דערמאָנונגען,

דערינערונגען. 8) אונדזער דיכטער נעמט זיך אָן פאַר'ן דאָרף־אידן אַקעגן דעם משכילישער קריטיק. 9) נאַטירלאך, אַן אַמע־ריקאַניזם: „בול“ — אַן אָקס. 10) "קאָל גויאים סוואָוואוני“ — אַלע פעלקער טוען מיך אַרומרינגלען (מיט האַס) — אַנאַנדער פּסוק אין תהלים, ווי אויך די צוויי ווייטערדיקע ציטאַטן. 11) „אַהאַללאָ אדוינאָי בכאַיאָי“ — לאָמיך לויבן גאָט זאָלאַנג איך לעב נאָך. 12) „הינעי לוי יאָנום“ — גאָט דרעמלט ניט און שלאָפט ניט. 13) געסטראַשעט אונטערצוצינדן.

וואָס איז אַ איד

אַ בעטלער, אַ שררה,
אַ וואָרים, אַ ריז;
אַן אַלטע הושענא,
אַ שטעכנדער שפּיז;
אַ בלום און אַ דאָרן,
אַ בראַנד, אַ שטיק אייז:
אָט דאָס איז געוואָרן
ישראל דער גרייז.
אַ שטאַרקער, אַ שוואַכער,
אַ טרום און אַ העלד;
ביים עמוד אַ מאַכער, 1)
אַ גאָרנישט אין פעלד;

אַ נדבן, 2) אַ שנאָרער,
דאָ פריש און דאָ מיד,
דאָ האָניק, דאָ מרור;
אַזוי איז דער איד.

אַ שטענדיקער חולה
און שטאַרבט ניט אויף טויט;
מסחרים גאַנץ וואוילע
און האָט ניט אויף ברויט,
אַ גריילאַכער קענער
און ווערט קיינמאָל גרויס;
ער מאַכט שאַרפע פּלענער
און פירט זיי ניט אויס.

ער גלוסט פּאַלעסטינע
און זיצט אין דער היים;
ער האָפט צו דער שכינה
און גלויבט אין בעל שם. 3)
ערשט תשעה באב קלאָגט ער
און גלייך איז „נחמו“;
אַ פּאַק צרות טראָגט ער
און טאַנצט זיך נאָך צו...

---

1) אַ גאַנצער בריה מיט תּפלות (מיט׳ן מויל). 2) נאַדוון — גרויסער בעל־צדקה. 3) דער זין פון דעם פּערז און דעם פּאַריקן

איז: פון איין זייט איז זיין רעליגיע הויך און גייסטיק און
פון דער אַנדערער איז זי פול מיט אָבערגלויבן.

מאָררים ראָזענפֿעלד

מאררים ראזענפעלד — געבארן אין 1862טן יאר אין דארף באקשא, סובאלקער גובערניע, אין פוילן; געגאנגען (אין װארשוי) אין חדר, אויך געלערנט א ביסל דייטש און פויליש. צו צװאנציק יאר הויבט זיך אן ראזענפעלד'ס עמיגראנטישע און ארבעטער־קאריערע. אין 1883 קומט ער צום דריטן מאל אן אין לאנדאן, װאו ער בלייבט גאנצע פערטאלבן יאר. דא הויבט ער אן ארבעטן אין די בארימטע שניידערשע „סוועט־שעפער", הונגערן (אמאל טאקע אין בוכשטאבלאכסטן, שרעקלאכסטן זין) און שרייבן לידער (א סימן פון זיין דיכטערישן טאלאנט האט ער שוין אויך געהאט ארויסגעװיזן אין פוילן). מען דארף אננעמען אז דאס האט אים באגייסטערט די שוין דאמאלס אין לאנדאן עקזיסטירנדיקע אידישע אנאר־כיסטיש־סאציאליסטישע באװעגונג און פרעסע; און זיכער האבן די פאר אינטעליגענטן פון יענער באװעגונג אים אויפגעמונטערט מיט זייערע ידיעות און עצות. אנקומענדיק, אין 1887, אין נויארק, הויבט ער זיך אן דרוקן, אומװאנדערנדיק צװישן דער בעל הבתישער און דער סאציאליסטיש־אידישער פרעסע: צו דער סאציאליסטישער באװעגונג טוליעט ער זיך א סך יארן, נאכאנאנד און מיט איבעררייסן, אפט אויפטרעטנדיק אפילו אויף איר טריבונע, אלס דעקלאמאטאר פון זיינע לידער. עטלאכע מאל פרואװט ער ארויסגעבן אייגענע צייטשריפטן, װאו, אין אומגעצאמטער פאלעמיקע

מיט די אידישע פּען־חברים, עס אנטוויקלט זיך זיין שאַרפע סאַטירע. אין 1897 לאָזט ער ארויס זיין דריטע און דאַמאָלס די גרעסטע לידער־זאַמלונג, „דאָס לידער בוך“. דעם אָרימען דיכטער׳ס זון גיט פּלוצים העל א שיין אויף. ל. ווינער (וועמעס בוך ווערט דאָ אָפט דערמאָנט אין דער ביבליאָגראַפיע, און וועלכער איז אַ ביאַליסטאָקער איד), דער דאָצענט פון סלאַווישע שפּראַכן און ליטעראַטורן אין האַרוואַרד יוניווערסיטעט, איבערזעצט זיינע לידער אויף ענגליש און שרייבט וועגן אים. דער פּאָעט פון גהעטאָ, פון „סוועט־שאָפּ“ און פון אידישן „זשאַרגאָן“ ווערט די דריי־פּאָכיקע סענסאַציע פון דער אמעריקאַנער ליטעראַרישער וועלט און פון דאַנען טראָגט זיך זיין נאָמען אַריבער אין אַנדערע לענדער און שפּראַכן. אַ קורצע צייט נאָכדעם וואַרפט ער די שניידעריי און הויבט אָן לעבן פון זיין פעדער, שרייבנדיק, אחוץ לידער, אויך פעליטאָנען, אַרטיקלען, א. א. וו.

דער בייט פונ׳ם „סוועט־שאָפּ“ אויף דער רעדאַקציע גיט ראָזענפעלד׳ן אַ קנאַפּן נחת רוח (אויף וואָס ער באַקלאָגט זיך אין פיל לידער). דאַן קומען גרויסע אומגליקן: אַ שווערער פּאַראַליז אין 1906, וואָס מאַכט אים שיר בלינד, דער טויט פון זיין ליבסטן קינד, זיין איינציקן זון (וואָס געפינט אויסדרוק אין עטלאָכע יאָמערפולע לידער). אויך זיין ווייטערדיקער לעבנס־וועג הערט ניט אויף צו זיין שטיינערדיק און גריבער־דיק: זשורנאַליסטישע האַרעוואַניע, אומוואַנדערונגען פון איין צייטונג אין דער צווייטער, קראַנקהייט, אָפטע קריגערייען מיט די חברים פון דער פּראָפעסיע. אין 1922—1923 דרוקט ער זיך שוין כמעט ניט. אין פרילינג פון 1923 פייערן די קאָלעגן־שרייבער זיין 60־יאָריקן יובילייַ מיט אַ גרויסן אָבער טרויעריקן באַנקעט: דער יובילאַר איז שוין אַ שברי־כלי און שיינט שוואַך צו פאַרשטיין די האַרציקע רייד פון די חברים. אומגעפער אין אַ מאָנאַט אַרום איז ראָזענפעלד געשטאָרבן.

ראָזענפעלד איז דער פענאָמען פון דער אידישער פּאָעזיע. זיין קראַפט איז ווי פון אַ נאַטור־עלעמענט, זיין טעמפּעראַמענט איז וואָלקאַניש, זיין בילד בלענט ווי אַ בליץ, זיין פרייער ריטם זינגט און שאַלט, זיין וואָרט. כאָטש ניט־זעלטן מוז ער עס קענטיק זוכן, קלינגט ווי אַ שטורעם־גלאָק. כמעט אומעטום מיט גרויסע חסרונות, צייכנט ער זיך אומעטום אויס: זיינע אַרבעטער־לידער, כאָטש אָפט רוי און רעטאָריש, זיינען אַ שרעקלאָכער אָנקלאָג און וואָרענונג: זיין אידישער „גלות־מאַרש“ ברומט מיט פּאַטאַליס־טישער פורכטבאַרקייט: זיין ליריק, כאָטש אָפט ניט פון איין גוס, איז דורכגעווייקט אין טיפער מעלאַנכאָליע און פיינער געדאַנקלאָכקייט; זיינע נאַטור־לידער — פריש, פאַרביק און אידישלאַך אַנגעהויכט; זיינע ליבע־לידער, הגם די מייסטע שטאַמען שוין פון זיינע לעצטע יאָרן, אָטעמען

אבער מיט יונגטלאכער פריידן־ווייי; און אפילו זיינע סאטירישע לידער, כאטש זיי זיינען פול מיט אומדערטראגלאכע וואולגאריטעטן, געהערן צו די שניידנדיקסטע אין דער אידישער פאעזיע.

ביבליאגראפיע: מאררים ראזענפעלד'ס ווערק: ל. ווינער 'Yid. Lit.'; דר. פינעס, „געשיכטע פון איד. ליטעראטור"; בעל דמיון און דר. זשיטלאווסקי, „דאס נייע לעבן", 1909; י. ענטין, „די צוקונפט", 1923; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

א.

דעם פאָעט'ס וועלט.

מיין טיש

חברים, ווען די שעה וועט שלאָגן,
עס וועט זיך ענדיקן מיין לעבן,
איר וועט מיך צום בית עולם טראָגן,
די לעצטע מנוחה מיר צו געבן;
טאָ נעמט דעם טיש, וואו כ'האָב געשריבן,
וואָס איז פאַר'יתומ'ט שטיין געבליבן,
וואָס האָט געטריי געדינט מיר יאָרן
און מאַכט פון אים פאַר מיר אַן ארון.

איך האָב זיך איבער'ן טיש געבויגן
אין אַלערליי פאַרצאָגטע שטונדן,
האָב לעבן אים געבלענט די אויגן
אויף אייגענע און פרעמדע וואונדן...
מיין טיש, מיין אָר'מער טיש מעג שווערן,
ווי היים עס פלעגן מיינע טרערן
אויף זיינע קאַלטע ברעטער רינען,
ווען איך פלעג מיינע לידער שפּינען.

אַן ארון פון מיין טיש וועט האַלטן
מיך וואַך אין קבר׳ס שוואַרצע רינגען
און דורך דעם פינצטערן טויט׳ס געוואַלטן
וועל איך פון מענטשנליבע זינגען.
מיין אַלטער טיש וועט הערן ווידער
דורך נאַכט און שרעקן מיינע לידער,
מיין זעלע וועט דאָרט ציטריק שוועבן,
זי וועט דאָרט אייביק, אייביק לעבן.

ניט זאָרג, מיין טיש! ניט האָב קיין ליידן!
איך וועל דיך דאָ ניט איבערלאָזן,
וועל קיינמאָל זיך מיט דיר ניט שיידן,
צומאָל ניט אונטער ערד און גראָזן.
אין גרוב, וואו מען וועט מיך פאַרשאַרן,
וועט אויך אויף דיר אַ מלאך האַרן;
צוזאַמען וועלן מיר פאַרבלייבן,
ווי איצט ביי דיזע ציילן שרייבן.

(דאסדאָזיקע שרעקלאך פּאטעטישע ליד ווערט דא אריינגעגעבן אלס א מין צוואה פון דעם דיכטער. — באמערקט דעם ריטם, דערהויפּט אין די שפּעטערע טיילן פון ליד. — עס בעט זיך דא דערציילן דעם יונגן סטודענט, דאס ביי פארצייטיקע ערלאכע און פרומע אידישע שניידער איז געווען א מנהג, אז מען זאל זיי מקבר זיין אין זייערע שניידער־טישן, זיי זאלן פאר זיי עדות זאגן אויף יענער וועלט, דאס זיי האבן ערלאך געארבעט, ניט אראפּגענומען פאר זיך אפילו דעם „יתור" (ייטור), דאס אויסגעבליבענע פונ׳ם צייג.)

דער פּאָעט

אויף גאָלדענע וועגן שפּאַצירט דער פּאָעט,
באַלייט פון אַ שטראָם מיט פּאַרפומען ;
דאָס ליד וואָס ער זינגט און די שפּראַך וואָס ער רעט
באַשטייען פון בליענדע בלומען.
זיין טרוים איז לעבן און אייביקייט,
זיין בליק איז ווייטער ווי זיין צייט...
און וואָס אים אַרט און נאָגט און קוועלט,
דאָס איז דער שמערץ פון אונדזער וועלט...
די נאַרן ווייסן ניט זיין מיין,
די שלעכטע וואַרפן אים אַ שטיין
און ער, געהילט אין ליכט, ער גייט,
געבענטשט פון דעם וואָס אים פאַרשטייט ;
יאַ, פאָראויס גייט ער, פאָראויס דאָך
און די געשיכטע גייט אים נאָך.

(דער הויכער טאָן, דער שטאַרקער ריטם און די גאַנצקייט פון דער פאָרמע דערמאָנען אָן דער קלאַסישער אָדע. — וועלכער פערז איז דער שוואַכסטער אין ליד ?)

ווי איך זינג

איר פרעגט ביי מיר וואו איך באַלאַנג,
וואָס מיך דערפרייט און מיר טוט באַנג ?
אָ הערט די נאַכטיגאַל׳ס געזאַנג !
אָט גיסט זי אוים איר זיסן גוסט
אויף אַ געשמאַקן בלומנקוסט
און אָט פאַרגייט זי פאַר געוויין
דאָרט ערגעץ אויף אַ הוילן שטיין...
אָט פייפט זי פריי אין גרינעם וואַלד
און אָט הילכט פון אַ חורבה באַלד
אַרונטער איר פאַר׳כשופ׳ט קול :
זי זינגט דעם באַרג, זי זינגט דעם טאָל.

אַזוי זינג איך מיין ערלאַך ליד
אַוואו עס וועלקט און וואו עס בליט,
האָב קיין באַשטימטע ריכטונג ניט,
איך זינג — דאָס זינגען איז מיין ציל.
אין יעדער ליד איז אַ געפיל.
איך קלער ניט וואָס, איך קלער ניט ווען,
אָט פלוצלונג גיט אין האַרץ אַ ברען,
עס גיט אַ קלעם, עס גיט אַ שפּאַר,
אַמאָל די פרייד, אַמאָל דער צער —
דאָס קומט פון ברוסט און ניט פון קאָפּ
און די גשמה נאַרט ניט אָפּ...

(דאַסדאָזיקע פּראַכטיקע ליד (פּראַכטיק מיט זיין ריטם, בילד און וואָרט) איז אַ קענטיקער ענטפער אויף די ניט־זעלטענע פאָרוואורפן אונדזער דיכטער פאַר זיין אפּטן „אַרומוואַרפן זיך" צווישן דער קאָנסערוואַטיווער און ראַדיקאַלער פּרעסע. — וואָס איז דער פּערז־בוי פון ליד ?)

דער אָדלער

וואו די ריזן וואָלקן יאָגן,
אויבן, אין דעם העכסטן אָרט,
שוועבט דער קיסר פון די פייגל,
פליט דער גרויסער אָדלער דאָרט.

מיט די שטאַרקע פליגל פאָכט ער
אין דער לופטן און ער פליט.
עלנדער, אַחוץ די הימלען
האָט ער קיין חברים ניט.

ווערט ער מיד פון שווערע רייזן,
רוט ער איינזאַם און אַליין
ביי דעם זוים פון טיפע וואַסערס,
אויף אַ הויכן באַרג פון שטיין.

מיט פאַראַכטונג קוקט ער אונטן,
שאָקלענדיק זיין שטאָלצן קאָפּ —
אָפּט נאָר, ווען אים צווינגט דער הונגער,
לאָזט ער זיך מיט ווייַ אַראָפּ.

(כאָטש אין ליד ווערט עס בפירוש ניט דערמאָנט, קען, דאַכט זיך, קיין טעות ניט זיין, אז מען מיינט דאָ ניט דעם אדלער נאָר דעם פּאָעט).

ב.

פראַצע און שטרייט.

פאַרצווייפלונג

אַ דאַרף מען ניט רוען כאָטש איין טאָג אין וואָך,
אַ טאָג, מער ניט, פריי זיין פון שרעקלאַכן יאָך?
פאַרגעסן דעם באָם, דעם פאַרביסענעם מרוק 1),
זיין פינצטערע מינע, זיין שרעקלאַכן קוק,
פאַרגעסן די שאַפּ און דעם פאָרמאַנ׳ם געשריי,
פאַרגעסן די קנעכטשאַפט, פאַרגעסן דעם וויי!
— פאַרגעסן זיך ווילסטו און רוען דערצו?
ניט זאָרג זיך, אָט באַלד וועסטו גיין אין דיין רו!

באַלד האָבן די בוימער און בלומען פאַרבליט,
באַלד ענדיקט דער פויגל דער לעצטער זיין ליד,
באַלד זעט מען נאָר קברים אַרום און אַרום!
אָ ווי וואָלט איך וועלן אַ שמעק טאָן אַ בלום,
אַ שלונג טאָן כאָטש, איידער עס שטאַרבט אָפּ דאָס גראָז,
אויף פעלדער באַגרינטע דעם ווינטעלע׳ם בלאָז!
— אין פעלד 2) ווילסטו זיין, וואו ס׳איז לופטיק און גרין?
נישט קשה, מען וועט דיך שוין ברייננגען אַהין!

דער טייך איז באַזילבערט און גלאַנצט אַזוי שיין,
עס טאַנצן די וועלן מיט זעלטענעם חן —
אָ דאַרט זיך צו באָדן, ווי גוט מוז עס זיין!
ווי וואָלט איך מיט חשק אין וואַסער אַריין!
מיין גוף איז פון שרעקלאַכע אַרבעט פאַרשוואַכט —
ווי וואָלטן די בעדער מיך שטאַרקער געמאַכט!

— אָ באָדן זיך ווילסטו, זיך וואַשן אין טייך ?
ניט שרעק זיך, מען וועט דיך אַרומוואַשן גלייך !
די סוועטשאַפּ איז פינצטער און רויכיק און קליין,
אָ ווי זאָל מיין בלוזע די ווייסע זיין ריין ?
אין שמוציקן שאַפּ איז די ריינקייט מיר פרעמד —
און דאָך ווי באַגער איך אַ קלאָר ווייסע העמד !
אַ שירץ וואָס איז זויבער, אַ בלוזע וואָס לייכט,
פון שווייס ניט געברודיקט, פון טרערן ניט פייכט !
— זיך אָנטאָן אין ווייסן פאַרלאַנגסטו אַצינד ?
מען וועט דיך שוין אָנטאָן און אָנטאָן געשווינט !

אין וואַלד איז אַ חיות, אין וואַלד איז עס קיל,
דאָרט טרוימט זיך עס ליבלאַך, דאָרט טרוימט זיך עס פיל !
די פייגעלאַך זינגען מחיה׳דיק פיין,
די טענער די זיסע, זיי שלעפערן איין ;
אין שאַפּ איז עס אָבער אַ רויש און עס שטיקט —
אָ ווי וואָלט דער וואַלד מיך געקילט און געקוויקט !
— זיך אָפּקילן ווילסטו ? וואָס טויג דיר דער וואַלד ?
ניט לאַנג וועט עס נעמען און דו וועסט זיין קאַלט !

אַ טייערן חבר צו האָבן איז גוט,
אין נויט גיט ער האָפנונג, אין עלנדקייט מוט ;
אַ טייערער חבר פאַרזיסט דיר דיין זיין,
ער גיט דיר אַ חשק אין לעבן אַריין ;
און איך בין פאַר׳יתומ׳ט און איך בין אַ שטיין,
צווישן טויזנטער מענטשן — דאָך איינער אַליין...
— וועסט האָבן חברים באַלד גאָר אָן אַ שיעור,
זיי ראָיען 3) זיך שוין און זיי וואַרטן אויף דיר !

1) אַ פאַרצאַגטער, בייזער, שווייגנדיקער מענטש. 2) פ ע ל ד

הייסט אויך אַ בית־הקברות. 3) די ווערים, נאַטירלאַך.

(דאָס ליד איז איינס פון די פריסטע ביי ראָזענפעלד'ן. עס איז אין אַ פּאָר הינזיכטן גאַנץ פּרימיטיוו: עס איז עטוואָס צעצויגן און מאָנאָטאָן; עס שטייגט ניט (וואָס איז דען דער וויטיק פון ניט קענען טראָגן קיין ווייסע בלוזע ביי דער אַרבעט און פאַרגלייך מיט'ן עלנד פון ניט האָבן אפילו קיין איין טאָג רו אין וואָך?). אָבער שוין דאָ זעט מען ראָזענפעלד'ס גרויסן טאַלאַנט: דאָס יאָמער־געשריי פון „סוועט־שאָפּ" איז שטאַרק, ווערנדיק נאָך קראַפטיקר דורך דער דראַמאַטישער פאָרמע פון פראַגן און ענטפערס. און אויך דאָ קלינגען שטאַרק ריטם און וואָרט.)

מיין רוע־פּלאַץ

ניט זוך מיך, וואו די מירטן גרינען,
געפינסט מיך דאָרטן ניט, מיין שאַץ; 1)
וואו לעבנס ווערקן ביי מאַשינען,
דאָרטן איז מיין רוע־פּלאַץ.

ניט זוך מיך, וואו די פייגל זינגען,
געפינסט מיך דאָרטן ניט, מיין שאַץ;
אַ שקלאַף בין איך וואו קייטן קלינגען,
דאָרטן איז מיין רוע־פּלאַץ.

ניט זוך מיך, וואו פאָנטאַנען שפּריצן,
געפינסט מיך דאָרטן ניט, מיין שאַץ;
וואו טרערן רינען, ציינער קריצן,
דאָרטן איז מיין רוע־פּלאַץ.

און ליבסטו מיך מיט וואַרער ליבע,
טאָ קום צו מיר, מיין גוטער שאַץ!
און הייטער 2) אויף מיין האַרץ די טריבע
און מאַך מיר זים מיין רוע-פּלאַץ.

---

1) (דייטש) געליבטע. 2) (דייטש) פריילאך: הייטער אויף — מאַך פריילאַך.

(די נייע ווענדונג אין לעצטן סטראָף גיט זיכער ניט צו צו דער גאַנצקייט פון ליד און מאַכט עס אויך ניט שטאַרקער.)

דער בלייכער אַפּרייטער

איך זע דאָרט אַ בלייכן אַפּרייטער,
פאַרקאַכט אין דער אַרבעט, אַ שרעק!
און זייט איך געדיינק אים אַלץ נייט ער
און לייגט זיינע קרעפטן אַוועק.

עס ווערן חדשים פאַרפלויגן,
עס לויפן די יאָרן אַהין 1)
און נאָך זיצט דער בלייכער געבויגן
און קעמפט מיט'ן רויען מאַשין.

איך שטיי און באַטראַכט דאָרט זיין צורה,
זיין צורה, פאַרשמירט און פאַרשוויצט
און פיל, אַז דאָ אַרבעט קיין גבורה,
דער אימפּעט נאָר פּראָצעוועט איצט.

דאָך פאַלן די טראָפּנס כסדר,
פון אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג שפּעט
און זאַפּן זיך איין אין די קליידער
און טרינקען זיך איין אין די נעט.

איך בעט אייך, ווי לאַנג וועט נאָך יאָגן
דער בלייכער דעם בלוטיקן ראָד?
אָ ווער קען זיין ענדע מיר זאָגן?
ווער וויים יענעם שרעקלאַכן סוד?

אָ שווער, זייער שווער דאָס צו זאָגן,
דאָך איינס איז באַוואוסט און באַשיידט:
ווען אים וועט די אַרבעט דערשלאָגן,
זיצט תיכף אַ צווייטער און נייט.

1) עטוואָס דייטשיש (דאהין) — עס מיינט: אַוועק.

(דאָס ליד האָט אַ פּאָר שוואַכע שורות („און קעמפּט מיט'ן רויען מאַשין") און אַ פּאָר איבערטרייבונגען: האָט אָבער שיינקייט אין בילד („און טרינקען זיך איין אין די נעט") און נאַכמער אין ריטם. דער הויפּט עפעקט ליגט אָבער אין שלום. — וואָס איז דאָ דער פּ ע ר ז ־ ב ו י?)

ליבע און אָרימקייט

זי איז אַ דינסט ביי רייכע לייט
און ער אַ „האַנט" אין אַ פאַבריק;
און קומט דער אָוונט, קומט דאָס גליק,
אָ זי דערוואַרט שוין קוים די צייט!

ער קומט אַריין צו איר אין קיך
און גיט אַ קוש און גיט אַ „ביס“;
מען טאָר ניט וויסן ווער ער איז
און דער וויזיט מוז זיין אויף גיך.

דער קעסל זינגט... זי הערט זיך איין...
זיי וועלן הייראַטן און דאַן
איז זי דאָס ווייב און ער דער מאַן —
אַליין די בעלי בתים זיין...

זי מישט דעם פולן טאָפּ און טראַכט:
ער איז אַן אָרמער אַרבעטער,
איר אייג׳נער טאָפּ בלייבט אפשר לער!...
זי טראַכט און וואַכט די גאַנצע נאַכט...

אייביגע קולות

עס טראָגט זיך אַ טרייסטנדער קול דורך די וועלטן:
„איך וועל אייך פאַרגעלטן, 1) איך וועל אייך פאַרגעלטן!“
און נאָך אַ קול פול מיט פאַרצווייפלונג און צאָרן,
גערייצט דורך דעם שרעקלאַכן ווייטיק פון יאָרן,
צעקלינגט מיט אַ פראַגע וואָס וויל ניט פאַשטומען:
„אָ ווען וועט דאָס קומען? אָ ווען וועט דאָס קומען?“

„אַ ביסעלע שפּעטער, אַ ביסעלע שפּעטער —
עס דאַרפן נאָך וועלקן און גרינען די בלעטער“...
דערווידערט 2) דער טרייסט מיט אַ קול פון רחמנות —
„איך וועל אייך פאַרגעלטן, אויף מיינע נאמנות!“

דאָך ווילד רוישט דער ווייטיק און טענה'ט מיט האַרטן:
„מיר קענען ניט וואַרטן, מיר קענען ניט וואַרטן!...“

עס וועלקט און עס גרינט און עס בייטן זיך וועטערס,
עס קומען אַלץ צו און פאַרגייען די „שפּעטערס“
און אימער נאָך טראָגט זיך אויף בערג און אויף טאָלן
דער טרייסטנדער קול און ער ווערט ניט פאַרשאָלן
און אימער נאָך טראָגט זיך די פראַגע ווי פלאַמען
און מישן זיך ביידע אין האַרץ מיר צוזאַמען...

---

1) באַלוינען, פאַרגיטיגן. 2) (דייטש) ענטפערט.

(דאָס ליד, וואָס האָט אַ ביבלישן טאָן און איז אַי שיין, אַי שטאַרק, אַי פּאָלקום איז דער פאָרמע, שטאַמט נאָך פון ראָזענפעלד'ס פריע דיכ־טערישע יאָרן).

פאַרצווייפלטע קולות

און כל זמן געלט וועט קלינגען,
וועט מען דאָס לידל זינגען.

די סטרייקנדע וועבער ציטערן:
„ווען וועלן מיר אָנהויבן לעבן?“
זיי הערן אַ קול אַ ביטערן:
„ווען איר וועט פאַרשטיין ווי צו וועבן“...

די סטרייקנדע פאַרבער פרעגן:
„ווי לאַנג וועלן מיר פאַרדאַרבן?“ 1)
זיי ענטפערט אַ קול אַנטקעגן:
„ביז איר וועט פאַרשטיין ווי צו פאַרבן“...

די סטרייקנדע שניידער שטרייטן:
„ווי לאַנג וועלן מיר מוזן ליידן?“
זיי ענטפערט אַ קול פון ווייטן:
„ביז איר וועט פאַרשטיין ווי צו שניידן“...

די סטרייקנדע מיינער קלאָגן:
„ווי לאַנג וועלן מיר צרות האָבן?“
זיי הערן אַ שטימע זאָגן:
„ביז איר וועט פאַרשטיין ווי צו גראָבן“...

אַזוי נאָכאַנאַנד אַלץ גייען
די פראַגן און ענטפערס און קומען —
איך הער זיך דאָס איין מיט ווייען
און פרעג: ווען וועלן זיי פאַרשטומען?!

---

1) דאַרבן, שמאַכטן, אָפּקומען.

(די ענלאכקייט פון ליד צום פאריקן (עס שטאמט טאקע פון אומגעפער דערזעלבער צייט) ליגט אויבן־אויף. דאס ליד, כאטש אין פלוג רעוואלו־ציאנערער, איז דאך עטוואס שוואכער, ווייל עס פעלט דא דער טאן פון געהיימניספולקייט און אלוועלטלאכקייט פון יענעם ליד.)

צו די וועלט פארשלינגער

אַ ביסל מער, אַ ביסל קנאַפּער,
וואָס האַבעזוועסטו, 1) שאָטן-כאַפּער?
וואָס ניצט דאָס ווילדע יאָגן,
ווען דאָס פאַרבלייבט דעם קבר'ם קרבן
און אַלעם וואָס דו האָסט דערוואָרבן,
וועט מער קיין טאָג באַטאָגן!

דער שווארצער קאָסע-מאַן וועט קומען
און וועט דיר דיינע שענסטע בלומען
פון לעבנספעלד פאַרשניידן;
דו מעגסט ווי פעסט זיך קעגנשטעלן,
דער טויט מוז הערן צייט'ם באַפעלן
און קיינם און קיינעם מיידן.

ס'פארלאָזן ענדלאַך דיך, געבראַכן,
דיין מוט, דיין קראַפט און דיין נצחון —
אַ שרעקלאַכע מרידה! 2)
אַ קאַלטער שוים באַגיסט די ליפּן —
דאָס קומט די גסיסה אָפּצוקניפּן
דעם לעבנ'ם לעצטע חידה. 3)

דו רופסט אום הילף און בלייבסט באַטראָגן, 4)
דו זעסט די ענדע פון דיין יאָגן.
וואָס האָסטו דאָ דערוואָרבן?
וואו איז־דיין גליק? אַ אָר'מער יעגער!
עס קומען קאַלטע מטה-טרעגער —
אַ בעטלער איז געשטאָרבן!

אַ ביסל מער, אַ ביסל קנאַפּער —
עס גייט אַרום אַן אַלטער כאַפּער,
אַ מורא'דיקער האַסער
און כאַפּט צו אַלעס, אַלעס, אַלעס
און וואַרפט עס אין די שטומע כוואַליעס
פון דעם פאַרגעסנהייט'ס וואַסער. 5)

---

1) האָבעווען (האַווען) — אַרומלויפן, אַרומיאָגן (כדי וואָס מער אַריינצוכאַפּן). 2) בונט, אויפשטאַנד. 3) רעטעניש. 4) פאַר־ראַטן : אַפּגענאַרט. 5) דער דיכטער האָט מן הסתם אין זינען געהאַט דעם טייך לעטע פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע, דער טייך פון טויט און פאַרגעסנקייט.

(דאָס ליד, וואָס איז אַזוי שטאַרק אין קלאַנג, איז אויך שטאַרק אידישלאַך אין טאָן, דערמאָנענדיק אויפ'ן שאַרפן מוסר פון די אַלטע אידישע מגידים. אַדאַנק דעם האָבן מיר דאָ ווידער אַן אָפּקלאַנג, הגם אַ ווייטלאַכן, פון דאָס מאָראַליזירן פון די אַלטע פאָלקס־דיכטער.)

אַ נבואה

אַזוי ווי איר קענט די געפערלאַכע מויל
פון ווילדן וואולקאַן ניט פאַרמאַכן,
ווען פּלוצלונג ער קאַכט זיך פאַנאַנדער מיט גרויל
און וואַרפט פון זיין גליענדן ראַכן 1)
די יאָרנלאַנג קלייענדע גלוט מיט אַ גוואַלט,
אַזוי וועט איר אויך ניט פאַרמאַכן
דעם קראַטער פון צאָרן, ביי דעם וואָס איר האַלט
פאַרשקלאַפט איצט, ווען ער וועט דערוואַכן.

איז שטיל, דאַכט זיך, רואיק, פון אויפרעגונג ווייט
און גיט זיין געדולד אייך צושטייער,
דאָך טיף אין זיין בוזים פאַרפאַרטיקט די צייט
אַ גרויסן און שרעקלאַכן פייער...
און ווי, ווען דערדאָזיקער פייער ברעכט אויס!
אַ ווי אייך פאַר יענע מינוטן,
ווען ענדלאַך עס וועלן מיט שרעקן אַרויס
די יאָרנלאַנג קלייענדע גלוטן!

אויף אייערע טעמפלען, אויף אייער פּאַלאַסט,
אויף איי'רע סאַלאָנען זיך שפּרייטן
וועט יענער געוואַלטיקער פלאַם, מיט אַ האַסט,
אויף אייערע ווענט מיט די קווייטן.
אין בלומענטאָפּ וועט ער פאַרצערן די רויז,
וואָס בליט אייער ברוסט צו פאַרצירן
און לאָזן אייך נאַקעט און לאָזן אייך בלויז
אין שאַנדע צום קבר מאַרשירן.

צעשמאָלצן וועט ווערן דער גאָלדענער געץ,
פאַר וועלכן איר קניט און איר פלאַטערט
און איר, אין זיין הייסע און בלוטיקע פעטס
וועט ווערן צעקאָכט און גע'פּטר'ט;
זאָגאַר אויף די בערג וועט איהר טרעפען דעם בראַנד
פאַרצערן דעם שפּיץ פון די אייכן — 2)
אומזיסט וועט איר הויבן צום הימל די האַנט —
איר וועט אים ניט קענען דערגרייכן!

דען העכער וועט ווערן אין יענעם מאָמענט
דער הימל, גאָט וועט זיך דערהויבן
און אָפּקערן פון די פאַרבלוטיקטע הענט,
פאַרשמירטע פון מאָרדן און רויבן.

און איר וועט דאַן בלייבן אַ רויב צו דעם כעס,
וואָס איר נאָר אַליין האָט געשאַפן,
דורך אייער צעלאָזנקייט און משוגעת —
אין אייערע עלנדע שקלאַפן...

פון מזרח ביז מעריב וועט גרייכן דער פלאַם,
פון דרום ביז צפון זיך ציען —
ער וועט ווי אַ וואונדער אריבער דעם ים
און קומען ווי כשוף צעפליען.
עס וועט קיין פאַרלעגענער ווינקל ניט זיין,
וואו איר וועט זיך קענען פאַרשטעקן,
דען העל וועט עס זיין איבעראַל פון אַ שיין,
וואָס וועט אויף אייך ווייזן מיט שרעקן.

אַ דאַן וועט איר זען אייער שרעקלאַכן סוף,
פון וועלכן איר ווילט יעצט ניט הערן;
דאָס וועלט-געריכט וועט אייך באַשטימען די שטראָף
און איר וועט ניט קענען זיך ווערן;
איר וועט, ווי אַ חלום אין טונקעלער נאַכט,
פאַרשווינדן אין רויך און אין שאָטן
און ענדיקן וועט זיך די הערשאַפט פון מאַכט,
געשטיצט אויף דער קראַפט פון האַרמאַטן.

---

1) (דייטש) אַפגרונט, שלונד, מויל (איז קענטיק געבראַכט צוליב'ן גראַם מיט „פאַרמאַכן".) 2) אייכן (איכן) — דעמבעם.

(דאָס ליד, וואָס איז אין אַלגעמיין דאָס שטאַרקסטע פון ראָזענפעלד'ס סאָציאַלע לידער, הייסט ניט אומזיסט אַ נבואה: די שרעקלאַכע וואָרענונג וועגן דאָס ניט קענען באַהאַלטן זיך אין טאָג פון שטראָף („זאָגאָר אויף די בערג וועט איר טרעפן דעם בראַנד" און „פון מזרח ביז מעריב וועט גרייכן דער פלאַם"), די ביבלישע בילדער און ווענדונגען („און איר וועט דאַן בלייבן אַ ר ו י ב צו דעם כעס") און דער גאַנצער וועלט־קאַטאַסטראָפעדי־

קער קלאַנג, גיבן דער זאַך אויף צונ'אמת'ן אַ נביא'ישן טאָן: די רעוואָלוציע פון אַרבעט קעגן קאַפּיטאַל דערהויבט זיך צו דער פּורכטבאַרער הויך פון ביבלישן וועלט־געריכט „אין סוף פון די טעג". אין ליד זיינען אָבער דאַ עטלאַכע מיסקלאַנגען: „אויף אייערע ווענט מיט די קוויטן", איז אַ שוואַכע שורה, ווידער צוליב'ן גראַם; ענלאַך איז דער געמישטער מעטאַפּאַר פון גאַלדענעם געץ וואָס צוגייט אין זיין פּעטס; אויך איז דאָס וואָרט „גע'פּטרט", איז זעלבן סטראָף, שוין צו היימיש צו שטיין אין שכנות מיט די פייערלאַכע ווערטער אַרום. — וואָס איז דער פּערזן־בוי פון ליד?).

ג.

דער אייביקער פּנקס.

אַ גלות־מאַרש

מיט דעם וואַנדערשטאַב אין האַנט,
אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד,
אָן אַ גואל, אָן אַ פריינט,
אָן אַ מאָרגן, אָן אַ היינט —
ניט געדולדעט, נאָר געיאָגט,
וואו געגעכטיקט ניט געטאָגט.

אימער וויי, וויי, וויי,
אימער גיי, גיי, גיי,
אימער שפּאַן, שפּאַן, שפּאַן,
כל זמן כח אין פּאַראַן.

אונדזער גבורה ליגט אין שטויב,
אונדזער תורה איז אַ רויב,
אונדזער נאָמען — אַ געפּאַר,
אונדזער יחוס נאָר אַ צער,
אונדזער גאונות נאָר אַ חטא,
אונדזער פיינקייט — אַ געשפּעט.
אימער שלעכט, שלעכט, שלעכט,
אימער קנעכט, קנעכט, קנעכט,
אימער זוך, זוך, זוך —
זעגן 1) אין דעם שונא׳ס פלוך.

און אַזוי אַ יאָר נאָך אַ יאָר
און אַזוי אַ דור נאָך דור,
אָן אַ האָפנונג, אָן אַ צוועק,
איינגעהילט אין גרויל און שרעק,
וואַנדלען מיר ווילד אוים, ווילד איין,
פון יסורים נאָר צו פּיין.
אימער טרעט, טרעט, טרעט,
אימער בעט, בעט, בעט,
אימער נויט, נויט, נויט
און קיין גליק זאָגאַר צום טויט...

---

1) אַ ברכה, אַ בענטשונג.

(דער מורא׳דיקער פּאַטאַליזם: די אומפּאַרמיידלאַכקייט, די שטענדיקייט פון מורא׳דיקן אידישן שיקזאַל — דאָס מאַכט דאָס ליד פאַר איינס פון די געוואַלטיקסטע צווישן אַלע לידער וואָס באַקלאָגן דעם אידישן גורל. דער פּאַטאַליזם ווערט אויך אָנגעוויזן דורך דעם באַזונדערן ריטם, וואָס קלינגט אין דער אמת׳ן ווי פון אַ פּורכטבאַר־חולה־נופל׳דיקן מאַרש).

אידישער פנקס

(לעזנדיק די אידישע געשיכטע)

אָ אידישער פנקס, אָ אידישעם הערץ!
אָ אייביקער וועלט-בוך פון שווערע געמיטער!
איך בלעטער דיך אויף מיט אַ איניקסטן ציטער.
איך לייען און לייען דעם ברענענדן שמערץ
אין דיינע פאַרבלוטיקטע, שרעקלאַכע שורות.
רבונו של עולם, פיל מוט און פיל גבורות,
פיל בלוט און פיל טרערן,
אָט וואו איך זאָל קערן
און וואו איך זאָל מישן די הייליקע בלעטער!
דאָס זיינען קיין מענטשן נים, דאָס זיינען געטער,
וואָס האָבן געקענט אַזוי לידן און שטרייטן
און בלייבן אויף אייביק און אייביקע צייטן.

אָ אידישער פנקס, אָ אידישעם רייך! (2
אָ גרויסער בית עולם פון אידישע צרות!
אָ וואו האָט די וועלט נאָך אַזאַ בית הקברות
פון לויטער מאַרטירער? אָ וואו איז דיר גלייך
אַ בוך אין דער וועלט גאָר? איך לייען און לייען
די שטילע מצבות פון טויזנטע ווייען
און פרעג זיך פאַרוואונדערט:
אָ וועלכער יאָרהונדערט
וועט ענדלאַך שוין ברייננגען אַ שטיקעלע תקומה
מיין עלנדע, שוואַכע און ליידנדע אומה?
אָ ווער וועט אין אידישן פנקס פאַרשרייבן:
„געענדיקט דער גלות, אַ סוף פונ׳ם טרייבן?“

אַ אידישער פּנקס, איך עפן דיך אויף
מיט ציטערנדע הענט און שרייב צו נאָך אַ ציילע.
איך בין ווי אַ שאָטן פאַרגיינגלאך, אַ ווײילע
נאָר וועט דאָ פאַרזוימען מיין עלנדער גוף.
דאָך כל זמן עס ברענט נאָך דאָס הייליקע פייער,
גיב איך פון מיין פלאַמענדע זעלע צושטייער
דיר עטלאַכע פונקען
און יאוש באַטרונקען,
אַלס איד און אַלס אידישער דיכטער אין גלות,
געזויגן מיט בלוט און פאַרוויגט מיט יללות,
באַהאַלט איך אין דיר פאַר דער נאָכוועלט,
אויף שפּעטער,
מיין שמערץ און מיין ליבע אין אידישע בלעטער.

---

1) פּנקס (פּינקעס) — אַ כראָניק־בוך: דער פּנקס ביי די אידישע קהלות איז געווען אַ בוך, וואו מען פלעגט איינשרייבן אַלע אומגעוויינטלאַכע אידישע און אפילו ניט־אידישע געשעענישן פאַר די צוקונפטיקע דורות. 2) מלוכה.

(דער דריטער סטראָף איז דער שטאַרקסטער און שענסטער אַדאַנק דעם לירישן עלעמענט וואָס ער טראָגט אריין. באַמערקט די שיינקייט פון: „איך בין ווי אַ שאָטן פאַרגיינגלאך, אַ ווײילע נאָר וועט דאָ פאַרזוימען מיין עלנדער גוף".)

אלול מעלאָדיען

דער בעל תקיעה גיט אַ בלאָז,
עס פאַלט אַ טריבעס וועטער;
עס וועלקט אין פעלד דאָס יונגע גראָז;
דער בוים פאַרלירט די בלעטער.

די ערד שטייט הויל און נאַקעט באַלד,
אַ סוף איז צו איר יחוס;
דער פויגל זינגט אין גרויסן וואַלד
און וועקט און רופט צו סליחות.

ער זינגט אי אומעטיק, אי זיס —
אַ ג׳זעגן ליד מסתמא;
דאָס גיט אַ נעם, דאָס גיט אַ ריס,
אַ ריס ביי דער נשמה!

עס רוישט דער וואַלד, עס וויינט דער ווינט,
די האַק קוקט אָן דעם שומר...
דאָס קומט אַ יום הדין אַצינד
אויף ביימלאַך און אויף ביימער.

אָ מענטשן! ביימער אין דעם וואַלד!
איר הערט די שטורעמס קנאַקן?
צי יונג, צי אַלט, צי שפּעט, צי באַלד,
מען וועט אייך אַלע האַקן!...

* *
*

ס׳איז שטירמיש, קאַלט דאָס וועטער:
איך גיי אין וואַלד אַליין
און קלייב די טויטע בלעטער
און קוק זיי אָן און וויין:

„אָ בלעטער, טויטע בלעטער,
דער מענטש און איר זייט גלייך:
מיט מיר וועט אויך זיין שפּעטער
אַט דאָס, וואָס יעצט מיט אייך:

עס וועט דער ווינט, דער כעסן,
צו מיר אויך קומען באַלד
און מיך אַרונטעררייסן
פון לעבנסבוים מיט גוואַלט.

שוין פיל איך די געפאַרן
פון הערבסט־ווינט אויף מיין קאָפּ;
שוין פיל איך מיין פאַרדאַרן
און פיל, איך פאַל אַראָפּ!"

(די זעלטענע שיינקייט פון ערשטן טייל פון ליד, אחוץ פון די פערזאָני־
פיצירונגען און אנדערע בילדער, קומט אָבער צום גרעסטן טייל פון דער
פאַראידישלאַכונג פון דער נאַטור.)

ד.

אומעט און ווײ.

צום נײעם יאָר

שוין ווידער זע איך דיך, דו אַלטער, שטרײנגער העלד,
דו קומסט דאָס מיט דײן קאָסע יעצט פון לעבנס-פעלד.
פאַרשניטן האָסטו מיר אַ יאָר, אַ ווי געשווינט!
און וואַרטסט שוין אויף דעם צווייטן, וועלכער קומט אַצינד.
דיך קימערט ווייניק אויב איך פינצטער אָדער גלאַנץ,
דו ווייסט נאָר איינס: צעשנײדן אַלעס וואָס איך פלאַנץ.

אַ צייט, ווי שטירצסטו אין פאַרגעסנהייט און נאַכט
די פריידן, וועלכע דו האָסט מיר אַליין געבראַכט!
איך זע דעם יונגן יאָר, דו שטעלסט מיר זעלבסט אים פאָר
און ווייסט אים זעלבסט פאַרניכטן פונקט ווי יענעם יאָר;
און ניט נאָר יאָרן, אייביקייטן אָן אַן ענד, —
דו האָסט זיי זעלבסט געבראַכט און האָסט זיי זעלבסט
פאַרלענט.

אַ שווידער גרייפט מיך אָן און מיין געדאַנק בלייבט שטיין,
ווען איך באַטראַכט דעם קומען, וועלכער מוז פאַרגיין:
וואָס איז דער צוועק דערביי? וואָס איז דערביי דער זין?
פון וואַנען קומט דאָס לעבן און וואו גייט דאָס הין?
אַ ווי! וואָס איז די גאַנצע וועלט מיט אירע לייט?
נאָר גראָז, אַ נאַרונג פאַר דער קאָסע פון דער צייט!

און דאָך בין איך צופרידן און פאַרליר קיין מוט,
ווייל דער וואָס שאַפט דאָס אַלעס איז גערעכט און גוט.
ווי קען דער שוואַכער מענטש, דער וואָרים ווערלכער קריכט,
אריינבליקן אין גאָט און אויפפאַסן זיין ליכט? —
דערפאַר פאַראייניק איך מיך מיט דער וועלט אין כאָר
און רוף באַגייסטערט אויס: ווילקאָמען, נייער יאָר!
ווילקאָמען נייער יאָר! זאָל יעדער אויגנבליק,
וואָס דו וועסט דאָ פאַרוויילן, זיין געבענטשט מיט גליק!

זאָל יעדער טאָג אַהער ברייגען דעם שענסטן טרוים,
די זיסע פרוכט פון פרידנ׳ס גאָלד-געקרוינטן בוים;
זאָל אונטערגיין דאָס לעבן אין אַ מער פון פרייד
און נישט דערטרונקען ווערן אין א ים פון לייד.

ווילקאָמען נייער יאָר! נו, מיט דעם רעכטן פוס!
איך זע דיך יעצט, ווער ווייס אויב איך וועל זען דיין שלום?
דען נאָר דער אויגנבליק איז מיינער, ווייטער ניט,
איך ווייס ניט ווען דער קאָסע-מאַן דערלאַנגט אַ שניט.
אָט בין איך דאָ, דאָך מעגלאַך, אַז איך בלייב ניט לאַנג,
קען זיין, אַז דיזעם ליד פאַר׳חתמ׳עט מיין געזאַנג.

(דאָס ליד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער געדאַנקלאָזקייט פון פיל פון ראָזענפעלד׳ס לידער. — באַמערקט די ענלאַכקייט פון לעצטן סטראָף צו דר. שלמה עטטינגער׳ס „צום נייעם יאָר“.)

הארבסט־בלעטלאך

איינזאַם זיץ איך, ווי געפאנגען
פון אַ זעלטזאַמען געפיל;
עפּעס האָב איך איין פאַרלאַנגען,
דאָך איך ווייס ניט, וואָס איך וויל.
זיינען פריידן, זיינען ליידן
ערגעץ־וואו פאַר מיר באַשטעלט?
קראַנק איז איינער פון אונדז ביידן! —
זאָגט: בין איך עס, צי די וועלט?

שטונדן קומען און פאַררינען,
נייע, נייע קומען צו;
דאָך קיין איינע ברענגט מיין זינען
און מיין קראַנקן בוזים רו. —
וויינען מוז איך, קען ניט ריידן,
קען ניט ווייסן, וואָס מיר פעלט.
קראַנק איז איינער פון אונדז ביידן! —
זאָגט: בין איך עס, צי די וועלט?

* *
*

איך ליב דעם ווינט, איך ליב דעם ים,
דען ווי דער ערשטער בין איך עלנד
און ווי דער צווייטער רוישט מיין הערץ.
איך ליב די וואָלקן, ליב די נאַכט,
דען ווי די ערשטע קען איך וויינען
און ווי די צווייטע איז מיין וועלט.

* *
*

וואו איך פאָר און וואו איך גיי נאָר,
וואו איך זיץ און וואו איך שטיי נאָר,
שוועבט פאַר מיר אַ בלייך געשטאַלט.
אימער בלייכער, בלייכער ווערט עס,
פון די מידע אויגן טרערט עס,
מיט די דאַרע באַקן צוקט עס,
מיט די שטאַרע בליקן קוקט עס
און עס וועקט אין מיר אַ גוואַלט.
שרייב איך, אויף מיין שרייבן לעבט עס,
לעז איך, זע איך אויפ'ן בוך עס:
נאָר בחנם, וואָס איך זוך עס
אויסצומיידן; אימער שוועבט עס
פאַר די אויגן מיר — אַ וויי! —
וואו איך גיי און וואו איך שטיי! —
ווען איך ליג אין קבר קאַלט,
דאַן פאַרשווינט דאָס געשטאַלט.

* *
*

דער וועג איז ווייט, דער טאָג איז קורץ,
די זון זינקט באַלד אַרונטער;
דאָס וואַסער רוישט, צום ברעג איז ווייט —
מיין שיף, מיין שיף גייט אונטער!

דאָ העלפט עס מער קיין ראַנגלען זיך,
דער ווינט איז אַ געזונטער;
דער ים איז גרוים, דער ים איז ווילד —
מיין שיף, מיין שיף גייט אונטער!
אַ זיי געזונט, דו שיינע זון!

דו שיינסט נאָך ווידער מונטער;
נאָר איך — די כוואַליעס רוישן שרעק —
מיין שיף, מיין שיף גייט אונטער!

(די טיפע מעלאנכאליע, די איידעלע בילדלאכקייט, די פיינע מוזיק און די גאנצקייט פון דער פארמע גיבן די פיר לירישע לידער אן אויסער־געוויינטלאכע שיינקייט. — קענער פון היינריך היינע וועלן ניט פארפעלן צו באמערקן זיין ווירקונג אין צווייטן ליד („איך ליב דעם ווינט, איך ליב דעם ים“). — באמערקט ווי יעטווידעס ליד האט זיין באזונדער געמיט־צושטאנד: באמערקט אויך ווי פון איין ליד ביז׳ן צווייטן בייט זיך די פערזן־מאס.)

ה.

צווישן הימל און ערד.

ווינטער

ווינטער! נאַטור׳ס זילבערנע חתונה!
אנשטאט איר גרינע זיידנס טראַגט זי
אַ באַזילבערט קלאָרן חופה־שלייער;
זילבער־סאַנדלס און איר בלומענקראַנץ —
ריינער זילבער! אַ זילבערנע חופה
היינגט דער זויב׳רער הימל איבער איר.
אַ זילבערנע חתונה! זילבערנע
דרשה־געשאַנק פאַלט אויף באַרג און טאָל...
זילבער שיט זיך פון דער קראָע׳ס פליגל
אויף די קלאָרע טישטאַכער פון דר׳ערד.

אויסגעפּוצט אין זילבער, מחותנים,
שטייען אַלע בוימער אין דעם וואַלד!
און אויף זילבערנע פּאַפּיאָלן 1) שפּילן
ווינט-כלי-זמרים. אין דער פרייער לופט
טאַנצט דער זילבער-שניי אַ וואונדער-וואַלצער,
טומלענד 2) ווי אַ כשוף פאַר דעם בליק.
און דער זילבער-חתן, אונדזער ווינטער!
נעמט אַרום די כלה און קושט איר
ווילד און שטאַרק און פּרעסט איר צו זיין בוזים...
נו, מזל טוב אייך, חתן-כלה!
איך זאָל דערלעבן זען פון אייך
אַ מאַי, אַ זומער און אַן אָסיען!...

---

1) פּאַפּיאָלן — פּייפלאַך, אַביסל ענלאַך צום פלייט.

2) ווערט דאָ געברויכט אין דייטשן זין: עס הייסט — קוליען זיך ווי שיכור אָדער פאַרווירט.

(באַמערקט אין ליד די פולשטענדיקע אויסגעהאַלטנקייט פון דער אידישער חתונה — דער ווייסער שלייער, די ווייסע טישטאכער, די דרשה-געשאַנק, דער פּאַפּיאַל און אפילו דער ספּעציפישער מזל-טוב, צום סוף.)

פרילינג-ליד

יונגע בליצן, ערשט געבאָרן,
דורך דעם פּאַרצוויג׳נעם הימל צוקן,
ווערנדיק אין לופט פאַרלאָרן,
און כמאַרעם זיך אויף כמאַרעם רוקן.

אויף די בערג די דונערם ראָלן,
עס סטראַשעט מיט אַ ווילדן רעגן;
ס׳איז ווי נאַטור וואָלט זאָרנעם 1) מאָלן,
דאָרט ערגעץ-וואו פון אימ׳צנס וועגן.

ס׳ווייזט דער בליץ די פייער-ציינער,
עס קראַכט, עס ברומט מיט כעס און צאָרן;
ס׳גייט אַ שוידער דורך די ביינער,
עס שרעקט די וועלט: זי ווערט פאַרלאָרן.

ווילדע ווינטן פייפן, ווייען
דורך בייזע דונערן און בליצן;
ווי די וואָס דערוועגנס גייען
און האָבען זיך ניט וואו צו שיצן.

1) אַ זייער אַלטמאָדיש מילכעל, וואָס מאָלט, דרייענדיק אַ שטיין אויף אַ שטיין. — אַן אָריגינעל צוגלייכעניש.

פרילינג

אויף דעם טאָל-שטראָם שווימט אַרום
דער באַ'חנ'טער שוואַן פאַרקלערט ;
וואָס ער פילט און זעט און הערט
בלייבט זיין סוד, פאַרבלייבט ער שטום.

זיין אַלבאַסטער-קלאָרער גוף
טוקט זיך אונטער, טוקט זיך אויף ;
פון דער לערכע'ס 1) שירה ווערט
זיס און באַנג אים דאָס געמיט
און ער טרוימט זיין איינציק ליד
וואָס ער האָט אין זיך פאַראַרבט — 2)
און ער זינגט דאָס ווען ער שטאַרבט.

---

1) 2) גע'ירשנ'ט.

(וואס מען רופט א שטימונג-ליד. — אין דער גאנצער לאנדשאפט בלויז דער שטראם און דער שוואן וואס שווימט אין אים ארום. פון אויבן דערטראגט זיך צום שוואן דאס געזאנג פון דער לערכע און ער חלומ'ט פארביינקט פון טויט. — דאס ליד איז געקומען גאנץ שפעט אין ראזענפעלד'ס שאפן.)

דער שטראָם

עס איילט זיך דער שטראָם דורכ'ן טאָל
און רוישט און ברומט און רעט.
צי איז דאָס זיין געזעגן-ליד ?
צי איז דאָס זיין געבעט ?

זאָגט ער דאָס צו זיין היימאַט-באַרג
זיין „זיי-געזונט" אין גיין ?
צי זאָגט ער תהלים, דער עלנדער,
מיט אומעט און געוויין ?

צי פרעגט ער וועמען אויף זיין וועג,
ווי ווייט ס'איז נאָך זיין גאַנג ?
צי זינגט ער אויף זיין ווייטן טראַקט
אַ וואַנדערער'ס געזאַנג ?

צי פרעגט ער ביי די בוימער אָן,
אַוואו זיין סוף וועט זיין ?
צו וועלכער טייך עס טרייבט אים רק
און וואו ער פאַלט אַריין ?...

(דער שטראָם ווערט כסדר פאַראידישט, פאַרמענטשלאכט, ביז לסוף
פרעגט ער, מענטשן-גלייך, אויפ'ן סוף און תכלית פון לעבן.)

ביים ברעג וואַסער

אַ דינער שאָטן ציטערט אויף דער באקשא. 1)
די זילבער-בערד׳גע פישער פאָרן
אויף אירע דראָבנע, אָוונט-שטילע וועלן —
דעם פאַנג דעם נאַכטיקן צו מאַכן.
עס קוקט דער מאָנד און איך.

עס רודערן די וועסלעס אין דעם וואַסער,
דער נעץ ער פאַלט אַלץ טיף און טיפער.
קריסטאָלנע שופּן בליצן דורך דעם טונקל.
אָ שיינע קינדער פון די פלוטן! 2)
עס קוועלט דער מאָנד און איך.

אַלץ ווייטער קעגן שוואַרצן זוים פון וואַלד-באַרג
פאַרלירן זיך די גרויע שיפלאַך.
איך זע זיי קוים און ביי די סמוטנע 3) ברעגן
די זיסע דאָרף-נגונים קלינגען.
עס הערט דער מאָנד און איך.

מיין גרוס אייך, פישער, אויף דער שטומער טיפקייט!
מיין גרוס דיר, זאַנפטע דאָרף-קאַפעליע!
די ווייכע נאַכט-לופט זויגט איין מיינע ברכות.
מיין זעלע שיפט זיך אויף דער באקשא.
עס שוויגט דער מאָנד און איך.

---

1) דער טייך אין אונדזער דיכטער׳ס געבורט-דאָרף האָט אויך געהייסן באָקשאַ, ווי דער דאָרף אַליין. ראָזענפעלד האָט גע-

שטאַמט פון אַ משפּחה, וואָס האָט דורות־לאַנג געהאַלטן די ארענדע אויפ׳ן פיש־פאַנג פון דאָרף. 2) פלוט — אַ גרויס, פול וואַסער. 3) אומבאַשטימטע, אין דער טונקלהייט זיך פאַר־לירנדיקע.

(באַמערקט די פולע, טיפע, דורכאויסיקע נאַכטיקייט פון ליד — אַן אמת׳ע דאָרף־נאַקטורנע).

דער קוואַל

דער קוואַל זאָגט ביחידות 1)
די „שלוש־עשרה מדות“, 2)
צווישן אַ פעלזן פאַרשטעקט.
די יעגלע 3) הערט און בויגט זיך,
די סאָסנע הערט און נייגט זיך,
די מירטע זי הערט און שרעקט.

און איך וויים ניט פון וואַנען
בעט עם „אל־רחום־וחנון“, 4)
מיט אַ פאַרשטיקטן קול.
אָט רופט דאָס גאָטעס נאָמען,
אָט מורמלט „אָמן“... „אָמן“...
און ס׳שווייגן בערג און טאָל.

1) ביחידות (ביעכידעס) — איינער אַליין. (דאַוונען ביחידות הייסט דאַוונען אַליין, ניט צוזאַמען מיט דער געמיינדע).
2) אַן ערב־יום־כפור׳דיקע סליחה, וואו עס ווערן אויסגערעכנט

די דרייצען אייגנשאַפטן פון גאָט, לויט דער תורה. (שלוש־עשרה — דרייצען.) 3) אַ סכך־בוים. 4) אל־רחום־וחנון („דו דערבאַרעמדיקער און לייטזעליקער גאָט") — אַנאַנדער תפלה פון סליחות, וואָס ווערט דערהויפּט געזאָגט אין אַ פאַסט־טאָג.

(די פאַראידישלאַכונג פון דער נאַטור דערגרייכט דאָ ביי ראָזענפעלד'ן די העכסטע מדרגה. דער מורמלענדיקער קוואַל שטעלט זיך אים פאָר אין דער געשטאַלט פון אַן איינזאַם־פאַרפרומטן אידן, וואָס פאַרקלייבט זיך ימים־נוראים־צייט אין אַ שטיל, אָפּגערוקט ווינקעלע פון בית־המדרש, ווען קיין אַנדערע גאָט־בעטער זיינען דערביי ניטאָ און זאָגט הויך און פאַרטיפט די ערנסטע, סודות'דיקע תפלות פון די „מורא'דיקע־טעג". דער קוואַל איז אָבער ניט אַליין: זיינע תפלות דרינגען דורך, אַז זיין וויסן, די גאַנצע לאַנדשאַפט און אַלע אַרום פאַלן אַריין אין טאָן: ווער מיט אַ קרעכץ, ווער מיט אַ מורמלענדיקן „אמן", ווער מיט אַ שטומען מיט־שאָקלען זיך און ווער מיט שטומען שרעק.)

ו.

ליבע.

לעבן וואַסער־מיל

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן
יענעם זיסן אויגנבליק,
כ'בין דאַן לעבן דיר געזעסן
ביי דעם מיל דאָרט לעבן בריק.

אונטן האָבן גערוישט די וועלן
מיט אַן אומעטיק געשריי...
אויבן האָבן אונדז'רע זעלן
האַסטיק נאָכגערוישט נאָך זיי.

אונטן האָט דער ראָד געפּלוידערט
אין דעם אַלטן וואַסער-מיל ;
אויבן האָט מיין גייסט געשווידערט
אין דיין ליבע נאַנטקייט שטיל.

יענער וואַסער רוישט צייט יאָרן
און דער ראָד, ער דרייט און דרייט...
מיר נאָר זיינען שטום געוואָרן
צייט מיר האָבן זיך צעשיידט.

(דער פּאַראַלעל פון דעם פאַרליבטן פּאָר און דער וואַסער־מיל ווערט דערפירט ביז׳ן סוף — וואו ער ווערט אָפּגעריסן : דאָס וואַסער רוישט נאָך אַלץ, דער ראָד דרייט, די ליבע אָבער איז אויס. דער פיינער ריטם טראָגט פיל ביי צו דער זיסקייט פון ליד.)

מיין רויז איז אַליין

אַ סאַמעטן ווינטעלע לאַשצעט די פעלדער
אין פאַרביקן חן.
אַן אָטעם אַ מילדער ווי קטורת 1) צעלאָזט זיך —
מיין רויז איז אַליין.

עס ציטערן די זיידענע שאָטנס און ציטערן
אויף טוי-טראָפּנס קליין.
אין קלאָר-ווייסע שלייערס שפּאַצירט די לבנה —
מיין רויז איז אַליין.

ווי זילבערנע גלעקעלאַך קלינגט אין די בוימער
אַ פויגל'ס געוויין.
עס מורמלט דער איינזאַמער גייסט פון די וועלדער —
מיין רויז איז אַליין.

---

1) דאָס הייליקע בשמים־רויכערן אין בית־המקדש פאַר גאָט.

(דער מאָטיוו ווערט אָפט באַגעגנט אין דער פּאָעזיע: די אוונט־מעלאַנ־
כאָליע וועקט ביים פּאָעט מחשבות וועגן דער וויימער געליבטער.)

זיי ריידן פון דיר

וואָס רעט די העלע זון צו מיר,
ווען זי שיינט מיט פּראַכט?
זי רעט פון דיר, מיין ליב, פון דיר
פון דיין אויג, וואָס לאַכט.

וואָס רעט דער ווינט, וואָס פאַלט אַריין
מיט אַ גוואַלט אין גאַס?
ער רעט פון דיר, פון דיר מיין שיין,
פון דיין ווילדן כעס.

וואָס רעט דער וואָלקן, פויל און טריב,
ווען זיין האַרץ צעפּליסט?
ער רעט פון דיר, פון דיר, מיין ליב,
ווי באַטריבט דו ביסט.

וואָס רעט דער פויגל, ווען עס שאַלט
שפּעט אין הערבסט זיין ליד ?
מיין ליב, ער זאָגט, אַז אַלץ ווערט קאַלט
און די פרייד פּאַרפליט.

(איינס פון די גאַנצעסטע ליבע־לידער ביי ראָזענפעלד'ן, כאָטש עס שטאַמט פון די יאָרן פון זיין „אָראָפּ־באַרג".)

פּאַרלאָזן

אפשר ווייסטו, ווילדער ווינט,
וואו עס ווײַלט מיין שיינעם קינד ?
אפשר ווייסטו, ים וואָס ברויזט,
וואו מיין שיינע ליבסטע הויזט ?
אפשר ווייסטו, טרוים ביינאַכט,
וואו מיין היים־געליבטע וואַכט ?
אפשר, ווייטער האָריזאָנט,
איז דיר ליבסטער'ס אָרט באַקאַנט ? —
אַלע שווייגט איר צו מיין רייד,
ס'גיבט קיין היילונג צו מיין לייד.

(די זעלטענע קראַפט און שיינקייט פון ליד געווינען פיל פון זיין שטאַרקן גראַם.)

היראָגליפן

מיין בליק פאַרטשעפּעט זיך ביי איר אָן פענצטער:
פּיליי‍כט אַ ליבער וואונק, אַ זיסער שמייכל!
דאָך פּערל־היראָגליפן אויף די שויבן:
עס האָט דער רעגן דאָרט אַ סוד פאַרשריבן...

אַנטציפער 1) זיך, דו ליבער סוד!

וואָס טוט מיין ווייסע האַרצנס־פירשטן איצטער?
זאָג! קאמט זי ניט די שוואַרצע שטראַלן
אַרום איר זוניק־ליכטיק פּנים?
מיין נשמה איז איר קאָם...
פאַרשפּיליעט זי ניט איצט איר בוזים
מיט קליינע מוטער־פּערלנע שטערן?
דאָס זיינען מיינע טרערן...

זאָג! הויכן ניט די רויזן אירע
פאַרפומיק דורכ'ן שלאָף מיין נאָמען?
דאָס איז מיין חלום...
זאָג! ליגט זי ניט אין שטילן, טונקעלן קבר,
אויף דעם בית עולם פון מיין יוגנד'ס האָפנונג,
באַוואקסן מיט בלויע און רויטע בלימלאַך?
מיינע לידער!

אַנטציפער זיך, דו ליבער סוד!

---

1) אַנטציפער זיך — באַשייד זיך, דעק זיך אויף (פאַרגלייך מיט דאָס ענגלישע decipher).

(דאָס ליבע־געפיל און די בייַנקשאַפט פון ליד געהערן צו דאָס פאַר־פיינטסטע און מאָדערנסטע ביי ראָזענפעלד'ן. אודאי שטאַמט עס פון זיין שפּעטסטער פעריאָדע.)

די שלאַנג

וואו לויפט איר וואָלקנס ? וואו איילט איר ?
אַוואו צערינט איר ?
אַוואו שווינט איר ?
און וואו, דערקלערט מיר, פאַרווײלט איר ?
זאָגט, רוט איר ניט אוים
דאָרט איבער איר הויז ?

אָ אויב איר שטעלט זיך דאָרטן אָפּ
און איר זעט זי דאָרט,
טאָ ווײנט אויף דעם אָרט !
יאָ, רעגנט טרויעריק אַראָפּ,
באַנעצט יענע שטוב,
דען זי איז מיין גרוב.

איך האָב דאָרט אויך אומזיסט געוויינט,
מיין אויג האָט געטרערט.
זי האָט אָפּגעקערט
איר שיינעם קאָפּ, מיין וואונטש פאַרניינט.
דאָרט ביי יענער שלאַנג
בין איך טויט שוין לאַנג.

מיר ווערן אַלט

דיין קלאָרער שטערן קנייטשט זיך, געליבטע,
וויי אויף דעם טייך די זילבער־דעק;
עס נעמט מיך אָן אַ טיפער שרעק
און געדאַנקען ערנסטע, באַטריבטע
באַשפּינען מיר דעם בוזים קאַלט —
אָ וויי! מיר ווערן ביידע אַלט!

ווער קנייטשט דעם טייך? ווער קנייטשט דיין שטערן?
די ניט־פאַרגינערקע די צייט,
זי שילט דאָס, בייזערט זיך און שרייט:
„זייט גרייט צו דעם ענדלאַכן ניט ווערן!“
דער טייך וועט זיין נאָך גלאַט און שיין,
נאָר מיר, מיר וועלן אונטערגיין...

(פאַרגלייכט דאָס ליד מיט'ן „לעבן וואַסער־מיל“. זיינען דאָ ענלאַכקייטן? וואָס זיינען זיי?)

אָוונט־צײַט

נעם מיך נאָך אײן מאָל אַרום
און דאָס װעט זײן אַ סוף.
ליב מיך נאָך אײן מאָל, מײן בלום,
דאַן לײג זיך שטיל און שלאָף!
מיר האָבן זיך גענוג געליבט,
געװעזן לאַנג גענוג פאַרקניפּט,
געװען אי גליקלאַך, אי באַטריבט,
אַצינד איז אויסגעשפּילט דאָס שפּיל,
מיר װערן אַלט און קאַלט און שטיל
און שוין ניט װײט פון שטוב
איז גרײט פאַר אונדז די גרוב.

איך װער גראָ און דו װערסט גראָ,
מיר װעלן באַלד ניט זײן מער דאָ
און אַלץ װאָס האָט מיט אונדז געלאַכט,
מיט אונדז געלעבט,
מיט אונדז געשטרעבט;
פאַר אונדז געװעבט
אי פרײד, אי גליק
צוריק, צוריק
פאַרשװוּנדן אין נאַכט.

אָט װי מיר זײנען דאָ פון ערגעץ ניט אַרײן
'זוי װעלן מיר אין ערגעץ באַלד ניט זײן,
אין ערגעץ װאָס איז איבעראַל.
אַדיע, דו לעצטער שטראַל!

דו מיין הימל׳ס לעצטע ליכט —
איך האָב זיך אויף דיר געריכט...

(דאס ליד, איינס פון די שפּעטסטע ביי אונדזער דיכטער, איז ווי א תפלה־הימן: פון ליבע פאר׳ן טויט, געזעגענונג מיט דער וועלט — און רעזיגנאציע.)

ז.

סאַטיריש־עפּיגראַמאַטישעס.

וואָס איז גליק?

איך פרעג ביי דעם אָרימאַן, וואָס באָדט זיך אין נויט:
וואָס הייסט ביי דיר גליק? און ער ענטפערט מיר: „ברויט“.
איך פרעג ביי דעם נגיד, וואָס שטייט אויבנאָן:
וואָס הייסט ביי דיר גליק? און ער זאָגט: „אַ מיליאָן“.
איך קום מיט מיין פראַגע צו דעם מיליאָנער:
וואָס הייסט ביי דיר גליק? און ער ענטפערט מיר: „מער“.
איך פרעג ביי דעם קראַנקן, ער ענטפערט: „געזונט“.
ביים יונגן — ער ענטפערט: „אַ פריילאַכע שטונד“.
ביים אַלטן — ער זאָגט: „אויף דער יוגנד אַ בליק“.
ביים קינסטלער — ער זאָגט מיר: „אַ שם איז אַ גליק“.
אַזוי מיט זיין ענטפער קומט יעדער צוגיין
און וואָס עס הייסט גליק, קען איך אַלץ ניט פאַרשטיין.

די וועלט

די וועלט איז אַ קו,
וועלכע בריקעט, אַן אימה!
אַ מילך־קו אפילו,
נאָר דאָך אַ בהמה.

דורך מי און דורך שרעק,
דורך ריטשען און ברומען
נאָר קענסטו די מילך
אין שעפל באַקומען.

און האָסטו שוין פול...
טאָ, ברודער, ניט פריי זיך!
דען גלייך גיט די קו,
די ווילדע, אַ דריי זיך.

און ווי דיין געמעלק
און ווי דיינע ציינער!
דו לויפסט פון דעם שטאַל
קוים, קוים מיט די ביינער...

דעם בעקער׳ס קינד

דעם בעקער׳ס קינד האַלט אַ בייגל אין האַנט
און פרעגט ביי דעם פאָטער מיט קינדיש פאַרשטאַנד:
„דערקלער, ליבער פאָטער, דערקלער מיר דעם זין:
ווען דער בייגל איז פאַרצערט,
פון זיין אינוועניק וואָס ווערט?
וואו קומט די לאָך פון בייגל אַהין?"
פון שווינדזיכטיקן פאָטער׳ס צונג
דער ענטפער קומט: „ביי מיר אין לונג..."

יוסף יפה

יוסף יפה — געבארן דעם 24טן דעצעמבער, 1865, אין סאלאנט, קאוונער גובערניע, אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע אין 1892. יוסף יפה'ס לידער, וואס האבן זיך מייסטנס געדרוקט אין סאציאליסטישע צייט־שריפטן, האבן אנגעשלאגן א נייעם טאן, א טאן פון לעבנס־לוסט און שטיפערישקייט, אין דער אמעריקאנער אידישער פאעזיע, וואס דערמיט האט ער געהאלפן שאפן אן איבערגאנג פון דער ערנסט־סאציאלער פאעזיע צו דער הומאריסטישער, פון וועלכער עס איז דא ביי אונדז איצט א היבשע שפע.

ביבליאגראפיע: יוסף יפה'ס לידער מיט א פאררעדע פון דוד פינסקי; מ. באסינ'ס, „אנטאלאגיע", צווייטער באנד.

צו מיין פאָלק

זינג איך אים פון ליבע,
זינג איך אים פון האַס, —
ער בלייבט שטיל, באַוועגלאָז,
ס'ווערט מיין בליק מיר נאַס.

עס נעמט מיך אַזאַ טיפע
בײנקעניש אַרום:
פאָלק מײן, זאָג װאָס איז דיר,
ביסטו טויב, צי שטום?

האָט דער לאַנגער גלות,
האָט די שװערע נויט,
דיך פאַרטויבט, פאַרטומלט,
אָדער ביסטו טויט?

און די טענער מײנע
פאַלן צװעקלאָז, סתם, 1)
װי דעם ירדן׳ס װעלן
אין דעם טויטן ים!...

1) (סטאַם) — גלאַט אין דער װעלט אַרײן.

(דאָס ליד װערט געזונגען מיט אַ שטאַרקער, טיפער מעלאָדיע פון׳ם
ניט־לאַנג־פאַרשטאָרבענעם קאָמפּאָזיטאָר פּלאַטאָן בראָנאָף.)

מיר פעלט אַ גראַם צו ליבע

מיר פעלט אַ גראַם צו „ליבע״,
געליבטע, העלף מיר אויס!
געפין פון אַלע גראַמען!
דעם שענסטן מיר אַרויס!״

מײן ליבסטע קנײטשט איר שטערן
און קוקט מיך ערנסט אָן:

„ס'איז שווער אַ וואָרט צו קריגן,
וואָס קלאַפּן זאָל אין טאָן".

נאָר פּלוצלונג ווערט זי פריילאַך
און שרייט אוים הויך: „איך ווייס!"
און פאַלט מיר אין די אָרעמס
און קושט מיך אַזוי הייס.

מיין ליבסטע האָט אַן אויער
אַ פיינעם פאַר מוזיק:
אַ הייסער קוש מיט ליבע —
דאָס גראַמט זיך גאָר אַנטיק.

זיינען מיר צוויי בחורים

זיינען מיר צוויי בחורים,
זיינען מיר צוויי שיינע;
ליבן מיר אַ מיידעלע,
ליבן ביידע איינע.

קומען מיר — דערפרייט זי זיך,
גייען מיר — דאַן ווייגט זי...
טראַכט פון אונדז אַ יעדערער:
וועמען פון אונדז מיינט זי?

טראַכטן מיר און קלערן מיר,
קאָנען נישט דערקלערן;
'סצאַפּלען זיך די הערצער אונדז,
ס'פרעסט אונדז ביז צו טרערן.

„שײנינקע, צי פילסט נישט,
װי מײן האַרץ באַטריבט איז ?“
טראַכט פון אונדז אַ יעדערער,
„זאָג, װער דיר באַליבט איז“.

פרעגן מיר אָן װערטער זי
און די טרערן שטיקן ;
ענטפערט זי אָן װערטער אונדז,
נאָר מיט פײַכטע בליקן :

„בײדע זײט איר גלײַך מיר ליב,
אויסער אײַך נישט קײנער ! — — —
אָך, װען עס װאָלט קאָנען װערן
פון אײַך בײדן אײנער !“

אײפערזוכט

עס איז געװען אַ העלע נאַכט
אין הײסן חודש יול ;
די גאַנצע שטאָט איז װאַך געװען,
דער פּאַרק מיט מענטשן פול.

מיר האָבן זאַלבאַדריט שפּאַצירט,
אי איך, אי זי, אי ער —
זײ האָבן בײדע לײַכט געפילט,
נאָך איך געפילט האָב שװער :

זײ זײנען פיל צו נאָנט געװען,
פילײַכט קײן בײז געמײנט,
געלאַכט האָט זי, געלאַכט האָט ער —
דאָך איך האָב שטיל געװײנט.

דער ערד־שטאָט

דוד עדעלשטאדט — געבארן דעם 9טן מאי, 1866, אין קאלוגא, גרויס־רוסלאנד, אין 1882 אויסגעוואנדערט קיין נויארק, געשטארבן אין דענווער, קאלאראדא, אין 1892, נאך א לאנגער פארצערנדיקער שווינדזוכט. עדעלשטאדט איז איינס פון די מארטירער־געשטאלטן פון דער אידישער אנארכיסטיש־סאציאליסטישער באוועגונג אין אמעריקע. דערצויגען אויף דער רוסישער שפראך, האט אים אבער דער אידישער ארבעטער־קאמף, אין וועלכן ער איז קראנקערהייט געווען אן אנפירער, געמאכט פאר א אידישן שרייבער און דיכטער. יארן־לאנג האט מען עדעלשטאדט׳ס לידער אפט געזונגען און אויך דעקלאמירט. א פאר לידער, ווי „מיין צוואה“, זיינען אזש געווארן א מין ארבעטער־הימנען.

ביבליאגראפיע: מ. קאטץ, פאררעדע צו עדעלשטאדט׳ס שריפטן; ל. ווינער, "Yiddish Literature" ; ז. רייזען, „לעקסיקאן“.

מיין צוואה

(געווידמעט צו H. S. (1

אָ גוטע פריינט! ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו מיין קבר אונדזער פאָן —
די פרייע פאָן מיט די רויטע פאַרבן,
באַשפריצט מיט בלוט פון אַרבעטמאַן.

און דאָרט אונטער דעם פלאַג דעם רויטן
זינגט מיר מיין ליד, מיין פרייעם ליד!
מיין ליד „אין קאַמף“, וואָס קלינגט ווי קייטן
פון דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און איד.

אויך אין מיין קבר וועל איך הערן
מיין פרייעס ליד, מיין שטורם-ליד;
אויך דאָרט וועל איך פאַרגיסן טרערן
פאַר דעם פאַרשקלאַפטן קריסט און איד!

און ווען איך הער די שווערדן קלינגען,
אין לעצטן קאַמף פון בלוט און שמערץ —
צום פאָלק וועל איך פון קבר זינגען
און וועל באַגייסטערן זיין הערץ.

1) דר. הלל זאָלאָטאַראָוו (געשטאָרבן אין 1922), דער באַוואוסטער אנאַרכיסטיש-נאַציאָנאַליסטישער שריפטשטעלער.

מיין לעצטער וואונטש

מיך שרעקט ניט דער טויט — מיך שרעקט דער געדאַנק
צו שטאַרבן אויף אַ קראַנקן-בעט;
מיין לעצטער וואונטש, מיין לעצטער פאַרלאַנג איז:
דאָס שלאַכטפעלד זאָל זיין מיין טהרה-ברעט!

ניט ווי די פאַרמאַטערטע, שוואַכע שקלאַפן,
ניט ווי אַן אָפּפער פון עלנד און נויט;
ניין! אין דער האַנט מיין פאָן, מיין וואָפן,
קעמפנדיק וויל איך באַגעגנען דעם טויט!

ניט אונטער'ן געוויין פון פאַרשפּעטיקטע טרערן,
ניין! אונטער'ן פרייהייט'ס דונער-קראַך,
וואָס וועט אַלע קייטן און טראָנען צעשטערן,
וויל איך שטאַרבן מיט אַ שטאָלצן לאַך.

א. ל. וואָלפּסאָן

אפרים לייב וואלפסאן. — געבארן דעם 16טן יאנואר, 1867, אין ריגא, קורלאנד (איצט לעטלאנד). אין 1889 וואנדערט וואלפסאן אויס קיין אמעריקע, וואו, וואוינענדיק אין פילאדעלפיא אדער נויארק, טוליעט ער זיך צו צו דער אנארכיסטיש-סאציאליסטישער באוועגונג און איר פרעסע, דרוקנדיק אין איר (ניט-זעלטן אונטער פארשיידענע פעדער-נעמען: ל. ראבאטניק, א. פאטאגראף, א. א. וו.) פיל לידער, געוויינטלאך מיט אן אגיטאטארישן טאן. ס'איז שוין אבער א סך יארן ווי וואלפסאן שרייבט כמעט אויסשליסלאך הומאריסטישע לידער (זייט א צייט טרעפט מען אים פינקטלאך יעדן זונטיק אין דער הומאריסטישער אפטיילונג פון „פאר-ווערטס") און ער איז טאקע איינער פון דער היבשער גרופע אידיש-אמע-ריקאנישע דיכטער (יוסף טונקעל, יוסף באנק, יעקב מארינאוו, י. אדלער, יצחק רייז - משה נאדיר, מ. ל. האלפערן, עוזיאל פיישמאן א. א. וו.), וואס האבן, אומגעפער זייט 1907, באשאפן ביי אונדז א נייעם, שפאסיק-לייכטן, פאמיליאר-סאטירישן פערז, אויף וועלכן עס ווערט אפט אנגעווענט די באצייכענונג „קיבעצעריי".

דעבס 1)

היילִיקער, איך לייג צו דיינע פיס
מיין שווער געמיט,
מיין האַרץ וואָס איז מיט ווייען איבערפילט,
מיין אומרו, מיין געוויסן,
וועלכער שטורעמט אַ פּראָטעסט
און וויל ניט זיין געשטילט.

איך ברעך פאַרצווייפלט מיינע פינגער
איך בריל אַרוים מיין וויי;
איך, דיין ברודער, בין אין דיינע ליידן שולדיק,
און ניט די הערשער, ניין, ניט זיי.

איך האָב געשמיט די שווערע קייטן דיינע,
איך האָב די טורמע דיינע אויפגעבויט;
איך האָב דעם דאָרן-קראַנץ מיט מיינע הענט געפלאָכטן,
וואָס מאַכן איצט די וואונדן אויף דיין צאַרטע הויט.

איך לייקן אָפּ דעם קאָלאָסאַלן ליגן!
ניט זיי, די הערשער, האָבן דיך פאַרשפאַרט!
דיין קרייציקער בין איך, יאָ איך,
דיין שטומער ברודער,
וואָס האָט יאָר-טויזנטע געליטן און געשוויגן.

---

1) יודזשין וו. דעבס (געשט. אין 1926), דער באַליבטסטער סאָציאַליסטישער פרייהייט-קעמפער אין אַמעריקע, אין אונזער דור. צוויי מאָל האָט דעבס געשמאַכטעט אין געפיינקעניש אין

זיין קאַמף פאַר אַרבעטער רעכט און מענטשן־ליבע — דאָס ער־שטע מאָל, אין סוף פון די 90ער יאָרן, אַלס אָנפירער פון די סטרייקנדיקע שיקאַגאָר אייזנבאַנער, דאָס צווייטע מאָל, זייענדיק שוין אַ מאַן אונטער זיבעציק, פאַר זיין אַגיטאַציע קעגן אַמע־ריקעס באַטייליקן זיך אין דער וועלט־מלחמה.

אַ מעשה

אַמאָל איז געוועזן
אַ מעשה,
אַ פּשוט'ע מעשה
און גאָר, —
אַ מעשה,
וואָס קען זיך פאַרלויפן
כמעט יעדן טאָג
פון דעם יאָר.

מיין העלד
איז געוועזן אַ בחור
מיט ברענענדע
אויגן אַ פּאָר;
גע'חלומ'ט
פון שיינע פּרינצעסנס
מיט גאָלדיק
געקרייזלטע האָר.

ער האָט זיינע טרוימען
פאַרשריבן
און האָט זיי
אין בלעטער געדרוקט,
ביז ענדלאַך
עס האָט אַ פּרינצעסן
דער שיקזאַל
אים אונטערגערוקט.

און דוקא,
להכעיס זיין חלום,
געוועזן איז זי
אַ ברונעט ;
אפילו די ציינער,
די „פּערלען“,
געוועזן איז
אַ קינסטלאַכער „סעט“.

איר טאַטע
האָט קיינמאָל געקעניקט,
האָט קיינמאָל
אַ סצעפּטער געהאַט ;
געוועזן איז איר טאַטע
אַ ביגלער,
טאָג-טעגלאך
געשוויצט ביים ווערקשטאַט.

איר לעבן
געווען איז אַ גרויער,
איר האַרץ
האָט נאָך עפּעס געגאַרט,
ביז ענדלאָך
עס איז איר געלונגען
און זי האָט
מיין העלדן פאַרנאַרט... 1)

איצט האָט ער
אַן אייגענעם כאָר׳ל,
וואָס זינגען אים
לידער צום טאַקט;
ער ווערט
פון די לידער משוגע,
ער ליגט שוין
געהעריק פאַרפאַקט.

די פּרינצן
זיי רייסן די פּאָלעם:
גיב עסן, גיב שיך
און אַ קלייד:
און קוים נאָר
באַווייזט זיך אַ בולקע,
ווערט אַלץ דאָרט
באַגאָסן מיט פרייד.

דער בחור איז איצט
שוין אַן אַלטער
און דאַרף שוין
אַ שטעקן צום גאַנג:
ער האָט שוין
אפילו די טענער
פאַרגעסן
פון יענעם געזאַנג.

זיין חלום גייט אום
אַ פאַרצאָגטע,
וואַרפט אָפּט אים
אַ טעפל אין קאָפּ;
עס זינגט איצט
זיין פרויקע אים לידער,
און זינגט
מיט איר אייגענעם טראָפּ.

ער האָט שוין
אָן שרייבן פאַרגעסן,
ער האָט שוין
די מוזע אין דר'ערד.
די פרינצן,
זיי פאָדערן עסן,
און ער גייט
אין שפּאַן ווי אַ פערד.

אַמאָל איז געווען
אַ מעשה:
אַ טרוימער, אַ חלום,
אַ ווייב.
און טראַכט איך
אַמאָל פון דעם בחור,
פיל איך אַ פראָסט
אויף מיין לייב.

1) דא ווערן אויסגעלאָזט צוויי סטראָפן.

דוד גאלדשטיין

דוד גאָלדשטיין — געבאָרן דעם 15טן אַפּריל, 1868, אין יאַגוסטאָווא סובאַלקער גובערניע, אין 1882 אויסגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד און פון דאָרט, אין 1885, קיין אַמעריקע. גאָלדשטיין איז איינער פון דער גרופּע פּאָעטן, וואָס האָבן זיך אויסגעהאָדעוועט אָרום דער אַנאַרכיסטישער אידישער פּרעסע פון אַמעריקע, טיילט זיך אָבער אָפּ פון די אַנדערע, פון וועמען מיט זיינע אידישע טעמעס און פון וועמען, ווידער, מיט זיין לירי‌זם. גאָלדשטיינ׳ס לידער לאָזן זיך דערקענען מיט זייער שטאַרקן טאָן, אין וואָרט און גראַם.

ביבליאָגראַפיע: לעאָן מאָיסעיעף אין פאָרוואָרט צום דיכטער׳ס „ווינטער־בלומען”; מ. באַסינ׳ס „אַנטאָלאָגיע”, צווייטער באַנד.

ראָמאַנס

אַ שיינער טאָג, אַ ליבער טאָג,
דער שענסטער טאָג אין זומער;
עס האָט שוין אַלעס אויפגעבליט —
און אויך מיין טיפער קומער.

מיין שיין מיידל, מיין בלייך מיידל,
זי שטייט פאַר מיר שוין ווידער;
איך האָב אַמאָל פאַר איר אַליין
געזונגען מיינע לידער.

און ווידער שוין אָט זע איך איר,
זי שטייט פאַר מיינע אויגן;
איך טרוים נאָך אַלץ דעם זעלבן טרוים —
דעם קאָפּ צום דר׳ערד געבויגן.

זעסטו ווען?

זעסטו ווען מיין ליבע פרוי?
ווייס זי שוין, אַז איך בין גרוי,
גרוי געוואָרן און שוין אַלט,
בייענקענדיק נאָך איר געשטאַלט?

זעסט זי ווען? אָ זאָג מיר וואו?
ווייסט זי כאָטשע, וואָס איך טו,
וואָס איך טו און וואָס איך מאַך,
ווען איך טרוים און ווען איך וואַך?

זאָג איר אויס מיין סוד, דערציל —
זי אליין טראָגט אום מיין הייל, 1)
זי אליין איז מיין געדאַנק,
כ'בין נאָך אימער ליבעס־קראַנק.

1) היילונג, רעטונג.

חרוב

און חרוב ליגט מיין שיינע שטאָט,
מיין ברודער פון זיין היים פאַרטריבן
און ווער וועט איצט דאָרט בעטן גאָט? —
די גרויסע שול איז וויסט געבליבן. 1)

אין חורבות ליגט די אַלטע קלויז,
געבליבן נאָר דער שוואַרצער קוימען.
דערביי געוועזן איז אונדזער הויז,
געוועבט האָב איך דאָרט מיינע טרוימען.

און קיינער איז דאָרט מער ניטאָ,
מיין פאָטער׳ס היים — אַ בערגל ציגל;
עס קראַקעט איצט אַ שוואַרצע קראָ
דאָרט, וואו געשטאַנען איז מיין וויגל.

דאָך לייכט די שול אין מיטן נאַכט,
עס שאָקלען זיך אַרום טליתים;
און קיינער האָט זי אויפגעמאַכט —
עס דאַווענען דאָרט איצט נאָר מתים.

1) גלייך ווי די וועלט-מלחמה האָט אויסגעבראָכן, האָט די רוסישע רעגירונג פון נאָר אַ סך גרעניץ-שטעט די אידן אינגאַנצן ארויסגעטריבן.

יהואש

יהואש (שלמה בלומגאַרטען) — געבאָרן אין ווערזשבאָלאָווע, סובאַלקער גובערניע, אין 1870 ; געשטאָרבן אין נויאָרק, דעם 10טן יאַנואַר, 1927. אויפּהאָדעוועענדיק זיך אין אַ קרייז פון טראַדיציאָנעלער פרומקייט און לומדות, מיט אַ צומיש פון השכלה, קריגט ער אַ ברייטע אידיש־אַלגעמיינע בילדונג, מיט אַ באַזונדערן אינטערעס פאַר ליטעראַטור. אין 1890 פאַרעפנטלאַכט יהואש זיינע ערשטע לידער אין פּרץ'ס „אידישע ביליאָטעק" און אין ספּעקטאָר'ס „הויז־פריינט". דאָסזעלבע יאָר וואַנדערט ער אוים קיין אַמעריקע, אין נויאָרק, פון וואַנען ער פאָרט שפּעטער־צו, צוליב זיין געזונט, אַפּ אין דער ווייטער קאָלאָראַדאָ, בלייבנדיק אַ סך יאָרן גאַנץ אָפּגעריסן פון דער אידישער ליטעראַרישער וועלט. ערשט אין 1901־1902, אונטער דער אויפמונטערונג פון זיין נאָענטן פריינט יעקב מאָרינאָוו און פון מ. קאַטץ (דער דאָמאָלסדיקער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס") טויכט יהואש ווידער אויף, מיט אַ סך לידער אין דערדאָזיקער ציימונג און אין דער „צוקונפט". די לידער רופן אַרוים אַ געוואַלטיקן אינטערעס : די אידיש־ליטעראַרישע וועלט דערזעט אין יהואש'ן אַ גרויסע נייע קראַפט. (אַ היבשן אינטערעס רופט אויך אַרוים, אַ ביסל שפּעטער, זיין איבערזעצונג, אין דער „צוקונפט", פון לאָנגפעללאָו'ס „הייאַוואַטהאַ"). **אין 1907, ווען דער דיכטער באַווייזט זיך ווידער אין נויאָרק און בכלל „אין** מזרח", ווייזט מען אים אומעטום אַרוים די וואַרימסטע אַנדערקענונג.

ערשט איצט, בלייבנדיק וואוינען אין נויאָרק אָדער אין דער סביבה, וויקעלט יהואש פאָנאַדער אַ רייכע פּאָעטיש־ליטעראַרישע טעטיקייט. ער דרוקט אָפּ, אין דער טעגלאַכער „וואָרהייט" און אַנדערע צייט־שריפטן, לידער, פאַבעלן, דערציילונגען און עסיים (וועלכע ער גיט נאָכדעם אַרויס אין ביכער), ער שטעלט צונויף, בשותפות מיט זיין אינטימען פריינט דר. חיים ספּיוואַק, פון דענווער, אַ לעקסיקאָן פון די העברייאיש־כאַלדייאישע ווערטער וואָס קומען אַריין אין אידיש, ער איבערזעצט דעם פּרק און עטלאַכע ספרים פון תנ"ך. אין 1914 פאָרט יהואש אָפּ קיין ארץ ישראל מיט'ן רעיון דאָרט צו בלייבן, מוז זיך אָבער, איבער'ן אויסבראָך פון דער וועלט־מלחמה, אומגעפער אין אַ יאָר אַרום אומקערן צוריק אין נויאָרק, איבערגעבנדיק זיינע איינדרוקן פון דער נסיעה און פון דאָס נייע אידישע לעבן אין אַלטן לאַנד אין זיין צוויי־באַנדיקן „פון נויאָרק ביז רחובות און צוריק". יהואש'ס גרויסער אויפטו זינט זיין צוריקקער, אחוץ פיל נייע לידער אין „טאָג" און אַנדערע צייט־שריפטן, (אויך זיי זיינען שפּעטער אַרויס אין בוך־פאָרם), איז זיין נייע (ניט זייענדיק צופרידן מיט די אַלטע פרואוון) און איצט שוין פולשטענדיקע איבערזעצונג פון תנ"ך, וועלכע, ווערנדיק צום גרעסטן טייל פאַרעפנטלאַכט אין „טאָג", האָט זי אַרויסגערופן גרויס באַוואונדערונג דאָ און אין אויסלאַנד. עטלאַכע חדשים פאַר'ן דיכטער'ס טויט איז, אין צוויי בענדער, אַרויס זיין חומש־איבערזעצונג; די איבערזעצונג פון נביאים וכתובים דאַרף, אַ דאַנק דער געוואַלטיקער אַנשטרענגונג פון פרוי יהואש און אַ גרופּע פון דעם דיכטער'ס אינטימע פריינט, איינגיכן אַרויס.

יהואש'ס אומגעהויערער אויפטו פאַר דער אידישער פּאָעזיע קען רעזומירט ווערן אומגעפער אַזוי: 1) מיט זיינע פיל צענדליקער לידער אויף טעמעס און מאָטיוון פון תנ"ך, תלמוד, קבלה און דער אידישער פאָלקס־לעגענדע, וועלכע האָבן ביי אים געקראָגן אַ פאַנטאַסטישע און שמאַכטנדיק־ליבעפולע באַאַרבעטונג, האָט ער פּאַקטיש דער ערשטער באַשאַפן אַ אידישן ראָמאַנטיזם; 2) די פרייע נאַטור, וואָס פריער איז זי אין אידישן ליד געווען קאַרג פאַרטראָטן, האָט דורך יהואש'ס גרויסער צאָל פיין־בילדלאַכע און שטימונגפולע נאַטור־שילדערונגען געקראָגן פולע בירגער־רעכט אין דער אידישער פּאָעזיע; 3) זייענדיק איינער פון די סאַמע אינטעלעקטועלסטע אידישע וואָרט־קינסטלער, האָט יהואש די אידישע פּאָעזיע באַרייכערט מיט פיל פון די טיפסטע און ווייטוטיקסטע פּראָבלעמען; 4) ער האָט אין דער אידישער פּאָעזיע אַריינגעבראַכט אַ גרויסע פאַרשיידנאַרטיקייט און וועלטלאַכקייט, אַ פאַרשיידנאַרטיקייט פון פאָרם בכלל און פון פ ע ר ז ן־ב ו י ב פ ר ט, און די וועלטלאַכקייט פון נייע מאָטיוון און איינפלוסן פון אייראָפּייאישע און אָריענטאַלישע לענדער און ליטעראַטורן. (העכסט

ווארשיינלאך דארף מען עס טאקע צושרייבן דער ווירקונג פון די ענגלי־
שע קלאסיקער, אין ווען מען אונדזער דיכטער איז געווען גוט באהאוונט,
וואס דער פערץ איז פיל פון זיינע געדאנקען־לידער איז דער סאלידסטער,
דער מעטאליש־קלאנגפולסטער אין דער מאדערנער אידישער פאעזיע) ;
5) ער דריקט אוים געטריי און ווירדיק — אן ארייגצופאלן אין די שרייענ־
דיקע טענער פון פראפאגאנדע — דעם מאדערנעם אידישן נאציאנאליזם.

ביבליאגראפיע : יהואש׳ם פאעזיע און פראזע און זיין „פון נויארק
ביז רחובות״ ; חיים ליבערמאן, „דיכטער און וועלטן״ ; י. ענטין, „די
צוקונפט״, 1903 ; מ. אלגין, „די צוקונפט״, 1915 ; יעקב פיכמאן, „די אידישע
מוזע״ ; ז. רייזען, „לעקסיקאן״.

א.

דיכטונג.

ווי ס׳ווערן לידער פארפאסט...

(פראלאג)

מיך האט א באקאנטער געפרעגט,
ווי ס׳ווערן די לידער געמאכט ? —
ווי ס׳פאסט זיך און קלעפט זיך,
ווי ס׳וויקלט און וועבט זיך
און ס׳פארט זיך צוזאמען
דאס ווארט מיט די גראמען
און יעדער געדאנק
געפינט אזוי לייכט זיך

דעם פאסנדן קלאנג
און ס׳בינט אזוי גלייך זיך
צום זין דאס געזאנג
ביז אלצדינג אינאיינעם באוועגט
דאס הארץ מיט א זעלטענער מאכט.

איך ווייס ניט — האב אים דערקלערט —
פונוואנען עס נעמט זיך די קראפט,
וואס גראמען און ווערטער באשאפט,
נאר דער ווערמען גאט האט באשערט
די שיינע געדאנקען אין זינען,
וועט גרינג שוין דעם מלבוש געפינען,
מיט וועלכן ער זאל זיי באקליידן;
ער ווייסט שוין דעם אויסדרוק דעם רעכטן
אין קלינגענדע גראמען צו פלעכטן
און קונציק זיין מעטער צו וועבן,
ביז ס׳הויבט אן צו אטעמען און לעבן;
אוןווארט און געדאנקען זיי פליסן
צונויף אין א זיווג א זיסן,
ביז יענער וואס לעזט קען ניט וויסן,
דער שענסטער ווער ׳סאיז פון זייביידן.

אזוי ווי דער אויסדרוק פון מיידלשע אויגן,
וואס ווערט פלוצלונג פריילאך
און פלוצלונג פארצויגן
מיט וואלקנס פון קומער:
אט לייכט ער און לאכט ער,
ווי ליכטיקער זומער.

אַט ווערט ער פאַרטראַכטער,
אַט ווערט ער אַ ווייכער, אַ מילדער,
אַט ווערט ער אַ הייסער, אַ ווילדער,
אַט קושט ער, אַט שטויסט ער צוריק —
אַזוי ווען דאָס טעמע באַנייט זיך,
פאַרענדערט זיך תמיד און בייט זיך
דעם אמת'ן דיכטער'ס מוזיק...

אַט לאָזט ער לאַנגזאַם און האַלב ווי אין חלום זיך ציען
די ווערטער,
לאָזט די געדאַנקען זיך וויגן אין ווייכע און גלייכע
דאַקטילן ;
פונקט ווי עס פלוידערט אַ קוועלכל אין שטילע,
פאַרבאָרגענע ערטער,
אונטער דעם שאָטן פון בוימער, געגלעט פון אַ ווינטל
אַ שטילן,
אָדער ווי ס'שיפט זיך אַ לאָדקע אַמאָל אין אַן אָוונט
אום זומער,
שיין פון לבנה פון אויבן און שלאָפנדע וועלן אַרום איר...

אַט לאָזט ער גאָר פלוצלונג אַרויס אַ געוויטער 1)
פון ווערטער מיט אייזערנער מאַכט
און שיקט זיינע שטאָלצע געדאַנקען ווי ריטער,
וואָס רייטן געפאַנצערט אין שלאַכט ;
אַט זיינען די פראַזן קאַנאָנען געוואָרן,
וואָס טומלען און ברילן מיט פינצטערן צאָרן
און ברעכן פאַנאַנדער די מעכטיקע צאַמען
און פילן דעם אויר 2) מיט פולווער און פלאַמען...

דאַן גיט ער זיינע לידער אָפּט
דעם בלויען שימער פון די שטערן,
די רוּע פון אַ קינד וואָס שלאָפט,
דעם זיסן גלאַנץ פון פריידן־טרערן,
דעם דופט פון מאָרגן־טוי, וואָס פאַלט
אויף יעדער בלום און בוים אין וואַלד,
ווען ס'הויבט אָן זומער טאָג צו ווערן...

אָפּטמאָל רייט ער זיינע קלאַנגען
אין אַ פריילאַך־שנעלן מעטער
אין אַ לוסטיק־ווילדן כאָר
ווי אַמאָל פאַרצייטן 3) פלעגן
זיך די טענצערקעס באַוועגן,
טאַנצנדיק מיט קרענץ באַהאַנגען
און מיט גרינע לאָרבער־בלעטער
אין די שיין־צעלאָזטע האָר,
מיט מוזיק און מיט געזאַנגען,
אויף דעם יום טוב די געטער
און לכבוד גאָט אַמאָר...

און אָפט אין דעם קלאַנג קענט איר הערן
אַ שטילן געוויין
איר זעט נאָר פאַרשוויגענע טרערן
אַליין...
איר הערט ווי עס צאַפּלט און ציטערט
דעם דיכטער'ס געמיט,
עס זיפצט אַזוי קלעגלאַך פאַרביטערט
זיין ליד...

אַזוי מוז ער שטענדיק פּאַסן,
חתן-כלה'דיק פאַרקנאַסן
די באַפּוצונג און באַשיינונג
צו דעם עיקר, צו דער מיינונג,
מיט אַ לייכטער צויבער-האַנט —
דען געדאַנקען גרויסע שלעפּן
קוים מיט מי זיך אויף די טרעפּן
פונ'ם זינען און פאַרשטאַנד,
ווען זיי זיינען ניט באַהאַלטן
אין געהעריקע געשטאַלטן
אין אַ פּאַסנדן געוואַנט...

אָבער ווערטער אָן אַ זינען,
אָדער ווען איר קענט געפינען
דעם געדאַנקען-פונק דעם דינעם,
בלויז אים זוכנדיק מיט ליכט,
רייצן, קיצלען דעם געשמאַק נאָר,
ס'איז אַ ליידיקער טיק-טאַק נאָר,
שיינער פודער אויף דער באַק נאָר
פון אַ בר-מנן'ם געזיכט...
שיינע פאַרבן וועלכע בלאַנקען,
קענען קיינמאָל, שטאָט געדאַנקען,
ניט באַשאַפן אַ געדיכט...

אַזוי האָב איך דאמאָלס געענטפערט מיין גאַסט
זיין פראַגע „ווי ס'ווערן די לידער פאַרפאַסט...“

1) אַ שטורם. 2) (אווער, העברייאיש) — די לופט.

2) ביי די אמאַליקע גרעקן.

(כאָטש דאָס ליד איז פרי געקומען אין יהואש'ס שאַפן, איז עס פונ־דעסטוועגן זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אינטעלעקטואַליטעט פון זיין פאָעזיע און, נאָכמער, פאַר איר שיינער און פאַרשיידנאַרטיקער טעכניק.— וואָס איז דער הערשנדיקער פערז־פוס אין צווייטן סטראָף און ווי רופט מען אים? באַמערקט די שפּילעוודיקייט, דורך בייטן דעם פערז־מאָס, אין דריטן סטראָף. וויפיל פיס זיינען דאָ אין פערז פון פערטן סטראָף? זיינען זיי אַלע דאַקטילן? ווייזט אָן אויף עפּעס אין דער שפּראַך און וואָרט־קלאַנג פון פינפטן סטראָף, וואָס העלפט מאַכן דעם עפעקט פון שטורם? ווייזט אָן אַ סטראָף מיט אַ יאַמב, אַ טראָכיי. ווייזט אָן אויף עפּעס וואָס העלפט מיטשאַפן די לוסטיקע באַוועגלאָכקייט אין סטראָף: „אָפטמאָל רייט ער זיינע קלאַנגען“.)

זון־טראָפּנס

אין די ווייסע שוימען
פון די גרויסע וואַסערן,
פון די שטאַרקע פולע וואַסערן,
האָב איך מיינע טרוימען
דערקענט.

דורך געוועלדן 1) ווילדע,
איבער בלאָקן שטיין,
מיט די גרויסע אימפּעטיקע וואַסערן
שפּרינגען מיינע שוימען,
שפּרינגען מיינע טרוימען

און צעשטויבן זיך
אין רעגנבויגנס...

---

1) וואלד־געדיכטענישן.

(דאס ליד, איינס פון יהואש'ס פיל שפעטערדיקע שאפונגען, ווייזט א זעלטענע לייכטקייט אין פארגלייך מיט דער פאריקער פאעמע. — וואס טוט אייגנטלאך אויף דער צווייטער סטראף? ווענן וואס פאר א וואסער זינגט זיך דא?)

געזאַנג

געזאַנג פון גראָז,
געזאַנג פון ערד,
געזאַנג פון גאָלד־אַרץ אין געדערים פון אַ פעלז
געזאַנג פון צין־ווייסן טייך,
באָדנדיק דעם לייב פון דער לבנה,
געזאַנג פון אויסגעלאָש'נעם וואָלקן
ביים שוועל פון דער פאַרטונקעלטער זון,
געזאַנג פון הונגעריקן וואָלף,
וואָס יאָמערט אויף זיין שניי־סטעפּ,
געזאַנג פון לאָקאָמאָטיוו מיט פייערדיקע אויגן
יאָגנדיק דורך שוואַרצע, רעגנדיקע פּרעירים,
געזאַנג פון הונדערט מיילן ברענענדיקן וואַלד
און סטאַדעס בופלען אין גלאַף פון פלאַמען,
געזאַנג פון ווייסן הייפל אַש,
געבליבן נאָכ'ן פאַסטוכ'ס פייער,

געזאַנג פון פּערל אין אויער פון אַ קורטיזאַן, 1)
געזאַנג פון גרויען טראָפּן אויפ׳ן קראַנקן אָסטער,
וואָס שליימט זיך אין אַ פּערל,
געזאַנג פון וואָרים אין זיין פּוכיקן באַדעק,
האַרנדיק 2) אויף זיין שמעטערלינג־געבורט,
געזאַנג פון זון אויף אַלע ווייטע אייזבערג,
געזאַנג פון ווינט אויף אַלע מאַסטן אין די ימ׳ען,
געזאַנג פון אַלע שפּינוועבן
אין אומדערפאָרשטע וועלדער,
געזאַנג פון ברוינעם לייוונט־ווינד׳ל
אויף מלך רעמסס׳ מומיע,
געזאַנג פון אַלע ביינער אין די קברים,
געזאַנג פון אַלע טויטע נעכט
און אַלע אומגעבאָרענע באַגינענס —
אַלע זיינען מיינע,
סיי איך זע, סיי ניט,
סיי איך הער, סיי ניט.
אַלע וועלן אָנקומען צו מיר
אויף אומגעזעענע וועגן —
אויב איך וועל לעבן
גענוג מיליאָנען יאָר.

---

1) אַז אויסגעלאַסענע פרוי. 2) וואַרטנדיק.

(באַמערקט די אָריגינעלע פאָרשטעלונג פון „ציז־ווייסן־טייך" און די אָריגינעלע פאַנטאַזיע אינ׳ם „געזאַנג פון ברוינעם לייוונט־ווינד׳ל אויף מלך רעמסס׳ מומיע". — וועלכע בילדער פאַרבינדן דאָס ליד מיט אַמעריקע ? דערמאָנט אייך דאָס ליד אויף עפּעס אַ באַשטימטן אַמעריקאַנישן פּאָעט ? — וואָס איז אייער מיינונג וועגן די לעצטע, עטוואָס שפּאַסיקע צוויי שורות פון פינאַל ?)

שיינקייט

איבער מיין געלעגער
האָט די נאַכט זיך איינגעבויגן
און מיר געגעבן זויגן
שיינקייט און ווייטיק,
שיינקייט און ווייטיק...

אויף איר ברוסט האָב איך געוויינט,
ווי אַן ערשט געבאָרן קינד
און מיט צוגעמאַכטע אויגן
געזויגן שיינקייט און ווייטיק,
שיינקייט און ווייטיק...

(וואָס איז דער געדאַנק פון'ם ליד?)

ב.

פון אַלטן בּרונען 1).

לא ברעש ה׳

ורוח גדולה וחזק מפרק הרים
ומשבר סלעים... לא ברוח ה׳. —
ואחר הרוח רעש, לא ברעש ה׳.
ואחר הרעש אש, לא באש ה׳.
ואחר הרעש קול דממה דקה...
והנה אליו קול מה לך פה אליהו.
(מלכים א׳, י״ט.)

צוערשט האָט אַ שטורם געבלאָזן...
ער האָט זיך פאַנאַנדערגעלאָזן
מיט ווילדער און שטענדיק אַלץ ווילדערער מאַכט,
עס האָט דער לבנון דער אַלטער געקראַכט
און בוימער וואָס האָבן דורך הונדערטער יאָרן
קיין איינציקן וואָרצל, קיין צווייג נים פאַרלאָרן,
זיי האָבן געבויגן זיך שוואַך און געציטערט,
זיי זיינען אויף שפּענער געוואָרן צעשפּליטערט...

אַ פּילדער אַ ווילדער פאַרטומלט די אויערן,
אַ שפּראַך קריגן פּלוצלונג די קרעפטן די שטומע.
אַ בּרילן, אַ ברומען... עס וואַקסט די מהומה,
אַזוי ווי עס וואָלטן פון גיהנום די טויערן
געוואָרן פון העלערהייט אָפן
און ס׳וואָלטן, באַפרייט פון די קייטן,
פון דאָרטן די שדים אַנטלאָפן,
די וועלט מיט אכזריות צו טויטן...

עס בוקט זיך דער נביא און פרעגט:
„אָ, גאָט פון ישראל, אנטפּלעק צו דיין קנעכט,
ביסטו אין דעם שטורעם וואָס טומלט און ברעכט,
ביסטו אין דער ווילדער מהומה וואָס שרעקט?
אָ, זאָג מיר, ביסטו עס אַליין?..."
און ס'ענטפערט אַ שטימע אים: „ניין!"

דאַן האָבן זיך לאַנגזאַם די הימלען פאַרדעקט,
דאָס ליכט פון דער זון איז געוואָרן פאַרמעקט
און ס'האָבן זיך פינצטערע כמאַרעס געקליבן,
ווי מחנות פון רוחות פון שטורעם געטריבן...
די טונקעלע לופט ווערט געשטיקטער און שווערער
עס לאָזט זיך דער הימל אַרונטער אַלץ מערער,
אַזוי ווי די ערד וואָלט אַ קבר געוואָרן
און אויבן די וואָלקנס דער דעק פונעם ארון...

און פּלוצלונג... מיט ליאַרעם דער דונער קומט אָן,
עס פּלאַטערט, פון בליצן געפלאַכטן, זיין פאָן,
דורך נאַכטיקע מאַסן באַוועגן זיך פלאַמען,
עס מישט זיך דער תהום מיטן גיהנום צוזאַמען,
פון פחד די ריזנבערג פילן זיך קלענער
און חזר'ן איבער אין עכאָס די טענער...
עס בליצט און געוויטערט,
עס ציטערט פאַרביטערט
און וואַקלט און וויגט זיך די ערד;
עס דאַכט זיך, אָט ווערן
די זון און די שטערן
און אַלע פּלאַנעטן צעשטערט...

און ווידער זיך וואַלגערט דער נביא אין שטויב:
„אָ גאָט פון צבאות, אין וועלכן איך גלויב,

ביסטו אין די וואָלקנס׳ פאַר׳חשכ׳טער מאַכט,
וואָס בייט העלן טאָג אום אין טונקעלער נאַכט?
ביסטו אין דעם דונער וואָס מורא׳דיק קנאַלט?
ביסטו אין דעם בליץ וועלכער פעלזן צעשפּאַלט?
אַנטפּלעק מיר, ביסטו עס אַליין?״
און ס׳ענטפערט אַ שטימע אים: „ניין!״

דאַן זיינען די וואָלקנס און שטורעם פאַרגאַנגען,
דער טיף-בלויער הימל איז רואיק געהאַנגען,
אַזוי ווי אין גרויסע מחשבות פאַרזונקען...
דער וואַלד האָט מיט דאָרשטיקע וואָרצלען געטרונקען
די זאַפט פון דער פעט-פייכטער ערד שטילערהייט
און האָט אָן געראַוש זיינע בלעטער פאַרשפּרייט...
עס האָט נאָר אַ דופטיקעם ווינטל געבלאָזן,
געגלעט און געלאַשטשעט די קרייטער און גראָזן...
די זון האָט איר אָפענעם אוצר פון לעבן
אין שטראַלנדע הויפנס פאַנאַנדערגעגעבן...
געוועזן איז אַלץ רואיק, עס האָט נאָר געפילט זיך,
אַז אונטן פון לעבן, דעם וואַקסנדן, שפּילט זיך
דאָס גרויסע און הייליקע דראַמע פאַרבאָרגן
און דאָס וואָס היינט טויט איז וועט בליען
אויף-מאָרגן...

מיט ריחות באַלאָדן,
אין שטראַלן געבאָדן,
אין הייליקן שווייגן
זיך שפּרייטן די צווייגן
און אַלצדינג זיך שטאַרקט און פאַרמערט;
די קראַפט לאַנג באַהאַלטן,
אין טויזנט געשטאַלטן,

דערשיינט און באַווייזט זיך
און הימל-צו רייסט זיך—
קיין קול אָבער ווערט ניט געהערט...

עס שטראַלט שוין און שימערט דאָס אויג פון פראָפעט,
עס פילט זיך זיין גייסט מיט אַ זעלטענעם ליכט,
ער בויגט צו דער ערד זיין באַגייסטערט געזיכט,
און האָרכט צו דער שטימע וואָס רעט:
די הייליקע שטילקייט,
די רואיקע קראַפט
איז גאָט, יענע מאַכט וועלכע שווייגט
און באַשאַפט."

1) אזוי באַצייכנט יהואש זיינע אַ רייע לידער, אויף ביבליש־תלמודישע טעמעס, אין ערשטן באַנד פון זיינע „נייע שריפטן", (1910). דאָס ליד אָבער איז איינס פון זיינע פריסטע.

(וועלכן פירוש ניט דאַ דער דיכטער, מיט זיין פרייער, פּאַעטישער איבערדערציילונג, אויף דעם באַרימטן מעשה׳לע וועגן גאָט׳ס אַנטפּלעקונג צו אליהו הנביא? פּרואווט אים פאַרבינדן מיט די פערזן:
„...עס האָט נאָר געפילט זיך,
אַז אונטן פון לעבן, דעם וואַקסנדן, שפּילט זיך
דאָס גרויסע און הייליקע דראַמע פאַרבאָרגן".
באַמערקט דעם שטאַרקן קלאַנג פון דער פּאָעמע, צום ביישפּיל אין סטראָף
„דאַן האָבן זיך לאַנגזאַם די הימלען פאַרדעקט".

דזשאַראַדאַ

(פון „שלמה׳ס רינג״)

זיינען אַלע שדים שקלאַפן
טאָג ווי נאַכט פאַר קיניג שלמה,
זיינען אַלע ווינטן שפּיאָנען —
פרי און שפּעט פאַר אים שטאַפּעטן... 1)

קומט אַמאָל דער ווינט פון מזרח,
שושקעט ער אין שלמה׳ס אויער:
כ׳קום פון ים און פון יבשה,
כ׳קום פון עקן וועלט צו ווייען,
כ׳בין געוועזן אויף אַן אינזל,
הינטער זיבן בלויע ימים,
שימערט ער פון לויטער גרינקייט,
שטייט ער צווישן הויכע פעלזן...
קען קיין אַנקער דאָרט ניט האַלטן,
קען קיין שיף אַהין ניט גרייכן.
קיניגט דאָרט אַ יונגע מלכה,
אויף אַ טראָן פון פּערלמוטער,
איז צו איר ניטאָ קיין גלייכן...
דעקט זי אויף אַ ווינקל שלייער,
ווערט די העלע זון פאַרטונקלט,
וואַנדערט זי אַרום אין גאָרטן,
זינגען זיסער אַלע פייגלען,
פאַלן פון די בוימער קווייטן,
אירע פיס צו קענען קושן...

ווערן הייזעריק די אינדן 2)
שרייענדיק אַרום דעם אינזל:
שיינע קיניגן דזשאַראַדאַ,
פּערל פון די בלויע ימים...

— — — — — — — — — —

וויכט די פרייד פון שלמה׳ס האַרצן,
מיידט די רו זיין נאַכט-געלעגער,
אויפ׳ן וואָר און אין זיין חלום
הערט ער ווי די אינדן רוישן:
שיינע קיניגן דזשאַראַדאַ,
פּערל פון די בלויע ימים...
שטייגט ער אויפ׳ן טראָן באַגינען,
הויבט זיך אויף דער גאָלדנער אָדלער,
טוט ער אָן די קרוין אויף שלמה׳ן,
שטייען אויף די גאָלדנע לייבן
און דערלאַנגען אים דעם צעפּטער —
וויים ניט שלמה וואָס זיי טוען,
שלייערט זיין געזיכט אַ וואָלקן,
שווימט אַ נעבל פאַר די אויגן,
דורכ׳ן נעבל אויף די וועלן
שווימט אַ טראָן פון פּערלמוטער,
וויגט זיך אויפ׳ן טראָן דזשאַראַדאַ...

ברייננגט דער אָוונט טענץ און לידער,
שטאַרט דער קיניג אויף די כאָרן, 3)
גלאָצט ער אויף די ווענט פון פּאַלאַץ...
נענטערט זיך אַ גרינע וויספּע, 4)
שפּראָצן פון די קאַלטע דילן
הויכע, וויים-באַדעקטע בוימער,

שנייען קווייטן פון די בוימער
אויף דער קיניגין דזשאַראַדאַ...

— — — — — — — — — —

לאָזט זיין חיל רופן שלמה...
טייל פון מענטשן, טייל פון שדים,
טייל פון חיות איז דער חיל...
הייסט ער זיי אין וועג זיך גרייטן,
קלייבט זיך אויף אַ גרויסע מחנה —
הונדערט מייל אויף הונדערט מיילן...
שפּרייטן זיי פּאַר קיניג שלמה'ן
פון אַ מייל די גרויס אַ טעפּיך,
אויסגעוועבט פון רויטע זיידן,
אויסגעשטיקט מיט גאָלד און דימענט —
פון די גייסטער אַ מתנה...

רייבט דעם זיגל קיניג שלמה,
קומט דער שטאַרקער ווירבל־שטורעם,
הויבט ער אים און זיינע מחנות
ווי אַ פעדער אין דער לופטן...
רייבט דעם זיגל שלמה ווידער
קומט דער לינדער ווינט און פרעגט אים:
„וואו געלוסט זיך דיר צו רייזן?“
זאָגט צו אים דער קיניג שלמה:
„טראָג מיך גרינג דורך ווייטע לענדער,
פיר מיך פלינק צום גרינעם אינזל...“

טראָגט דער לינדער ווינט די מחנה,
איבער בערג און איבער טאָלן,
איבער אַלע בלויע ימים...

ווּיגט זיך ניט דאָס מינדסטע גרעזל,
קרויזט זיך ניט אַ וואַסער-בלעזל,
וואו עס גייט דער ווינט אַריבער...

היינגט אַ וואָלקן אַ געדיכטער
אויף די הונדערט-מיילן-מחנה,
פליט ער מיט׳ן ווינט צוזאַמען...
איז דער וואָלקן לויטער פייגלאַך,
איינגעגורעט איינס אין צווייטן —
לאָזן זיי אַ שטראַל ניט דורכגיין,
קילן זיי די הייסע לופטן...
יאָגט געשווינט דער ווינט דער לינדער —
איז אַ שעה נאָך ניט פאַרגאַנגען,
שטייט דער מלך שוין באַ׳כשופ׳ט
פאַר דער דופטיקער דזשאַראַדאַ...

זאָגט דער מלך צו דזשאַראַדאַ׳ן:
טויזנט בלומען אין מיין פּאַלאַץ 5)
זיינען גרייט מיין האַרץ צו פרייען,
וואונדער-שיין איז יעדע איינע,
פון איר לאַנד און שטאַם די שענסטע,
וועסטו זיין די קרוין פון אַלע,
וועט דזשאַראַדאַ זיין די מלכה
איבער טויזנט קיניגינען...

— — — — — — — — — —

פירט אַוועק דער שטאָלצער מלך
אויפ׳ן לינדן ווינט דזשאַראַדאַ׳ן,
ברייננגט ער זי אין פּאַלאַץ זיינעם,

קיניגט זי אויף אַלע ווייבער —
שלמה׳ס פרייד פון אַלע פריידן...

---

1) שלוחים, קוריערן. 2) כוואַליעס. 3) מחנות טענצער. 4) אינזל. 5) טויזנט ווייבער, דערציילט זיך אין תנ״ך, האָט שלמה המלך געהאַט.

(די דערציילערישע פאָעמע „שלמה׳ס רינג", פון וואַנען דאָס אויבּיקע איז אַן אויסצוג, איז געבּויט אויף אַ ציקל מעשׂות פון מדרש (אַ געוויסע תּלמודישע זאַמלונג פון לעגענדעס, תּורה־אויסטייטשונגען א. א. וו.), וואו עס דערציילט זיך, ווי אַזוי שלמה המלך האָט געקיניגט איבּער די שדים, מיט׳ן כּח פון זיין זיגל־רינג, וואו עס איז געווען איינגעפּאַסט דער שם המפורש (גאָט׳ס נאָמען), און דורך זיי אויפגעטאָן אַלערליי וואונדער. אָבּער דער אשמדאי נאַרט אויס דעם רינג און פאַרטרייבּט שלמה׳ן פון זיין טראָן.)

ליל שמורים 1)

שוין פאַרזוכט פון אַלע כוסות
האָט דער נביא אליהו.
שטילע רו־מלאכים פליען
פון די הימלען, פון די בלויע...

טראָגן זיך פון הויז צו הייזל,
שוועבן אום אויף אַלע דעכער,
גנבע׳ן זיך אַריין אין פענצטער,
קריכן דורך די שליסל־לעכער...

בענטשן איטלאַכנס געלעגער,
קושן יעטוועדן באַזונדער,
שושקען יעדן אין זיין שלומער
זיסע טרוימען, הימל־וואונדער...

הייליק איז דאָס קליינע געסל,
ס'טאָר קיין בייז אים ניט פאַסירן:
שניי־געפליגלטע מלאכים
שטייען וועכטער ביי די טירן...

1) (לעיל שימורים) — די נאכט פון פסח; „שמורים" פון שמור (היטן). לויט דער לעגענדע זיינען די אידן אין דער פסח־נאכט באהיט פון שדים.

דער וואַסער־טרעגער

אין דער באָד־גאַס עק פון שטעטל,
אין אַ קעלער־שטוב אַ נאַסער
האָט געוואוינט אַ איד אַן אַלטער
און געלעבט פון טראָגן וואַסער...

פלעגט זיין ברויט „בזעת אפו" 1)
און מיט שווערער מי פאַרדינען,
שלעפנדיק די פולע עמערס,
שפעט אין נאַכט און פרי באַגינען...

איז געגאַנגען קרוע בלוע, 2)
ניט געהאַט אַ גאַנצן פּאָדים
און די נאַקעט-דאַרע ביינער
פלעגן סטאַרטשען דורך די בגדים...

איז געווען קראַנק, אַ חלוש... 3)
קוים געקענט די נאַשטשעם 4) טראָגן —
דאָך אַ קוויקונג איז געווען
הערן אים „גוט מאָרגן" זאָגן...

אַזאַ זיסקייט, אַזאַ מילדקייט,
אַזאַ פריילאַכער בטחון,
אַזאַ שבת-אויפגעראַמטקייט
אין אַ מיטן-אָן-דער-וואָכן...

קיינער ניט געוואוסט אין שטעטל
האָט דעם וואַסער-טרעגער'ס יחוס,
קיינער ניט די מי גענומען
ריידן ווען מיט אים באריכות... 5)

איין פרימאָרגן אין זיין קעלער,
אויף אַ שטיינערנעם געלעגער
איינגעקאָרטשעט, האָבן שכנים
טויט דערוויסט דעם וואַסער-טרעגער...

בלויז אַ הויפן דאַרע ביינער,
צוגעדעקט מיט שמאַטעס אַלטע...
דאָך דער זיסער צדיק-שמייכל
אויף די ליפן, אויף די קאַלטע...

זיך צעווײנט אין מיטן שיעור 6)
האָט דער גרויסער רב הושיע,
האָט באַפוילן די תּלמידים,
נאָך דעם טויטן רייסן קריעה...

דען אַנטפּלעקט געוואָרן פּלוצלונג
אין געהיים דעם אַלטן רב איז,
אַז געווען דער וואַסער־טרעגער
איינער פון די לאַמעד־וואָוו 7) איז...

---

1) בזעת אפּו (בזעיאס אפּוי) — מיט'ן שווייס פון זיין פּנים, מיט שווערער אַרבעט. 2) קרוע בלוע — אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן. 3) אַ חלוש — אַ שוואַכער, קראַנקלאַכער מענטש. 4) אַ קאַראַ־מיסלע (אַז אויסגעבויגענער פלאָקן) איבער די פּלייצעס און פון יעדער זייט אַן עמער. 5) לאַנג. 6 אַ באַשטימטער (אָפּגעשטעל־טער) טייל גמרא (תּלמוד), אַמאָל אויך עפּעס אַנדערש פון דער תּורה, וואָס אַ רבי לערנט טאָג־טעגלאַך מיט תּלמידים, אָדער אַ ראש־ישיבה מיט ישיבה־לייט. 7) לאַמעד־וואָוו — 36. דער דיכ־טער גיט דאָ אַ בילד פון איינעם פון יענע 36 צדיקים, וואָס אויף זיי, לויט דער אידישער לעגענדע, שטייט די וועלט. די למד־וואוניקעס מוזן לעבן פאַרשטעלט, אַרויסגעבנדיק זיך פאַר פּראָסטע, גראָבע מענטשן.

דעם יתומ׳ס מאמע

(לעגענדע)

עס רעגנט און שטורעמט דערויסן,
אין קעמערל הויערט 1) די נאַכט;
די אַלטינקע באבע, ביים וויגל,
האָט מיד אירע אויגן פאַרמאַכט...

דער וואַנט-זייגער קלאַפּט אין אַ ווינקל,
עס זומט אין דער פינצטער אַ פליג...
דאָס קליינינקע יתומ׳ל שלאָפט ניט
און שפּילט זיך אַליין אין דער וויג...

און פּלוצים זיך עפנט אַ פענצטער —
אַ ווייסע געשטאַלט קומט אַריין...
דעם יתומ׳ל׳ס אויערלאַך הערן
אַ שטימע פון ליבשאַפט און פיין:

„איך קום פון דעם שטורעם צו שפּרייזן,
„איך קום פון דעם רעגן צו גיין;
„איך האָב זיך פאַרביינקט נאָך דיר, קינד מיינס,
„און קען מער ניט בלייבן אַליין...

„קום, קינד, אויף די הענט פון דער מאַמען,
„מיר וועלן אַרויס אויף שפּאַציר;
„איך וועל אויף מיין הארצן דיך טראָגן
„און טוליען דיין קעפּל צו מיר...

„כ'וועל מיינע תכריכים צערייסן
„און נייען דיר ווינדעלאַך שיין,
„מיין בעט איז געראַם פאַר אונדזביידן
און קיל איז מיין קישן פון שטיין...

„דער ווינט אויפ'ן גרויסן בית-עולם
„ווערט קיינמאָל ניט זינגענדיק מיד
„און ליגנדיק אונטן אין קבר,
„דיר נאָכזינגען וועל איך זיין ליד..."

דאָס יתומ'ל שטרעקט זיינע הענטלאַך
און רופט צו דער וויסער געשטאַלט...
די באבע כאַפּט אויף זיך מיט שרעקן —
דאָס קינד ליגט פאַרגליווערט און קאַלט...

1) ליגט שווער.

דער טויטער מאַרשאַליק 1)

די סעודה געענדיקט, איצט קומט די הוליאַנקע;
אהער די באַנדורעס 2) און פלייטן! —
לכבוד דעם חתן, לכבוד דער כלה,
זאָל יעדער צום טאַנצן זיך גרייטן.

און תיכף זיך נעמען די קלעזמער צום שפּילן,
עם רירן זיך לוסטיק די גלידער;
פון האָפּקעס, קאַזאַצקעס און ברוגז-טענץ 3) שיינע,
פאַרפלעכט זיך אַ ווילדעס געשלידער. 4)

איצט טאַנצט, מיט די הענט אין דעם זיידענעם גאַרטל,
דער אַלטער מחותן רב מלך;
ער גייט אַ „קראַקוז" 5) אויף אַמאַליקן שטייגער,
די קרואים 6) פּאַטאַקעווען 7) פריילאַך.

דאָך זעט נאָר... פון עולם שפּאַרט איינער אַרויס זיך:
„אַט דאָס רופט איר טאַנצן?... פע, כ'לעבן!
„איר מעגט נאָך, רב מלך, ביי מיר גיין אין חדר —
„אַט וועל איך אַ טענצל אייך געבן..."

נו, לעבעדיק, לוסטיק, באַנדורעס און פליימן!
די געסט פּאַטשן צו מיט געלעכטער,
דער פריילאַכער אידל פאַרקאַשערט די פּאַלעס
(שוין קענטיק אַ קאָפּ אַ באַשוועכטער 8)

און לאָזט זיך אַוועק אין אַ ווילדער קאַזאַצקע...
אַט בויגט ער און דרייט זיך אין דרייען,
אַט שפּרינגט ער משונה אַזוי ווי אַ זשאַבע,
אַט שווימט ער אַרום ווי אַ שלייען... 9)

אַט קאָרטשעט ער אויף זיך אַזוי ווי צום זיצן,
אַט ציט ער זיך אוים אויף שפּיץ-פינגער
און טאַנצנדיק, דאַכט זיך, אַזוי ווי די אברים
אים ווערן אַלץ לייכטער און גרינגער...

ער טראָגט זיך און יאָגט זיך, קוים זעט מען די פים שוין,
מאַכט שטענדיק אַלץ שנעלערע קרייזן
און נוקעט די קלעזמער: „שפּילט גיכער!
שפּילט גיכער!" —
קוים קענען די פליימן באַווייזן...

אַט טאַנצט ער שוין גאָר ווי אַ שד אין דער לופטן,
אַזוי ווי פון וויכער געטראָגן
און נוקעט די קלעזמער: „שפּילט גיכער!
שפּילט גיכער!" —
קוים קען אים דער צימבל דעריאָגן...

שוין טאַנצט ער קאַפּויר מיט די פּיס אויף דער סטעליע
און אונטן צו דר'ערד איז די צורה
און נוקעט: „שפּילט גיכער! שפּילט גיכער!"...
דאָך פּלוצלונג
געפּלאַצט האָט די גרויסע באַנדורע...

און נעלם איז האַסטיק דער טענצער געוואָרן,
פאַרשלונגען געוואָרן ווי קרח;
נאָר חנא דער פּייקלער האָט באַלד זיך געשטויסן,
ווער איז דער פאַרשוואונדענער אורח:

„דאָס איז ער, דער מאַרשאַליק, טויט שוין פון יאָרן,
„וואָס טרייבט זיך אַרום כּף הקלע 10)
„און קומט איטלאַך יאָר אויף אַ חתונה טאַנצן
„זיין טענצל פאַר חתן און כלה..."

---

1) דאָס זעלבע וואָס „בדחן" — דער פּראָפעסיאָנעלער פּריי־לאַר־מאַכער אויף אידישע חתונות. 2) באַנדורע — אַ גרויסע „טשעללאָ". 3) אַ ברוגז־טאַנץ — אַ קאָמישער טאַנץ, וואו די צוויי טענצער זיינען כלומרשט ברוגז איינס מיט'ן צווייטן. 4) געשלידער — געפּלעכט, פּלאָנטער. 5) אפשר אַ פּוילישער טאַנץ אַזאַ (פון „קראַקוי"). 6) געסט, (פאַרבעטענע). 7) פּליעסקען צו מיט די הענט. 8) באַטרונקענער. 9) אַ פּיש

אזא; פאַראַן אַ ווערטל: „וואַרפט זיך ווי אַ שלייען".
10) כף הקלע (קאַף האַקעלאַ, ווערט אָבער געוויינטלאך אַרויס־געזעט: „קאַף אַקאַל") — אַרומשליידערונג, אַרומוואַגלונג. לויט'ן גלויבן איז עס איינע פון די שטראָפן פאַר פאַרזינדיקטע נשמות, וואָס זיי ווערן אַרומגעשליידערט אָדער אַרומגעטריבן איבער דער וועלט.

דער פאָלקסגייסט

זע דעם גרויסן שטאַרקן טייך,
ווי ער ציט זיך קרום און גלייך
ווי ער גייט זיין שטאָלצן וועג,
צום באַשטימטן וויטן צוועק —
ווייסטו ווי צוערשט געבאָרן
איז דער ברייטער טייך געוואָרן? —

ערגעץ־וואו אין בערג באַהאַלטן,
פון די טיפע פעלזן־שפּאַלטן
רינט אַ וואַסערל און פאַלט,
פונעם זונענליכט באַשטראַלט,
בליאַסקעט, פינקלט און זיך דרייט,
ווי אַ גאָלד־געשמיטע קייט,
באַלד אַהין און באַלד אַהער,
וואַקסנדיק אַלץ מער און מער...
פּלוצלונג ווערט ער גאָר פאַרפאַלן,
פון די העלע זונענשטראַלן,

ווערט פֿאַרבאָרגן אין דעם תהום,
דאָך עס וואַקסט דער וואַסער־שטראָם,
ניט מע זעט אים, ניט מע הערט,
דאָך זיין גבורה זיך פֿאַרמערט,
אין די היילן פֿון דער ערד...
אַזוי גייט ער מיילן, מיילן
און די וועלן זיך פֿאַרוויילן
אין דער פֿינצטער, דאָך זיי איילן
דאָרטן אונטן אין דער שטיל
אומגעשטערט צו זייער ציל...
שטענדיק מעכטיקער און שנעלער
ביז עס איז די צייט געקומען,
ווען מיט קולות און מיט ברומען
און מיט רעש׳ן און מיט רוישן,
שפּרינגט אַ ברייטער שטראָם, אַ העלער
פֿון דער טיפֿער ערד אַרויס־שוין.

* *

אין דער פֿינצטערניש פֿאַרבאָרגן,
נערט זיך לאַנג פֿון פֿאָלק דער גייסט,
ווערט פֿון וואונדער־מן געשפּייזט;
אויבן כלומרשט טויט־דערוואָרגן,
קלייבט ער אונטן נייע קרעפֿטן,
וואָס זיך זאַמלען און באַהעפֿטן
און זיך מאַכן שטילערהייט
פֿאַר דעם צוקונפֿט־קאַמף באַרייט...
איינגעקריפּלט, אָפּגעזונדערט,
פֿון יאָרהונדערט צו יאָרהונדערט,

טראָגט דעם גורל ער דעם האַרטן,
לערנענדיק געדולדיק וואַרטן
און די כחות זיינע שפּאָרט,
ביז דער רעכטער צייט און אָרט...
דאַמאָלס שפּרינגט ער ווי אַ גבור
און מיט מוט אַ וועג זיך ברעכט,
צייט פון וואַרטן איז אַריבער
און דער ריז פאַרלאַנגט 1) זיין רעכט...

מאַכט אים וואַרע...2) לאָזט אים שטרעבן!
זיין צונויפגעדריטעם לעבן,
פון זיין איינגן שטייג דעם שמאָלן,
וויל זיך פריי פאַנאַנדערראָלן...3)
און די גאַנצע וועלט צוזאַמען
קען דעם פאָלקסגייסט ניט פאַרצאַמען...

---

1) פאַר וואָס געברויכט דאָ ניט דער דיכטער דאָס וואָרט „פאָדערט“? אָדער גאָר „מאָנט“? 2) מאַכן אַ וואַרע — מאַכן אַ וועג, מאַכן פּלאַץ. 3) זיך צעוויקלען, זיך צעקייקלען (ווי אַ דונער).

(דאָס ליד איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יהואש'ס נאַציאָנאַלע לידער. שטריינג גערעט געהערט ניט דאַסדאָזיקע און ניט דאָס נעכסטע צו דער גרופּע.)

תּל אָביב

עס רוישן אין דער נאַכט די וועלן,
זיץ איך אַליין ביים ברעג און הער:
מיר דאַכט זיך, פון מיליאָנען קעלן 1)
קומט אַן אַלט געזאַנג אַהער...

איך ווייס ניט און איך וויל ניט וויסן,
פאַרוואָס די טרערן מיינע פליסן
און ס'האַרץ איז פול און שווער...

דער הימל גיסט אַ ווייסן רעגן
פון שטערן, גרויס און וואונדער-העל;
געשטאַלטן נידערן און פרעגן:
ווי גיך? 2) מיר וואַרטן אויף באַפעל...

איך ווייס ניט און איך וויל ניט וויסן,
פאַרוואָס די טרערן מיינע פליסן
און ס'האַרץ קלאַפּט ווילד און שנעל...

מאַראַנצן שפּרייטן כשוף-דופטן
צום שטומען שפּיל פון שטערן-שיין,
אַ גרויסער טרוים הייגנט אין דער לופטן
און מישט זיך אין דעם דופט אַריין...

איך ווייס ניט און איך וויל ניט וויסן,
פאַרוואָס די טרערן מיינע פליסן
און ס׳האַרץ פאַרגייט פון פּיין...

1) העלזוער. 2) ווען וועט שוין משיח קומען?

(דאָס ליד דאַרף נאַטירלאַך צוגעשריבן ווערן צום דיכטער׳ס באַזוך, אין 1914, אין ארץ ישראל. תל אביב, די נייע אידישע שטאָט הינטער יפו, שטייט אויפ׳ן ברעג מיטלאַנדישן ים און אין דער נאָענט געפינען זיך אידישע קאָלאָניעס מיט אָראַנזשן־סעדער — פון דאָנען דער „מאַראַנצן־דופט“. אין דער לויטערער ארץ ישראל׳ער לופט קוקן די שטערן אויס גרעסער ווי אין אַנדערע ערטער.)

ג.

גאָט׳ס וועלט.

פרילינג

איצט בין איך אַליין אין די דופטיקע פעלדער,
פון זיך אַליין שעפּטשען אַרויס מיינע ליפּן:
„דו הייליקע, אייביקע, גרויסע נאַטור־וועלט,
נעם צו אין דיין שויס מיך און לאָמיך פאַרגעסן
מיין שפּלי׳ן מענטשלאַכן איך אויף אַ ווײַלע,
פאַרטרינקען מיך לאָז אין דיין קוועלנדן ברונען
פון לעבן, וואָס האָט ניט קיין סוף און קיין אָנהויב,
די קליינצינקע דאגות וואָס תמיד זיך בייטן
און וואונטשן, פאַרלאַנגען און שטרעבונגען פּוסטע,
וואָס האָבן פון דיר מיט געוואַלט מיך געריסן...“

איך ליג אויף דער לאָנקע און קוק אויפ'ן הימל,
מיין האַרץ לויפט אַריבער פֿון שמאַכטן און בייןקען,
פאַרגייט אין אַ הייסן באַגער צו פאַרנעמען
נאַטור'ס שטאַרקען פולס און מיט אים זיך פאַרבינדן
און בטל זיך פילן אין יענעם אוקינוס, (1
פון וועלכן דאָס אַ ל ץ וואָס איך קען נאָר באַמערקן
מיט אויג און מיט אויער איז בלויז נאָר אַ טראָפּן.

און באַלד שוין דערפיל איך אַזוי ווי די גראָזן
מיט צערטלאַכע, זיידענע פינגער מיך גלעטן
און וויעען מיך איין (2 אין דאָס גרויסע געהיימניס...
עס טשירקעט דאָרט ערגעץ פון וויטן אַ פויגל,
אַ ווייסינקער וואָלקן שטיפט אום אויפען הימל
און א י ך פיל דעם תענוג פון זייער חברותא... (3
מיר דאַכט זיך אַזוי ווי דער וועלט'ס גרויסער בוזעם
מיך הויבט מיט זיין אָטעם אַרויף און אַרונטער,
דער ריטמוס פון לעבן מיך וויגט און מיך הוידעט
אין גלייכע באַוועגונגען... אַלץ וואָס מיר בלייבט איז —
גאָר קוקן און הערן און טרוימען און טראַכטן...

---

1) אָקעאַן. 2) איינווייען — Initiate (3 (כאַוורוסע)—
געזעלשאַפט, קאָמפּאַניע.

(דער מאָטיוו פון ווערן איינס, צונויפגיסן זיך מיט דער נאַטור, באַגעגנט
מען אָפט ביי אונדזער דיכטער.)

פון די קעטסקיל-בערג

אויסגעדרייט זיך האָט דער באַרג-וועג;
פאַר דאָס אויג פון אַלע זייטן
זיך אַנטפּלעקט אַ וועלט אַ נייע,
גלייך ווי אָקאָרשט אויפגע׳כישופ׳ט...

אונטן שטרעקן זיך די טאָלן
אין געקעסטלטע קאָלירן:
לאַנקעס, פעלדער, גערטנער, סעדער
דורכגעשפּריצט מיט פאַרם-הייזער...

און די הייסע מיטאָג-שטראַלן
בלישטשען אָפּ פון טויזנט פונקטן,
שלאָגן אָפּ זיך פון די טייכלאַך,
גלאַנצן אָפּ פון פענצטער-שויבן...

צו די בערג אַרויף משופּע
קלעטערן די טענען-ביימער,
רוקן זיך אין גרינע רייען,
אום דעם סאַמע שפּיץ צו גרייכן...

אַזוי ווייט זיך שפּרייט די לאַנדשאַפט,
אַזוי קליין איז אַלץ פון ווייטן —
דאַכט זיך ס׳איז נאָר אויפגעפּינזלט
און אַ שיין-געמאָלטעס בילד בלויז...

אַ זומער־נאַכט

ס׳דרעמלען ארום אונדז פאַר׳חלומ׳ט די בוימער,
זיידענע שאָטנס דעם וואַלד דעקן איין ;
איבער דעם וואַסער, אין גלאַנציקע פאַסן
גיסט די לבנה איר צערטלאַכן שיין...

ס׳שיפט זיך די לאָדקע אויף וועלן פון זילבער,
ס׳קלאַפּן די רודערס פאַנטאַסטיש צום טאַקט
פון די טומאַנע מחשבות וואָס ליגן
ערגעץ אין ווינקל פון מח פאַרפאַקט...

שפּילנדיק גרייזלט דער נאַכטווינט די גראָזן,
ס׳וויגן די ווערבעס פאַרשלאָפן דעם קאָפּ ;
טויזנטער גילדערנע אויגן אין הימל
פינקלען און שפּיגלען אין וואַסער זיך אָפּ...

רייד ניט אַ וואָרט איצטער... האַלט אויף אַ רגע
איין פון התפּעלות דאָס זיסע געפיל ;
ווי דער הימל, דער טייך און די ווערבעס —
איטלאַכער חלומ׳ט זיין טרוים אין דער שטיל...

וואַסער־שפּיגל

עס האָט זיך פון בייִנקשאַפט דער הימל
אין ליכטיקן וואַסער דערטרונקען,
האָט אויבן זיין שאָטן געלאָזן
און ע ר איז אין אָפּגרונט פארזונקען...

אויף זאַמד־קישנס אויסגעבעט האָט אים
זיין טייך־קאַמעראַד דער געטרייער
און פרום־שטילע וועלן אים זיינען
דעם לויטערן פנים מטהר... 1)

און ס׳בויגן אַרונטער צום טייך זיך
די ווערבעס מיט היינגענדע צווייגן,
באַקוקן דעם נפטר 2) דעם שיינעם
און וויגן זיך טרויריק און שווייגן..

---

1) מטהר (מטאהעיר) זיין אַ מת, הייסט: אַרומוואַשן אים לויט דעם אידישן דין. 2) („ניפטער") — אַ מת (ווערט גע־ווייִנטלאַך געזאָגט אויף אַ צדיק).

אין וואַלד

איך בין ביי אַ גרויסן געהיימניס געווען...
כ׳האָב דעם אַלטן פאַרפלאָכטענעם וואַלד
אין זיין הייליקסטער שעה איבערראַשט... 1)
און ס׳האָט זיך פון יענעם געהיימניס
אַ זיידענער שאָטן אַרונטערגעוויקלט
און האָט מיין נשמה באַמאַנטלט
און דריבלט 2) זינט דאַן זיך, אין טונקעלע פעדים,
דורך טרוימען פון טאָג און חלומות פון נאַכט.

כ׳האָב געבלאָנדזשעט דורך גראָזן און בלומען,
פאַרטונקט ביז די קני אין דעם גרין-וויכן רייכטום,
אַמאָל אונטער סוכות פון פינצטערע סאָסנעס,
אַמאָל אויף אַ זונען-באַשפּריינקלטער לאָנקע...
ניט-זוכנדיק האָב איך דאָרט אוצרות געפונען
פון דימענטן שוואַרצע, מגולגל 3) אין יאַגדעס,
און קוויטן-רובינען און בלימלאַך-סאַפירן,
אויף שטיינגלאַך פון העלן שמאַראַגד...

אין דער הויך האָט געצוויטשערט, אַרום האָט געזומט
און פון וויט האָט אַ קוואַק פון פאַרדרעמלטע זומפן
באַליט ווען-ניט-ווען דאָס געזום...
און יעטוועדעס ריטל און בלאַט האָט געניאַנטשעט
אַ קליינציק און רירעוודיק לעבן אויף זיך...

די ליפּן פון יאַגדע־סאַק 4) זאַפּטיק,
אין האַרצן אַ וואַרם־באַרוישנדע פרייד,
אויף קווייטן זיך האָב איך געמאַכט אַ געלעגער
און לאַנגזאַם זיך האָבן די ברעמען פאַרמאַכט
און דער וואַלד־בינ׳ס געזאַנג איז אין חלום אַריבער...

ביז דער אָוונט־הויך האָט אין מיין אויער געשושקעט:
„שטיי אויף!... דען דער לוסטיקער טאָג איז געענדיקט
און הינטער די בערג ליגט די גאָלדענע זון...“
כ׳האָב דערוואַכט: און פאַרביטן געוועזן איז דער וואַלד...
נאָך זומען און זינגען געקומען איז רו...
און דאָס אויבערשטע בלאַט האָט פאַרגליווערט געהאָרכט
צו דעם רוף פון פאַרבאָרגענע וואָרצלען...

דער אָוונט־הויך האָט אין מיין אויער געשושקעט:
„פאַרלאָז אונדז! קיין מענטש דאַרף ניט זיין,
ווען דער וואַלד איז מיט זיך און מיט גאָט...“
דאָך איך בין געבליבן און שאָטן נאָך שאָטן
געזען זיך צעשפּרייטן אויף קוסטעס און גראָז,
ביז טונקעלערהייט איז אַ צווייג אין אַ צווייג
און אַ שטאַם אין אַ צווייטן פאַרשלונגען געוואָרן —
צוזאַמענגעקושט אין אַ בונד אַ געהיימן...
און עפּעס האָט אויף מיין נשמה גענידערט,
וואָס מיך האָט דאָס ווינטל באַשוואָרן,
איך זאָל צו די ליפּן ניט לאָזן...

און שפּעטער, ווען איך בין, דורך טויאיקע זאַנגען,
געגאַנגען צוריק צו דעם שלאָפנדן דאָרף,
געזען האָב איך איבער די בוים־שפּיצן היינגען
א געלע און גרויסע לבנה,
וואָס האָט מיך פון ווייטן געהיט,
איך זאָל ניט פארראַטן דעם סוד פון׳ם וואַלד...

1) פלוצים דערוואוסט, געטראָפן אומדערוואַרטעטערהייט.
2) דריבלען זיך — אַראָפּלאָזן, פּלאָנטערן זיך פּעדים־ווייז.
3) פאַרוואַנדלט. 4) זאַפט.

גראָז

האָסטו אַמאָל אויפ׳ן בעט אין דער פינצטער געהערט,
האַלב אין שלאָף און האַלב וואַך, אין
אַ מיטן דער נאַכט,
טאַפּ־אַ־טאַפּ, טאַפּ־אַ־טאַפּ, אויף די שויבן באַזאַכט, 1)
דעם רעגן וואָס וואַשט פאַר׳ן פרילינג די ערד?
טאַפּ־אַ־טאַפּ, טאַפּ־אַ־טאַפּ,
פון׳ם בעט זיך אַ כאַפּ
און אַ שפּרונג אין דער שטיל
מיט׳ן נאַקעטן פוס אויפ׳ן נאַקעטן דיל
און געעפנט דעם פענצטער ווי ווייט עס קען גיין
און געזעסן אַליין
מיט׳ן אָפענעם האַלז אין דערויסן גערוקט
און געהאָרכט און געקוקט
ווי פון טריף נאָך אַ טריף
ווערט אַ פולער און שוואַרצער און וואַרימער גום...

אַ געשאַר, אַ געשאָרך, אַ גערויש, אַ גערום
פון דער ווייט, פון אַמאָל, פון דער הויך, פון דער טיף,
פון אַ שטערן וואָס פאַלט,
פון אַ בלאָנדזשענדער שיף
פון אַ גרינעם און קרויזיקן וואַסער וואָס קוואַלט
איבער לאַכיקע לייבער און שוימיקע בריסט,
פון אַן אוצר אין וואַלד
און אַן עלפנביין־פּאַלאַץ אין מיטן דער וויסט... 2)
מאַפּ־אַ־טאַפּ, טאַפּ־אַ־טאַפּ,
ווי עס פלייצט און עס גיסט...
פאַרמעקט די לאַמטערן, געשטאָרבן די גאַס
און דו זיצסט און דו זיצסט,
די שלייפן דיר נאַס,
די אויגן געוואַשן, דער נאַקן באַשפּריצט
און דו הערסט ווי עס ציט און עס צאַפּלט און גרינט
און דו אָטעמסט דעם נאַסן און גראָזיקן ווינט
און מיט איטלאַכן בלאָז
ווערסטו רעגן און ווינט און ווערסט ערד און ווערסט גראָז..

---

1) פאַמעלאַך, איידל. 2) וויסטעניש.

(מיר האבן דא אן אויסערגעווייינטלאַך־פיינע פּריליננג־רעגן־שטימונג (די ווייטע, טונקעלע זכרונות אדער חלומות וואס וועקן זיך אויף פון דער מוזיק פון די רעגן־טראפּנס). צום סוף האבן מיר ווידער דעם מאטיוו פון איינס־ווערן מיט דער נאטור. — באמערקט די שיינע אימיטאציע פונ׳ם רעגן־קלאנג אין דער שורה: „א געשאר, א געשארד, א גערויש, א גערום“.)

חשוון

הוילע, אויסגעקרימטע צווייגן
און גרויע שטיקער הורך די צווייגן,
ענטלאַך מיט צעבלאָזטע פעדערן
אויף אַ בלויאיק-בלויען טייך
און בלייכע גראָז געוויגט פּאַמעלאַך...
אַ באָרוועס פּאַסטוך אינגל,
שפּרייזנדיק אין ווייכן קויט
און פאָכנדיק אַן אָפּגעשיילטע רוט
אויף מידע שעפּסן...
אַן אַלטער פערד, באַשאָטן מיט געלע בלעטער,
ביים צאַם פון לאָנקע,
ציענדיק מיט נאַסע נאָז-לעכער
די פייכטקייט פון די וואָלקן...

(די מאַניר אין דעם ליד — אַרויסכאַפּן פון לאַנדשאַפט נאָר די הויפּט-שטריכן — איז פון די נייסטע פּאָעטן. פאַרגלייכט עס, אין דער הינזיכט, מיט פּרץ׳ס „טרויער“.)

שניי

דער רוים ווערט פאַרשטומט...

פון גרויען פאַרגליווערטן אויר
אַן איינציק קליין שנייעלע קומט
און קריגט באַלד אַ חבר
און ביידע זיך דרייען
פּאַמעלאַך אַראָפּ
און פאַלן אין צווייען
אַרויף, אויף אַ קאָפּ
פון אַ נאַקעטן בוים
ביי דעם זוים
פון אַן איינזאַמן פעלד...
ניט מער ווי אַ קוש ווערט
דערלאַנגט אין דער שטיל,
צי אפשר אַ גרוס־וואָרט
געמורמלט, אויב פיל...
דאַן שטאַרבן זיי שנעל און צעגייען,
דען דאָס איז דער גורל פון ערשטלינגען שנייען —
ניט לאָזן קיין זכר פון זיך אויף דער וועלט... 1)

דערנאָך ווערט עס דיק און געדיכט...
אין לופט דאָס געזעמל פאַרמערט זיך
און לאַנגזאַם אַ שיכט נאָך אַ שיכט
בעט אוים און צעשפרייט אויף דער ערד זיך...

ביז איטלאַכער קוסט ווערט באַקליידט
און יעטוועדער בוים ווי אַ בר־מנן 2) שטייט
אין דאָס בלוילאכע אייז
פונ׳ם טייך
ווערט גלייך
ווי באַפּעלצט מיט אַ פוטער פון ווייס...
און וועגן און שטעגן פאַרשווינדן פון לאַנד,
באַליילאַכט אין זעלביקן לייכטן געוואַנט,
באַדעקט פון דעם שניי־קעניג׳ס פאַלע...

דאָך האַסטיק ברעכט אוים אַ בהלה — 3)
שוין פייפט עס און ברומט עס און בילט...
די לופט ווערט געפילט
מיט פלאַנטערס און ווייסע געמישן
ביז צווישן
דער ערד און דעם הימל
זיך ווירבלט און וויכערט אַ ווילדעס געווימל 4)
און ס׳וואָיעט די וויסטע ממשלה
פון שדים און גייסטער —
דער שטורעם איז מייסטער...
ער רייסט זיינע קייטן אַראָפּ פונ׳ם האַלז
און גייט מיט׳ן שניי אויף דער פרעירי אַ וואַלץ
און אַלץ
קערט ער איבער,
דער איילענדער גבור...
דאָ בעזימט ער גריבער.

דאָ בויט ער פּאַלאַצן און טורעמס
אין האַסטיק פאַנטאַסטישע פורעמס
און מויערט גיגאַנטישע שטיבער...
און באַלד אין אַ וואַנזין געשלידער
זיך קרייזט ער און דרייט זיך און פלעכט זיך
און יאָמערט און שווישטשעט און צויבערט
און שופלט און שאַרט און צעשויבערט
ביז איטלאַכער בנין צעברעכט זיך
און פאַלט אין אַ הויפן 5) אַנידער,
צי ווערט אין די וואָלקנס געהויבן
אין פוכיקע שטיקלאַך און שטויבן...
און שוין איז דער ווירבל צעפלויגן...
פאַרצויגן
מיט לעבלאַכן ליכט,
ליגט דער לאַנדשאַפט׳ס געזיכט
און דימענטן גלאַנצן אויף פעלדער אָן פלעקן
און ס׳הויכט איבער ווייסע און ענדלאָזע שטרעקן
דער פראָסט,
ביז ער לאָזט
אַ הייטל פון זילבער אויף זיי...

און דאָס איז דער שניי
אַזוי לויטער און ריין
אַז ס׳האַרץ טוט אייך ווי
אים צו טרעטן ביים גיין...

---

1) דאָס איז, נאַטירלאַך, אַז אַנצוהערעניש, ניט דוקא אויף שנייען. 2) (באַר מענעז) אַ מת: דער שניי וויקלט דעם בוים איין ווי אין תכריכים. 3) (בעהאַלע) — אַ שרעק, אַ ווילדער

טומל און געלאף. 4) געזעמל. 5) ענלאַד צו דאָס ענגלישע:
.Fall in a heap

(מיר האבן דא, אזוי צו זאגן, א גאנצע שניי־דראמע: דעם שטילן אנהויב, דעם שרעקלאַד־ווילדן קלימאַקס און די באַרואיקונג. — באמערקט די רייכקייט פון די בילדער, דער עיקר ביים מאָלן דעם ווינטער.)

דעם בוים'ס נשמה

אַ ברייטער, בלעטערדיקער דעמבע־בוים,
באַשאָטנט שוין פון יאָרן אונדזער הויז. —
צי ווערט ער אַלט, צי ווערט ער קלוג?
צי פילט ער ווינט, צי פילט ער קעלט? —
ווער וויים די סודות פון אַן אַלטן בוים,
וואָס קימערט אימיצן אַ דעמבע־בוים?

און טאָג פאַר טאָג, די גאַנצע זומער־צייט,
מיט זיינע ששים רבוא 1) בלעטער
גערעט צו אונדז דער שכן האָט,
גע'טענה'ט און גערעט אומזיסט...
און האָט ער זיך אַמאָל צערוישט,
געהייסן האָט עָס צווישן אונדז:
„ווי שיין דאָס שושקען איז פון ווינט?" —
און וואו איז די נשמה פון דעם דעמבע־בוים?
און וואו איז ע ר, דער זקן־בוים?
דער קעניג מיט זיין וואָרצל־טראָן,
דער מלך מיט זיין בלעטער־קרוין?

דאָך אויבן האָט די זון געגלאַנצט,
און אויפ׳ן הימל אויסגעשפּרייט,
געפלאַטערט האָבן ווייסע וואָלקנדלאַך
און ווייט געזען זיך האָבן בערג,
דורך בלויע טול-גאַרדינען,
און פעלדער דורכגעשפּריצטע מיט זון-בלומען
און גרינע גראָז און קאָרן-זאַנגען
און אַלץ אינאיינעם איז געווען
אַמאָל אַ בילד. אַמאָל אַ סימפאָניע...
און אין דעם בילד געווען איז
דער אַלטער דעמבע-בוים אַ שטריך,
אין סימפאָניע — אַ קלאַנג...

נאָר איין מאָל... ס׳איז געווען נאָנט פון מיטן נאַכט,
אַ שוואַרצע זומער-נאַכט...
אַ וואַרימער, געווירצטער חשך-ים
האָט אויסגעלאָשן יעדעם שטערנדל,
האָט אויסגעמעקט פאַר מיילן ווייט
דעם קלענסטן פונק פון ליכט...
און כ׳בין געזעסן לעבן הויז
און האָב דאָס אויער אָנגעשטרייגט,
צו כאַפּן דעם פאַרשטיקטן ווינטל׳ס זיפץ...
און דאַן האָב איך, אין פינצטערניש,
דערשפּיאָנט די ק ו י ם-געשטאַלט פון דעמבע-בוים
און דאַן האָב איך צום ערשטן מאָל
דערהערט ווי ס׳רעט דער בוים...
דערהערט ווי ס׳פרעגט דער בוים
ביי מיר די סודות פון דער מענטשן-וועלט...
דערהערט ווי ס׳זוכט דער בוים
אַ פריינטלאַך וואָרט צו זאָגן מיר —
אַ וואָרט פון ברודערשאַפט....

און ס'האָט זיך דאַן מיר אָפּגעדאַכט,
אַז איך אַליין נאָר און דער בוים
געפינען זיך אין גאַנצן טאָל...
און איך נאָר און דער דעמבע־בוים
זיך טראָגן אויף אַ וויסטן ים —
אַן אָקעאַן פון נישט...

און פריינט געוואָרן זיינען מיר —
איך און דער דעמבע־בוים
און יעדן אָוונט זיץ איך איצט
און האָרך זיין בלעטער־שפּראַך
און ווייס אַז אַלצדינג איז פאַר מיר,
פאַר קיינעם ניט און בלויז פאַר מיר —
דעם טרייען פריינט פון אַלטן בוים,
דעם פריינט וואָס האָט צוערשט אַנטפּלעקט
דעם דעמבע־בוים'ס נשמה...

און אָפטמאָל גיי איך צו דעם בוים
און נעם זיין רונצלדיקן, גראָבן, גרויען שטאָם
אַרום מיט מיינע הענט...
און ס'איז אַ ברודער וועלכן איך אומאַרעם
און אין מיין אויער טריפן זיס
דעם זקנ'ס שושקערייען —
די שושקערייען פון אַנאַנדער וועלט,
אַ ווייטער וועלט, אַ פרעמדער וועלט,
צו וועלכער איך געהער אַצונד...

און זאַכן ווייס איך וועלכע קיינער ווייס
און בילדער זע איך וועלכע קיינער זעט...

און דאָס איז אַלץ מיין לוין,
מיין לוין פאַר וואָס איך האָב אַנטפּלעקט
דעם דעמבע-בוימ׳ס נשמה...

1) (שישים ריבוי) — זעקס הונדערט טויזנט.

(פארגלייכט דאס ליד „ראש השנה לאלנות“ (חמשה עשר בשבט) אין יהואש׳ס „געזאמלטע לידער“).

אויפ׳ן ים

עס פליִיצן וואַסער-פאַלן
פון קאַלטן שיין...
שלינגט אַלצדינג איין
די וואָל פון אַלע וואַלן
די קוואַל פון אַלע קוואַלן...

צעפליסן אַלע זונען
ווי ניט געווען...
ווערט זיין און זען
ווי טוי אין זון צערונען,
ווי טוי וואָס פאַלט אין ברונען...

(אז ענלאכע מאניר ווי „חשוון“).

ד.

ליבעס-ווײ.

בלומען און דערנער 1)

לאַנג געזוכט פאַנס-דע-לעאָן האָט
דעם פאַר׳כשופ׳טן פאָנטאַן,
יענע וואונדער-קוואַל וואָס כשופ׳ט
פון אַ גרייז אַ יונגן מאַן...

און באַלעבט די מאַטע אויגן
מיט דעם העלן גלאַנץ פון לוסט,
גלעט פאַנאַנדער אַלע קנײטשן,
פילט מיט יוגנד-קראַפט די ברוסט...

לאַנג געזוכט פאָנס-דע-לעאָן האָט
און געשטאָרבן זוכנדיק —
איך אַליין דעם קוואַל אַנטדעקט האָב
אין דײַן קוויקנדיקן בליק...

ווען דו שמייכלסט, מוז איך ווערן
ווי אַ לוסטיק ייִנגל באַלד;
ווען דו קנייטשסט מיט כעס דײַן שטערן
ווער איך משותלח-אַלט...

---

1) איינס פון אַ לאַנגן ציקל ליבע-לידער מיט דעם נאָמען, פון יהואש׳ס ערשטע שאַפונג-יאָרן.

(באַמערקט דעם עפּיגראַמאַטישן פינאַל פון ליד).

דו...

שפּרינגט אַ שטראַל אַ העלער
פון וואַנט צו וואַנט אַרום —
פאַרטראָגט אַ פרילינג-ווינטל
דעם ריח פון אַ בלום —
ביסטו דער שטראַל, ביסטו דער דופט,
אָ קום, געליבטע, קום...

קומען אָוונט-שאָטנס
און שלינגען איין דעם שיין —
קריכן ווילדע שרעקן
ווי שליינג אין ברוסט אַריין —
ביסטו די נאַכט, ביסטו דער שרעק,
אָ, קום, געליבטע מיין...

(כאַטש ס'איז דאַ אַ געוויסע ענלאַכקייט, אין אינהאַלט, מיט'ן פאַריקן ליד, איז דאַ אבער די פאַרמע אַ פיל פיינערע, די גאַנצע טעכניק אַ סך וויכער. — צווישן די צוויי לידער ליגט אַ מהלך פון אַ סך יאָרן.)

קום צו מיר

קום צו מיר אין דעם טונקלסטן ווינקל פון סאָד,
וואו די זילבערנע נעץ פון דער נאַכט קען ניט פאַנגען
אַן איינציקן פונק פון מיין גליענדן סוד,
ווען ד י ר וועט מיין יוגנד באַלאַנגען...

קום צו מיר וואו דער שמאַכטנדער קארשנבוים שנייט
צו די גראָזן אַרונטער זיין צודעק, דעם ווייסן,
און אין רויזנקנאָספּ לעכצט די געזעפּטיקטע קוויט,
איר פעסטונג פאַנאַנדערצורייסן...

קום צו מיר אין דער שטילער און ווירציקער נאַכט,
ווי דער קוויקנדער טוי קומט אויף בלומען און זאַנגען,
קום צו מיר ווי דער רעגן, ווען פעלדער, פאַרשמאַכט,
דעם טראַנק פון דעם הימל פאַרלאַנגען...

קום, געליבטער, און קוש מיר אין הארצן אַריין
דעם הימל מיט טויזנטער שטערן צוזאַמען,
פאַרשלאָסן מיין אויג און מיין אויער וועט זיין
און מיין האַרץ וועט זיך באָדן אין פלאַמען...

(די געליבטע באַרגט בילדער פון דער שמאַכטנדיקער נאַטור ארום, אַרויסגעבנדיק דערמיט איר אייגן היים באַגערן.)

ה.

געפילן און רעיונות.

ביינקעניש

דאָס זעלביקע פעלד און דער זעלביקער שטעג
דאָס זעלביקע שושקען און זומען;
עס רירט זיך אַ טרוים און עס וועקט זיך אַ ליד,
אַ ליבע געשטאַלט פלאַטערט דורכ'ן געמיט
און שפרינקלט אין הארצן פאַרפומען...

דאָס זעלביקע פעלד און דער זעלביקער שטעג;
מיר גלוסט זיך א קאָרן-בלום נעמען...
זי פאַסט אַזוי שיין צו אַ ווייסן געוואַנט...
איך פליק זי אַראָפּ און איך האַלט זי אין האַנט
און... געבן זי האָב איך ניט וועמען...

יאָרן גייען

כ'האָב געהערט אַ שטים אַמאָל:
ערגעץ וואו איז דאָ אַ פּלאַץ,
איז אין אים פאַראַן אַ שאַץ, 1)
גאָלד און זילבער אָן אַ צאָל...

זיבן זיגלען אויפ'ן דעק,
דיק באַוועבט פון טויזנט שפּינען
און דער אוצר ליגט דערינען,
אַנגעברייט פון נעכט און טעג...

וועל איך גאַר אַהינצו גיין,
וועל איך אַלע זיגלען טרעפן,
וועל איך טאָן די טיר אַן עפן,

וועט עס זיין פאַר מיר אַליין...
שמעלצן יאָרן ווי דער שניי,
ווי דער שניי די האָר געפאַרבן
און דעם אוצר ניט דערוואָרבן
און איך גיי און גיי און גיי...

1) אַן אוצר.

(דאָס ליד איז באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר יהואש'ן מיט'ן פיינעם געמיש פון געפיל און געדאַנק. — באַמערקט דעם גוט־צוגעפאַסטן מעשה־טאָן אין צווייטן סטראָף און די טרויעריק־שיינע בילדלאַכקייט אין לעצטן.)

זומער־פעדים

ציט אַ ווייסער, לאַנגער פאָדים,
ניט געצויגן, ניט געטריבן
צווישן ערד און הימל...
אַ זומער־פויגל זיג־זאַגט איבער אים
אין דער ציטעריקער לופט.

אין דער ווייטן אויפ'ן וואַסער
שפּרינגען ווייסע שופּן,
אַ בלויער דרעמל דריקט די פולע זאַנגען,
דער ווינט-מיל שטייט פאַר'כישופ'ט
אין דער חמימה... 1)

ווייסער, לאַנגער פאָדים,
אָן וואָסער צווייג זיך ועסטו היינגען,
איידער ס'יאָגט דיך אָן דער אָוונט ?
אויף וואָסער קאַלטן שטיין
זיך פלאַך צעשפּרייטן ?...

---

1) אַ היץ.

(וואָס מען רופט: אַ שטימונג-ליד. — אַ בילדל פון אַ הייסן זומער-טאָג, פאַרוועבט מיט אַ דרעמלענדיקער מחשבה וועגן שיקזאַל).

אַ תּפלה

אָ גרויסער גאָט, דאָס לעבן איז,
אַ וויסטער ים פון טרערן;
מיר ווייסן ניט פון וועלכן תהום,
ניט וואו, געפירט מיר ווערן...
מיר שיפן זיך דורך נאַכט און נויט —
זיי אונדזער שטערן...

דער מענטש איז גראָז, זיין האַרץ איז שפּריי,
גענווירבלט פון פאַרלאַנגען;
אַ פאַלשער טריט און שוין איז ער
צום גיהנום׳ס שוועל פאַרגאַנגען —
באַוואַך זיין שוואַכע שטונד און לאָז
די נעץ ניט פאַנגען...

די וועלטן שווינדן ווי דער טוי
און דורות גלייך ווי שטויבן;
מיר וואַנדערן אויף קברים אום
און ס׳גלאָצט דער טויט פון אויבן —
אָ גאָט, צעריים דאָס חשך-טוך,
שיינק ליכט און גלויבן...

ווייז אין דעם טויט דאָס לעבן אונדז
אין פוילן — דאָס געבערן,
אין קורצן איצט — די אייביקייט,
אין שאָלעכץ-בייט — דעם קערן
און אין דער בלינדער וויסטעניי
דיין טריט לאָז הערן...

(א גערענקעז-ליד פארפארבט מיט׳ן ליריזם פון תפלה׳דיקייט.)

גאָט׳ס הויז

ווען איך גיי און ווען איך ליג,
אין מיין וויי און אין מיין גליק,
פלאַטערט עפּעס מיר אַנטקעגן,
העל ווי זון אין טראָפּנס רעגן,
ווייך ווי יונגע פּעדים גראָז,
נאָכ׳ן ערשטן פרילינג-גאָס...
זעץ איך עס אין ווערטער איבער:
„פּאָטער, מעכטיקער און ליבער,
אַלע וועגן, קרום און גלייך,
ברייגגען צו דיין קיניגרייך...“

איבער׳ן תהום

אַ ברעג אַקעגן ברעג,
אַ פעלז אַקעגן פעלז
און צווישן —
זיבן מייל די ברייט,
תהום׳ען אונטער תהום׳ען...
הונדערט טעג צו פאַלן
און אַ גרונט ניט צו דערגרייכן...
שאַרפער ווי אַ שווערד,
דינער ווי אַ האָר,
צווישן פעלז און פעלז
אַ פאָדים אויסגעצויגן...

שטייט אין מיטן פּאָדים
און טאַנצט,
אַ גרויסער,
אַ שוואַרצער,
פון לענד אַראָפּ אַ מענטש,
פון לענד אַרויף אַ וואָלף...
און זע —
אויבן אויפ׳ן אַקסל
טראָגט ער מ י ך,
ווי אַן אָרגל-דרייער טראָגט
זיין מאַלפּע...
גראָב איך מיינע נעגל
אין זיינע קאַלטע האָר
און קלאַמער זיך...
ביים איך מיינע ליפּן
ביז בלוט,
דער שפּרונג זאָל ניט אַרויס
און שליידערן
דעם גרויסן,
דעם שוואַרצן,
אין תהום אַרונטער —
הונדערט טעג צו פאַלן
און אַ גרונט ניט צו דערגרייכן...
ברענט דער שפּרונג דעם האַלז,
גראָב איך טיף די נעגל
אין די האַרטע וואָלף-האָר
און מיר טאַנצןביידע
און איך שליס די אויגן:

„הונדערט טעג צו פאַלן
און אַ גרונט ניט צו דערגרייכן“...

(אז אריגינעל-בילדלאכער, קרעפטיקער אויסדרוק פונ׳ם אונטערגאנג-שרעק.)

אויפ׳ן שטראָם

...ווי אַ הארבסט-בלאַט
אויף דעם גרויסן, ברייטן שטראָם...
זיכער, ברייט און מעכטיק
אויפ׳ן האַרץ פון שטראָם...
גרינג און פול מיט אַלע לאַנג פאַרגליטע זונען
און אַלע אומגעבאָרענע געזאַנגען,
איילנדיק אין לאַכיקייט און ליכטיקייט,
צום אונטערגאַנג...

...ווי אַ הארבסט-בלאַט
אויף דעם שימעריקן וואַסער-פאַל,
שפּרינגענדיק פון פעלז צו פעלז,
אין ווירבל און אין שמחה,
אין פולן, קאָכיקן גערויש,
צום אונטערגאַנג...

זינגט דאָס הארבסט-בלאַט:
ד ו ביסט שטאַרק און יונג,
אייביק שטאַרק און יונג...

ווער ?... איך ווייס ניט...
אָבער שטאַרק, שטאַרק ביסטו,
דו גרויסער נאָמענלאָזער,
אומבאַצוואונגענער,
דו העלער אונטערגאַנג...
און אויף דיין הארצן
ווערט דאָס האַרבסט-בלאַט יונג,
ציט דאָס טויטע האַרבסט-בלאַט,
פול מיט פרייד און מאַכט און יוגנד,
צום אונטערגאַנג...

(פונקט דער קאָנטראַסט פון פאַריקן ליד — אַ מונטער־בטחונ׳דיק אַנט־קעגן־גיין דעם אונטערגאַנג, וואָס איז אויך די אייביקייט).

צוויי תפלות

עס בעט זיך תחנונים אַ בלום,
וואָס וואַקסט אין דער וויסטע אַליין:
„באַשעפער פון הימל, ניט שוין וועט
מיין יוגנד אין מדבר פאַרגיין,
נאָך איידער מע האָט מיך באַוואונדערט
און זיך מיט מיין ריח געקוויקט ?—
ניט שוין וועל איך קיינמאָל ניט ווערן
עס יאָמערט אַ צווייטע אין גאָרטן —
מיט שרעקן דערוואַרט זי די הענט,
וואָס וועלן זי רייסן און מאַכן
איר רואיקן וואַקסן אַן ענד : —

„באשעפער פון הימל, וואס האסטו
פאר מיר אזא גורל באשערט,
צו ווערן געליבט און באוואונדערט
און ווערן פון ליבע צעשטערט!...“

עס קלאגן די בלומען באזונדער,
ס׳האט יעדע אנאנדער פארלאנג,
כביכול 1) ער הערטביידנס טענות
און ס׳טוט אים פאר איטלאכער באנג...

1) (קאוועיאכל) — גאט.

דער וואלד

דער וואלד אזוי גרין און דער בוים אזוי שיין —
געקומען דריי אינגלאך, דריי אינגלאך צו גיין,
געשפרונגען ארויף און געשפרונגען אראפ,
געשטיפט מיט׳ן בוים און געפליקט אים דעם קאפ...
דריי אינגלאך, דריי אינגלאך אין וואלד...

דער וואלד אזוי אלט און דער בוים אזוי שטארק —
געקומען דריי יונגען מיט העק אויפ׳ן קארק,
געהאקט און געהאקט ביז דער בוים האט געקראכט,
א קלאץ אויף צו בויען אין וואגן געבראכט.
דריי יונגען, דריי יונגען אין וואלד...

דער וואַלד אזוי קיל און די גראָז אַזוי שטום —
געקומען דריי אַלטע און קוקן זיך אום ;
גערידלט, גערידלט, גנעפּנט די ערד,
באַגראָבן אַ מת און אַהיים זיך געקערט.
דריי אַלטע, דריי אַלטע אין וואַלד...

(די איינפאַכקייט, דער טאָן און די מוזיק — אַלץ גיסט זיך צונויף אין דאָס באַלאַדישע.)

דאָס ניט געזונגענע ליד

(אויסצוג)

אַ ניט געזונג'נעם ליד ! —
ווען ס'קומט דעם הימל'ס היילִיקסטער מאָמענט,
ווען ס'שפּרייט די מוטערנאַכט די שוואַרצע
באַלזאַם-פליגלען,
ווען פון געהיימע טעמפּלען עפענען זיך די ריגלען
און פול מיט טיפע סודות יעדער שטערן ברענט —
ווען אין זיין טונקלער בלעטער-קאַמער
דער פעלד-גריל קלאַפּט זיין כשוף-האַמער ;
ווען אין דעם טינט-געפאַרבטן זומפּ
די זשאַבעס קוואַקען ריטמיש-דומפּ ;
ווען טרינקענדיק דער פינצטערקייט'ס פּאַרפום
דער גלי-וואָרים מיט פייער-פיס טאַנצט אום...
און ערגעץ פון אַ ווייטן בוים-שפּיץ קלאָגט
די נאַכטיגאַל, פון זיסן וויי גענאָגט —
דאַן קלינגסטו מיר,
אַ, ניט געזונג'נעם ליד ! —

דאַן ווינקסטו מיר
פון אַלע שטערן,
דאַן ברייגנסטו מיר
אין ד׳אויגן טרערן,
דאַן דרינגסטו מיר
פון ווייטע ספערן,
ווי ס׳ראָלן פון פאַרהילטע אָרגל-רערן,
ווי ׳סרוישן פון געהיימע וואַסער-מערן,
ווי טויזנט פעלדער פול מיט זאַנגען
וואָס שושקען פאַר׳ן שניט —
אָ, ניט געזונגענ׳נעם ליד! —
דאַן הער איך דיך און קען דיך דאָך ניט פאַנגען:
אָט האָב איך דיך, אָט ביסטו שוין פאַרגאַנגען,
דו שענסטער פון געזאַנגען,
דו ניט געזונגענ׳נעם ליד! —
ווי רייצסטו און באַטרינקסטו מיך,
ווי פלייצסטו און פאַרשלינגסטו מיך,
אָ ליד וואָס האָט קיין ווערטער ניט...

(אַ גוט ביישפּיל פון אונדזער דיכטער׳ס רייכער און זיכערער טעכניק.)

יעקב מאַרינאָוו

יעקב מארינאוו. — געבארן דעם 22טן דעצעמבער, 1870, אין סערניק, מינסקער גובערניע. קומענדיק קיין אמעריקע אין 1890 און באזעצנדיק זיך אין דענווער, אין שטאט קאלאראדא, באפריינדעט ער זיך דארט מיט יהואש'ן, וועלכער ווירקט גאר א סך אויף זיין אלגעמיינער אנטוויקלונג. עס ווירקט אבער אויף אים אויך ניט ווייניק די סאציאליסטישע אידישע פרעסע, וואו („די ארבעטער צייטונג“, „דער אמת“)‚ זיינע לידער, מייסטנס אויף סאציאלע מאטיוון, ווייזן זיך שוין אין די פריע 90ער יארן. אנקומענדיק אין 1901 אין נויארק, טרעט מארינאוו אריין אין דער רעדאקציע פון „פארווערטס“ און אנדערע צייטונגען, וואו ער באטייליקט זיך אם קאנטיקסטן אין דער שאפונג פונ'ם הומאריסטישן לייען־מאטעריאל. אין 1907, ווען אין דער אידישער אמעריקע צעוואקסט זיך פלוצים די „קיבעץ“ פרעסע (זע נאטיץ וועגן א. ל. וואלפסאן),ווארפט ער זיך אין איר היים אריין. אין 1908 ווערט ער דער רעדאקטאר־ארויסגעבער פון „קונדס“ („דער גרויסער קונדס“), וועלכער, ווערנדיק צוערשט די הערשנדיקע, דערנאך די איינציקע שריפט פון דעם מין, אנטוויקלט זי זיך מיט דער צייט אין אן אמביציעזן, סאטיריש און ליטעראריש־פאליטיש וואכנבלאט.

די באלאדע „באנייט דעם בית עולם“, וואס מחמת טעכנישע טעמים ווערט זי דא היבשלאך געקירצט, האט א קענטיקע הומאריסטישע נאטקע.

באנייט דעם בית עולם

אָדער

דעם בטלנ'ס נקמה

(באלאדע)

ס'איז לוסטיק ביים גבאי פון חברה קדישא\
מען הוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט:\
ס'האָט חברה אַ סעודה אַ גרויסע געפּראַוועט,\
א יומא דפגרא 1) געמאַכט...

און זייט איר ציקאַווע צו וויסן די סבה
פון יום טוב, וואָס גאָט האָט באַשערט,
טאַ זעצט זיך, זייט מוחל, איך וועל אייך דערציילן
דעם ספּור המעשה, אָט הערט:

ניט ווייט פון שטעטל, ביים שאָסיי,
וואָס ציט זיך דורכ'ן זאַמד,
געלעגן איז, פון כמה יאָר,
אַ וויסטער פעלד פאַרצאַמט.

מען האָט דעם וויסט-פאַרצאַמטן פעלד
גערופן: „ס'הייליק אָרט" —
דאָך קיין מצבות זעט מען ניט,
קיין איינציק קבר דאָרט...

נאָך האָט מען דאָרט קיין מענטשלאַך אויג
מיט שערבלאַך ניט באַלייגט;
נאָך האָט דאָס פעלד קיין אבל'ס 2) טרער
אין זיך אַריינגעזויגט...

דען איז אין שטעטל ווער-עס-איז
געשטאָרבן, גאָט באַהיט,
דאַן האָבן אַלע קרובים זיך
פאַר'ן בר-מנן באַמיט.

משתדל 3) זיך געוועזן פאַר אים
און איינגעלייגט די וועלט,
מען זאָל אים ניט מקבר זיין
דעם ערשטן אויפ'ן פעלד...

פאַרראָסט איז שוין דער טויער־שלאָס,
דער אַלטער פאַרקאַן פוילט,
דאָס פוסטע קברות־שטיבל נאָר
אומזיסט די קינדער גרוילט...

דאָך איינמאָל האָט גאָט די קהלה באַגליקט
און האָט ווי פון הימל א מת זיי געשיקט
— פאַר׳ן פוסטן און וויסטן בית עולם
אַן עלנדן אורח וואָס האָט ניט געהאַט
אין שטעטל קיין קלאָגער, קיין ריכטער, קיין צד—
ניט איבערגעלאָזט קיין אבלים...

אַן אַלטינקער בטלן, 4) אַ גרייז־גרויער איד,
אין דרייען געבויגן, פאַרהונגערט און מיד
און טרוקן און דאַר ווי אַ ברעטל;
די אויגן — פאַרצויגן, די אויערן — טויב,
פאַרוואַקסן מיט האָר און פאַרלייגטע מיט שטויב—
באַווייזט זיך אויף שבת אין שטעטל.

ס׳איז פרייטיק נאָכמיטיק, די מאָגנס פאַרנייט, 5)
דער טשאָלנט פאַררוקט שוין, די טישן געגרייט,
העל שימערן לייכטער און מנורות...
און נחום דער שמש „אין שול אַריין" רופט;
שוין שוועבן און טראָגן זיך אום אין דער לופט
די זיסע נשמות יתרות...

און אָט פאַלט אַרונטער די הייליקע נאַכט,
די שול איז שוין אָפן, זיין קראָם האָט פאַרמאַכט
דער לעצטער פאַרשפעטיקטער קרעמער;
דער אַלטינקער אורח, דער גרייז־גרויער איד,
פאַרשלעפט זיך אין שול קוים מיט לאַנגזאַמע טריט,
פאַררוקט זיך אַהינטער׳ן באַלעמער... 6)

נאָך מעריב עס שטעלט זיך דער אַלטער ביים טיר
און ס׳גיט אים דער שמש אַ פּלעט 7) ביי דעם גביר,
ביים קצב פון שטעטל, רב לייזער;
געזעצט האָט רב לייזער זיין אורח ביים טיש
און שטעלט פאַר אים משקה און שטעלט פאַר
אים פאַש,
געמעגט האָט עס עסן דער קייזער!...

דאָך גייען דעם אַלטינקן אורח ניט איין
קיין עסן, קיין טרינקען; אום יוצא צו זיין,
פאַרזוכט ער נאָר בלויז די געקעכצן;
ביים בענטשן שוין וויגט זיך פאַרמאַטערט זיין קאָפּ,
עס כריפּען די טענער און רייסן זיך אָפּ,
פאַרגייען אין זיפצן און קרעכצען...
און ווען ס׳האָט אין מזרח־זייט הייליק דערוואַכט
דער שבת־פרימאָרגן אין גילדערנער פּראַכט,
געווען איז דער אַלטער מסוכן: 8)
האָט וידוי געשעפּטשעט אַזוי ווי אין טרוים,
די קויל־שוואַרצע ליפּן באַוועגנדיק קוים
אין פיבער־קאָנוואולסן און צוקן...

געשטאָרבן דער אַלטער,
שוין ליגט ער אַ קאַלטער,
אַ הייפעלעביינער און הויט;
זיך לאַנג ניט געמאַטערט.
האָט לאַנג ניט געפלאַטערט,
אין וואָג־שאָל פון לעבן און טויט.

געלעבט און געשטאָרבן,
אַן עלנדער קרבן,
פאַרוואָגלט, באַליידיקט, פאַרשעמט;

פון קיינעם באַדויערט,
פון קיינעם באַטרויערט,
אַן עלנדער מת אין דער פרעמד !...

מיט כבוד באַטראַכט אים,
די אויגן פאַרמאַכט אים,
גלייכט אויס זיינע טויט-קאַלטע גלידער !
דאָס לעבן צעשיידט אונדז
ס'פאַראייניקט דער טויט אונדז
און לערנט מיט אונדז פון איין סדור.

* * *

ס'איז לוסטיק ביים גבאי פון חברה קדישא,
מען הוליעט ביז שפּעט אין דער נאַכט ;
ס'האָט חברה אַ סעודה אַ גרויסע געפּראַוועט,
א יומא דפגרא געמאַכט...

געענדיקט די סעודה, דער עולם צעגאַנגען,
די טירן און לאָדן פאַרמאַכט ;
דער גבאי אַליין אין זיין שטוב איז פאַרבליבן,
דער קלויסטער-גלאָק קלינגט האַלבע נאַכט...

און קוים האָט דער דרימל דער ערשטער
פאַרוויגט אים,
געפאַנגען, גענומען אין פּלען, (9
אים איבערגעגעבן אין האַנט צום בעל חלום, (10
האָט פּלוצלונג דער גבאי דערזען —

ווי ס'שפּאַלט זיך אַ פרישער, אַן איינזאמער קבר,
אין מיטן דער פינצטערער נאַכט ;

דער בטלן אין שפּאָגל־ניי ווייסע תכריכים,
פון אָפּענעם גרוב האָט דערוואַכט...

שוין קלעטערט זיין שאָטן,ביים שיין פון לבנה,
אַרום אויף די פינצטערע ווענט
און טענה׳ט און שאָקלט זיך ווילד און משונה
און מאַכט מיט די וועקסענע הענט:

דו האָסט מיך מביש 12) געוועזן און באַליידיקט,
געלייגט אויפ׳ן פעלד דאָרט אַליין;
איך קען דאָרט ניט ליגן, פאַר אומעט און בושה! —
ר׳ גבאי, דו מוזט מיט מיר גיין!...״

* * *

דער גבאי איז מער שוין פון בעט ניט אַרונטער,
געשטאָרבן דיזעלביקע נאַכט...
דער בטלן איז מער שוין אַליין ניט געלעגן —
מען האָט אים אַ שכן געבראַכט.

---

1) יומא דפגרא (יוימע דפאַגרע) — אַ זייטיק יום־טוב׳ל אָדער שמחה. 2) אבל (אָוול) — אַן ערשט־געשטאָרבענעמ׳ס נעענטסטער קרוב. 3) משתדל (מישטאַדל) זיין זיך — זיך מיען, סטאַרען. 4) בטלן (באַטלען) — איינער (מערסטנטיילס אַ לערנער) וואָס לעבט פון פרעמדער גאָב. 5) די מאָגנס פון בהמות אָדער קעלבלאַך, פאַרנייט און אָנגעפילט ווי קישקע, זיינען אין שטעטל אַ געשמאַקער שבת־יום־טוב׳דיקער מאכל. 6) הינטער׳ן באַלעמער אָדער בימה אין שול זיצן געוויינטלאַך די אָרימע און ניט־אָנזעעוודיקע. 7) אַ פּלעט — אַן אָנווייזונג פאַר אַן אורח צו אַ געווסן בעל הבית, ער זאָל ביי אים שבת־עסן.

פּילאָגן פאַרבינדן „אַ פּלעט", וואָס פּלעגט מייסטנס פאַרזאָרגט ווערן נאָך פּרייטיק בייטאָג, שריפטלאכערהייט, מיט דאָס פראַנצויזישע Billette — איינקוואַרטירן סאָלדאַטן אין פּרי־וואַט־הייזער. 8) סכנות־קראַנק. 9) נעמען אין פּלען — אַ שטאַרק־איינגעבירגערטער רוסיציזם, וואָס באַטייט: נעמען אי־מעצן געפאַנגען, אַזוי ווי אויף מלחמה. 10) בעל חלום — דער מלאך פון חלומות. 11) מביש (מוואַיעש) געוועזן — פאַר־שעמט.

א. ליעסין

א. ליעסין (אברהם וואלט) — געבארן אין מינסק, אין 1872, ביי א **פאמיליע וואס קומט ארויס פון פיל דורות גרויסע רבנים און גאונים.** ניט נאר איז דאס הויז פול מיט תורה און פרומקייט, נאר עס איז אויך דורכגעזאפט מיט שטאלצע יחוס־טראדיציעס און פייערלאכע לעגענדעס. שוין לערנענדיק אין חדר ווייזט ליעסין ארויס עלוי'אישע פייאיקייטן און שוין אין דער צייט הויבט ער אן לייענען העברייאישע השכלה־ספרים; אומגעפער אין דער צייט הויבט ער אויך אן שרייבן העברייאישע שירים. אין ליעסינ'ס נשמה הויבט זיך אן די געוויינטלאכע מלחמה פון פרומקייט און השכלה, גלויבן און ספקות. נאר אט קומט ער אן אין דער בארימטער סלאבאדקער ישיבה (לעבן קאוונא), וואס איז דער צענטער פון דער מוסר־באוועגונג. (מוסר — א רעליגיעז־עטישע סיסטעם, אדער ארדן, געגרינדעט אין 1848 פון באוואוסטן גאון רבי ישראל סאלאנטער, שטרעבנדיק צו רעליגיעז־מאראלישער נשמה־פארטיפונג און נשמה־פאראיידלונג, אבער שפעטער וואקסט דערפון ארויס א מרה־שחורה'דיקער אסקעטיזם). דער עמפפינדלאכער בחור'ל ווערט נאר באצויבערט פון אט דער פארגייסטערטער וועלט און אזוי ערנסט גיט ער זיך איבער צום גריבלען זיך אין דער אייגענער נשמה און צום רעליגיעזן פאנטאזירן, ביז ער ווערט קראנק און די מוטער קומט און נעמט אים אהיים. די לעצטע פראבע צוצוהאלטן אים צום פרומען לעבן: דאס שיקן אים לערנען אין דער וועלט־בארימטער וואלאזשינער ישיבה—ענדיקט זיך מיט א פיאסקא; געוואויר ווערנדיק פון ליעסינ'ס השכלה, דער עיקר פון זיין אפיקורסות,

טרייבט אים דער ראש ישיבה ארויס און פארבאט אים צו האלטן אין א אידישער שטוב.

ליעסין נעמט זיך איצט פיל ערנסטער פאר דער השכלה, באקענט זיך מיט דער רוסישער שפראך און ליטעראטור און אירע בארימטע סאציאלע קריטיקער, שטודירט היסטאריע און אנדערע סאציאלע וויסנשאפטן. ער ווערט א סאציאליסט, אבער — קיינמאל ניט אויפהערנדיק צו זיין טיף איד־יש — אויף זיין אייגנעם אידישן שטייגער. און, באקענענדיק זיך מיט אידי־שע ארבעטער־קרייזלאך אין ווילנא און אין מינסק, העלפט דארט ליעסין שאפן דעם באדן, פון וועלכן עס וואקסט שפעטער ארויס די ערשטע זעלבסטשטנדיקע אידישע, און מיט א טיילוויים אידישער פראגראם, ארבעטער־און סאצי־אליסטישע פארטיי, דער בונד. אט אין דערדאזיקער ספערע הויבט ער (אומגעפער אין 1889) אן שרייבן זיינע לידער אויף אידיש, וועלכע דינען דער דאמאלסדיקער אידישער סאציאליסטישער באוועגונג אלס א מין פראפאגאנדע, ניט געקוקט וואס שוין דאמאלס שרייבט ליעסין ניט בלויז סאציאלע נאר אויך אידישע און נאטור־לידער. אין 1894 הויבן זיך זיינע לידער אן דרוקן אין דעם נויארקער סאציאליסטישן וואכנבלאט „די ארבעטער־צייטונג“, און אין 1897 קומט ער אהער אליין.

דאס איז געווען א שטורעמדיקע צייט אין אמעריקאנעם אידיש־סאציאליסטשן לעבן, דער רעכטער ברען פון דעם יארן־לאנגן קאמף צווישן סתם סאציאליסטן און סאצאליסטן־רעוויזיאניסטן. פון איין זייט דאס איינגעפונדעוועטע „אוונט־בלאט“, אונטער'ן שוץ פון דער אפיציעלער אמעריקאניש־דייטשער סאציאליסטישער באוועגונג, פון דער אנדער זייט דער שוואכער, אקארשט געשאפענער „פארווערטס“, אונטער דער פירערשאפט פון די פייאיקסטע אידישע סאציאליסטישע אגיטאטארס און זשורנאליסטן, ארומגערינגלט פון די מאסן. בלויז א קורצע צייט האט ליעסין געזוכט זיך א וועג, דערנאך האט ער דערפילט מיט אלע זיינע שארפע חושים, דאס זיין ארט איז אויף דער זייט פון „פארווערטס“. דרוקט ער דא זיינע לידער. דאך דער הייסער טעגלאכער קאמף מיט'ן „אוונט־בלאט“ און די אויטאריטעטן פון אמעריקאניש־דייטשן סאציאליזם רופט אים צום סאטירישן פעליטאן און צום ערנסטן קאמף־ארטיקל. ווערט ער א פובליציסט, דער גלענצנדיקסטער אין אידיש־אמעריקאנישן סאציאליזם — אבער ליעסין דער פאעט ווערט אין אים פארשלונגען. ניט פלאטשיקער ווערט זיין ליד — פארקערט, עס ווערט וואס אמאל געלייטערטער, טיפער אבער צווישן מאל און מאל איז א ווייטער מהלך. אין 1912 טרעפט ליעסינען א מורא'דיק אומגליק — דער טויט פון זיין הייס־געליבטער פרוי — און זיין טרויערנדע מוזע שיינקט איר אנדיינק, אין צען יאר ארום, אייניקע פון אירע צארטסטע, ווייטוטיקסטע לידער. אין יאנואר 1913 ווערט ליעסין דער רעדאקטאר

פון דער "צוקונפט". אין 1919 ווערט געפייערט זיין 25־יאריקער יובילײ. שרייבנדיק לכבוד דעם יום־טוב, מאכן אייניקע קאלעגן דעם יובילאר א מילדן פארוואורף וועגן זיין האלב־אנשוויגן געווארענער מוזע. וואס די סבה זאל ניט זיין, אבער ס'איז יעדנפאלס גוט וואס די לעצטע יארן באגעגנט מען ליעסינ'ס לידער שוין פיל עפטער.

ליעסינ'ס פאזיציע אין דער אידישער פאעזיע איז ניט נאר זייער א הויכע, זי איז אויך אן אייגנארטיקע. כמעט זיינע אלע לידער צייכענען זיך אויס מיט א זייער שטארקן קלאנג און פיל זיינען באלויכטן מיט א שארף־אויפבליצנדיקער, אריגינעלער פארשטעלונג. ער איז א טיפער, מעלאנכאליש־פארקלערטער ליריקער: זיינע סאציאלע לידער, דערהויפט פון די שפעטערדיקע יארן, אטעמען מיט א פרישער אבער אויך ראפינירטער אינערלאכקייט: זיינע א י ד י ש ע לידער זיינען דורכגעדרונגען מיט סטיכישער (עלעמענטישער), אזוי ווי פון דורות איינגע'ירש'נטער, איבערלעבונג: די באציאונג, אין ליעסינ'ס ליד, צו דער אידישער רעליגיע, אירע בויער און באשיצער פון א מאל, ווי אויך איר היינט־לעבעדיקן וועזן, איז א היים־ליבנדיקע, א נשמה'דיק־דורכגעגליטע. אין איר נייסטער פעריאדע, ד. ה. נאך 1919, באקומט ליעסינ'ס פאעזיע א מיסטישע צופארבונג — ווי פון עפעס אן אור־אלטן פחד און א פארגייסטערטער צוגעהעפטקייט צו א ווייטן, תהומות־טיפן אמאל.

ביבליאגראפיע: „די צוקונפט", אפריל, 1919; ש. ניגער, „דאס נייע לעבן", 1922; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

א.

אײנזאַמקײט און שרעק.

די אַלטע הײם

איך האָב פרײלאַך געשײנקט איר מײן יוגנד,
די חלומות, די שענסטע, די בעסטע;
איך האָב הײליק געשוואָרן איר טרײהײט,
די קרבנות, די שווערסטע, די גרעסטע.

און ניט ליב איז געווען איר מײן ליבשאַפט,
און מען האָט מיך צו וואָגלען געצוואונגען; 1)
און מײן האַרץ האָב איך דאָך איר געלאָזן —
און אין האַרצן דעם חלום דעם יונגן.

און איך בלאָנדזשע זײט דאַן ווי אַ פרעמדער,
אָן אַ ציל אויף דער וועלט, אָן אַ שטרעבן
און איך ווײס ניט פאַר וואָס איך זאָל שטאַרבן
און איך ווײס ניט פאַר וואָס איך זאָל לעבן.

---

1) מען מוז דאָס פאַרבינדן מיט׳ן דיכטער׳ס סאָציאַליסטי־שער טעטיקײט אונטער דער צאַרישער הערשאַפט.

ביים תהום

עס לויערט דער תהום אויף מיין שיף,
אין שטראָמיקער וויים אַ פאַרהילטער;
דער פעלז־שפּיץ אויף מיר אַ געצילטער,
ער וואַרט אין דער טיף.

עס טראָגט מיך אַ הילפלאָזן צו,
די האַנט ביי דעם רודער ווערט שוואַכער;
עס קייכט אַזוי טויטיק דער לאַכער
אין נעבל אַוואו.

אָ, האַר פון די תהומות, באַשיץ! —
שרייט אור־ווילד אַרוים ווער פון האַרצן
און פלוצלונג פון עבר פון שוואַרצן
גיט וואָס מיר אַ בליץ.

דערמאָן איך זיך אַלץ און דערמאָן:
אַ תהום אַזוי נעבלדיק־ברויזנד —
צוריק נאָך פילייכט אַ יאָר־טויזנט,
פילייכט אַ מיליאָן.

אָ, וואָס איז געשען מיט מיר דאַן —
אַמאָל, ווען איך האָב זיך געטרונקען,
ווען רופנדיק בין איך געזונקען
אַוואו אין אַ טומאַן?

איך זוך אים, דעם בליץ-שפּור, אומזיסט
און נישטער אין טויט-שרעק און נישטער;
עס שווינט אין דער שוואַרץ אַ פאַרוווישטער —
אין אייביקן נישט.

(געהערט צום דיכטער׳ס נייסטער פעריאָדע און איז פאַר איר שטאַרק כאַראַקטעריסטיש.)

ביים ים

עס זיינען די זעלטנסטע פאַרבן פאַראַן
אין אייביקן פאַרב-מישער, אַלט-אָקעאַן.

דאָך תהום-טיף פאַרבלייבט ער אין שוואַרצקייט באַהאַלטן,
אין פאַרב פון דעם תהו ובהו דעם אַלטן.

עס זיינען די זעלטנסטע שטימען פאַראַן
אין אייביקן כאָר-פירער, אַלט-אָקעאַן.

דאָך גיסן זיך אַלע צונויף אין איין גרויסעם,
אין שטים פון די שטימען, אין שטים פון בראשית.

דערפיל איך אַמאָל, אַז זיי זיינען פאַראַן
אין מיר-וואו, די פאַרבן פון אַלט-אָקעאַן.

זיי פלאַמען אַ ווייל מיר אַדורך און פאַרשווינדן
צוריק אין דעם אור-שוואַרצן אָפּגרונט דעם בלינדן.

דערפיל איך אַמאָל, אַז זיי זיינען פאַראַן
אין מיר־וואו, די שטימען פון אַלט־אָקעאַן.

זיי קלינגען אַ ווייל מיר אַדורך און פאַרשטומען
צוריק אין דעם כאַאָס פון אור־אַלטן ברומען.

דאָך זיינען אין מיר, ווי אין אַלט־אָקעאַן,
די פאַרבן און שטימען אַלץ אימער פאַראַן —

אין שפּיל פון מיין זעל, ווי אין שפּיל פון די אינדן,
אין אייביקן ריטם פון קומען און שווינדן.

(די אנגעהעריקייט פון ליד צום דיכטער'ס נייסטער פעריאדע לאזט זיך דערקענען אין אזעלכע פערזן, ווי:

„זיי פלאמען א ווייל מיר אדורך און פארשווינדן
צוריק אין דעם אור־שווארצן אפגרונט דעם בלינדן.“

באמערקט דעם ריטם און דעם פערז־מאס פון ליד. — ווי רופט מען אזא מעטער?)

ממעמקים

איך האָב פון דער טיפעניש וויסט
גערופן צו דיר:
וואו נאָר דיין ליכטיקייט פליסט,
זאָל לויכטן אויך מיר.
איך גיי אין די שאָטנס פון שטאַרבנדע טעג
נאָך בלאָנדזשענדע פלעמלאַך, וואָס ווערן ניט באַלד.
ווי סומנע, ווי איינזאַם, ווי פּוסט איז דער וועג
און קאַלט, אַזוי קאַלט!

איך האָב פון דער טיפעניש וויסט
גערופן צו דיר:
אוואו נאָר, אוואו נאָר דו ביסט,
באווייז זיך פאַר מיר.
איך זאָל, ווי אַמאָל אין מיין קינדהייט, דיך זען;
ווי אָפגיין וואָלט אַלץ וואָס אין מיר איז פאַרשטיינט,
ווי פרום און ווי היים וואָלט מיין תפלה געווען,
ווי וואָלט איך געוויינט!

איך האָב פון דער טיפעניש וויסט
גערופן צו דיר;
געזוכט אומעטום דיך — אומזיסט!
דו ענטפערסט ניט מיר.
און איצט, ביים סוף וועג, ווען איך גיי פון דער וועלט,
פון טרוים פון אַ וועלט, שוין אויף אייביק אַוועק,
צי בלייבסטו נאָך אַלץ אַזוי ליכטיק פאַרשטעלט —
אַ פרעמדקייט, אַ שרעק?!

(ממעמקים, דער תהלים׳דיקער אָריגינאַל פון לעטייניש "De Profundis" וואָס איז אַ ליבלינג־מאָטאָ ביי פיל מאָדערניסטישע אייראָפּייאישע דיכטער (אָסקאַר ווײַלד, סטאַניסלאַוו פשיבישעווסקי) אויסצודריקן דערמיט דאָס געמיט פון טיפסטן נשמה־עלנד. און ווי שיין פּאַסט זיך דער נאָמען פאַר אָט דאָס ליד, — איינס פון די פיינסטע אין אונדזער דיכטער׳ס נייסטער פּעריאָדע. באַמערקט די צאַרטע, טיפע, אמת שמאַכטנדיקע גאָט־בייגקשאַפט און דעם תהלים׳דיקן טאָן. אַזעלכע פראַזן ווי, „איך זאָל, ווי אַמאָל אין מיין קינדהייט, דיך זען" און „פ ו ן ט ר ו י ם פ ו ן אַ ו ו ע ל ט", דאַרפן פאַרבונדן ווערן מיט דער רעליגיעז־מרה שחורה׳דיקער אומגעבונג פון דיכטער׳ס אינגלשע יאָרן. — באַמערקט די ווייכע שטאַרקייט פון גראַם אינ׳ם ליד און דעם וואויל־קלאַנג (אַליטעראַציע) אין אַזאַ שורה, ווי: „איך גיי אין די שאָטנס פון שטאַרבנדע טעג". — דאָס וואָרט „סומנע" (אומהיימלאַך, אימה׳דיק־אומבאַשטימט) איז כמעט אַ ליבלינג ביי אונדזער דיכטער.)

ב.

אין שיין און פינצטערניש.

די לבנה נאַכט

די לבנה, זי שיפט זיך
אויף לופטיקע וועלן,
אין טיפן לאזור 1)-ים,
דורך שטילקייט און נאַכט ;
זי שיפט זיך און כשופ'ט
און שפּרייט פון זיך שטראַלן
און וועבט מיט חלומות,
פאַרביינקט און פאַרטראַכט.

עס פאַלן די שטראַלן
אויף בערג און אויף טאָלן,
אויף פעלדער און וועלדער
און הילן זיי איין
אין צאַרטער פאַרקלערטקייט,
אין טוי-לייכטן טרויער,
אין ווייכן, אין בלייכן,
אין בלוילאַכן שיין.

עס שפּרייט זיך דער חלום —
אַ היילונג פאַר זעלן,
וואָס וואָגלען גלגולים 2)
אין עלנד און לייד ;

ער גיסט אין זײ זיסקײט
פון זעלטענע װעלטן,
פון הימלישער מילדקײט,
פון פרידן און פרײד.

1) Azure. 2) גלגול (גילגול) — אַ באַגריף גענומען פון דער קבלה: עס באַטײט, אױבן־אױף גערעט, דאָס איבערװאַנדלען פון דער נשמה פון אײן גוף אין אַ צװײטן. דאָ אָבער מײנט גלגולים — װאַנדלונגען, װאַנדערונגען.

(אײנס פון ליעסינ׳ס פריסטע לידער און דאַך װי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים, סאַי מיט׳ן ריטם און סאַי מיט אזעלכע בילדלאַכע פײנקײטן און צאַרטקײטן, װי: „אין צאַרטער פאַרקלעמטקײט, אין טױ־לײכטן טרױער“.)

בײם טײך

און װאָלקנדיק הױך איז דער זילבערנער הימל
אין טיפן, אין פּראָסטיקן אָסיען;
עס שטײט די לבנה בײם טײך אַ פאַרקלערטע
און האָט אים מיט שטראַלן פאַרגאָסן.

דער טײך האַלב־פאַרגליװערט. ער ליגט אין די שטראַלן
און טוט װאָס און זאָגט װאָס און סוד׳עט;
ער קוקט, פול מיט גלוסטן, אַרױס פון די קוסטן
און רירט זיך און הױבט זיך און הױדעט.

ער הױדעט און שפּיגלט מיט זילבערנע פּאַסן
און שטיקלאַך צעבראָקטע לבנות;

און עפּעס מיר דוכט זיך, אַזוי ווי ער כשוף'ט
און ציט מיך און שלעפּט מיך סכנות.

אַנטקעגן מיר נאַקעטע שטייען די ווערבעס,
די רוישלאָזע צווייגן צעשויבערט;
זיי שטייען צעשטראַלטע, באַוועגלאָזע, קאַלטע
און קוקן אַזוי ווי פאַרצויבערט.

און טיפער און פעסטער אין פראָסטיקער שטילקייט
די וועלט די פאַרשלאָפענע זינקט אַלץ;
דער טייך נאָר, ער רוט ניט, ער שטומט אַ מינוט ניט
און מאַכט זיינע קונצן און ווינקט אַלץ.

ער ווינקט און ער ציט מיך צו זיך אין דער שוואַרצקייט,
אין וואַסער, אין טיפן, אין קאַלטן;
אין רופנדן אָפּרו פון פרירנדן צויבער,
אין סוד אויפ'ן אָפּגרונט באַהאַלטן...

(דאָסדאָזיקע הארבסט־ליד, אויך איינס פון די פריסטע ביי אונדזער דיכטער, איז אַן אינטערעסאַנטע קאָמבינאַציע פון קראַפט און שיינקייט. באַמערקט די אָרגינעלקייט פון בילד: „און שטיקלאַד צעבראָקטע לבנות": באַמערקט אויך די מוזיק פון די דאָפּל־גראַמען, ווי אין: „ער קוקט פול מיט גלוסטן, אַרויס פון די קוסטן".)

דער חודש ניסן

עס היינגען ליכטלאַך אייז נאָך וואו,
עס שווארצט נאָך וואו דער שניי;
דאָך קומט ער שוין, דער ניסן, צו
מיט שטראַלן און געשריי.
ער קומט מיט זון-קראַפט אָנגעזאפט
און שרייט אין טיר און רופט און קלאַפּט:
שטייט אויף, עס האָט זיך אויפגעכאַפט
דאָס לעבן איבעראַל!
עס קומט צום שיין די ערד אַרויס
און שלאָגט אַרויף איר אָטעם הייס
און שמיט פון טויטן אייז זיך אויס
און שפּאַרט זיך ווי אַ קוואַל.
דאָס וואַסער לויפט, דאָס וואַסער שרייט
מיט לוסטיקייט, מיט האַסטיקייט,
אַזוי ווי פון אַ שטראָג באַפרייט
און שפּיגלט אָפּ דעם שטראַל.
עס שפּיגלט אָפּ דער זון אַ דאַנק
און יום טוב׳דיק און פריי און פראַנק,
דערציילט עס איצט אין פרייד
פון ווינטער-וויי, פון ווינטער-וועג
פון לאַנגע נעכט און שוואַרצע טעג,
פון פראָסט און דרוק און לייד.
עס האָט דאָס אַלץ שוין דורכגעמאַכט,
די אַנגסטן אָן אַ צאָל
און דאָך אַרויס אין פולער מאַכט
און לויטער ווי קריסטאַל!

עס איז אַרוים, עס איז באַפרייט
און יאָגט און טראָגט פון יעדער זייט,
עס שטעהט אין לופט אַ גוואַלד;
עס רוישט און ברויזט, עס זשומט און ברומט:
דער פרילינג קומט, דער פרילינג קומט,
שוין באַלד, אָט באַלד, באַלד־באַלד!

(דאס ליד, געשריבן אין רוסלאנד אין 1894, איז גלייכצייטיק אי א פרי־לינג, אי א פרייהייט־ליד).

אין די בערג

אַנגעגאָסן ווייס מיט נעבל,
כוואַליעט לייכט דער טאָל און וואַכט,
ווי אַ ווייסער ים, אַ שטילער,
אין דער ווייסער, שטילער נאַכט.

מילד פון הינטער באַרג באַווייזט זיך
די לבנה אין דער הויך,
אין אַ רונג פון ווייסן זילבער,
רונד און פול און נעבל־בלייך.

זי באַגריסט דעם ים מיט בליקן,
פול מיט ליבן נעבל־חן;
אירע שטילסטע שיין און שטראַלן
האָט זי נאָר פאַר אים אַליין.

פאַלן בלאָאך-בלייך די שטראַלן,
לייגט זיך טוליען-לייכט דער שיין;
און דער ים, פאַרליבט און גליקלאַך,
שלאָפט אין שטילע פריידן איין.

קוים נאָר מערקט זיך ווי עס צוקט אים
דורך אַ וועל פון ווייסן שוים;
קוים נאָר פילט זיך, ווי ער קושט זיך
מיט אַ שטראַל אין ליבעס-טרוים.

און דאָס זען נאָר די וועלדלאַך
אויף די הויכע בערג-וואו אָן אַ זייט,
וועלכע שאָטענען אין נעבל —
שטומע עדות פון דער ווייט.

(דאָס ליד שטאַמט פון יאָר 1902).

נויאָרק בעי

אין זון-וואָלקנס ליגט אַ פאַרהילטער דער בעי,
אין שניי-בערג פון בליציקער רו;
באַווייזט זיך אַ מקדש של מעלה 1) אויף זיי,
אַ שטראַליקער, הימל-הויך וואו.

די ווענט — פערלמוטערנער חן אַזוי בלייך,
דער דאַך — אַ קרישטאָלענער סוד;
די זיילן — ברושטינענער גלי אַזוי ווייך,
די פלאַם-טרעפ — דער וועג צו גענאָד.

אָט שיינט אויף די פלאַם־טרעפּ אַ ריזן־פיגור,
דער געטלאַכער כוהן אַליין:
אין קליידער פון פורפור און הימל־לאַזור,
אין חשן און אפוד 2) און קרוין.

ער שפרייט אַריבער נויאָרק זיינע הענט,
אַריבער דעם רויך און דעם ברום,
און שטראַלט, מיט די בליקן צום הימל געווענט,
און בעט אַזוי הייליק און שטום:

פאַר אַלע פון אונטן, וואָס חלומ׳ען באַנג
פון נאַכט־רו, אין טאָג־היץ פאַרשמאַכט;
פאַר אַלע, וואָס האָבן פאַרגעסן שוין לאַנג,
וואָס רו איז אפילו ביינאַכט.

פאַר אַלע וואָס וואָגלען אויף אָפּגרונטן וויסט
און קענען ניט קומען צום ברעג;
פאַר אַלע, וואָס גרייכן דעם האַפן אומזיסט,
פאַרלאָרן אין וועלט־שטאָט דעם וועג.

פאַר אַלע געבויגענע גייער אין יאָך,
וואָס קענען ניט זען אין דער הויך;
פאַר אַלע וואָס זען די וואונדער און דאָך
פאַרגייען זיי באַלד ווי אַ רויך.

1) (מיקדאָש שעל מאַילאָ) — דער בית המקדש וואָס אין הימל (לויט אַ תלמודישן שפּרוך האָט זיך אַזאַ איינער געפונען אין הימל, אַקעגן דעם ערדישן בית המקדש אין ירושלים.

2) (חוישען ועיאוּיפּייד) — צוויי בגדים (אַ ברוסט־טוך און אַ

מיז ברוסט־פאַרטוך), וואָס דער כהן גדול פלעגט טראָגן בשעת זיין גאָטעס־דינסט.

(דאָס ליד, געהערנדיק צו זיין נייסטער פעריאָדע, איז איינס פון די אָריגינעלסטע און בֿייכסטע ביי אונזער דיכטער. — דאָס איידל־ווייכע געמיש פון ליכט און נעפל איז כאַראַקטעריסטיש און נאָכמער כאַראַקטעריסטיש זיינען די ביבליש־תלמוד'ישע בילדער און שטימונגען וואָס שווימען אַז אויפן דיכטער, ווי ער שטייט (לאָמיר זאָגן אויף דער „בעטטערי”) און קוקט אַרויף צום ריזיק־ליכטיקן שטח פון נויאָרקער ים־גוס. — דאָס ליד ווערט פאַרענדיקט מיט אַ געפיל פון רחמנות צו די געפלאָגטע און פאַרמאַטערטע אין דער גרויסער האַפן־און וועלט־שטאָט).

אין וואַלד

איך גיי דורכ'ן וואַלד דורכ'ן שטילן,
אין טיפן האַלב־נאַכטיקן שווייגן;
עס שלאָפן אין גראָזן די גרילן,
עס דרעמלען די פייגלען אויף צווייגן;
די שטערן נאָר האַלטן דאָ וואַך
און קוקן אַראָפּ דורכ'ן סכך.

עס פלייצט אויפ'ן גאַנג מיר אַנטקעגן
די שטילקייט פון אַלע פיר עקן;
עס ליגן פאַרטרונקען די וועגן
אין שטומע און שטראָמיקע שרעקן;
די שטערן נאָר הויך אויף דער וואַך,
זיי ווינקען מיר מילד דורכ'ן סכך.

איך גיי נאָכ'ן וואונק נאָכ'ן מילדן ;
גרילצט בלוטדאָרשטיק אויף אין די צווייגן
אַ קראַק פון באַפאַלער פון ווילדן,
אַ טויט-קרעכץ — און ווידער אַ שווייגן ;
עס הערן דאָס צו דורכ'ן סכך
די שטערן ארום אויף דער וואַך.

און ווי עס וואָלט גאָרנישט געטראָפן,
אין טיפקייט פון נאַכט פון געהיימער
פאַרבלייבט אַלעם גלייכגילטיק שלאָפן —
דער הימל, די ערד און די בוימער ;
עס ווינקען זיך דורך אויף דער וואַך
די שטערן אַריבער דעם סכך.

נעמט ווער אין געהיים מיט מיר שפאַנען
און גיריק אַן אויג אויף מיר שאַרפן ;
איך גיי און איך ווייס ניט פון וואַנען
ער וועט דער פאַרצוקער זיך וואַרפן ;
עס ווינקען מיט שפּאָט דורכ'ן סכך
די שטערן הויך-הויך אויף דער וואַך.

(אויך דאָס ליד געהערט צו ליעסינ'ס נייסטער פעריאָדע. — דער מיטן־נאַכטיקער וואַלד ווייט דאָ אַן אַ שטימונג פון מיסטישן שרעק).

זאָלן זיי קומען

איך האָב ניט, אָ, עלנדע אומה, מיט וואָס דיר צו דינען
אַרום אין דעם אָרימען, וואָכיקן לעבן;
דעם נפש, דאָס האָב איך, דעם נפש דעם הוילן —
איך קען דיר אים געבן!

אַך, זאָלן זיי קומען, די הענקער 1), די ווערגער, די קוילער,
וואָס האָבן דיר אַלע היסטאָרישע וועגן
מיט בלוטן פאַרטרונקען — איך שטרעק מיט אַ שמחה
דעם האַלדז זיי אַנטקעגן!

און ווארים זאָל פליסן אויך מ י י ן בלוט אַהין אין די ריינע,
אַהין אין די הייליקע, בלוטיקע ימ׳ען
פון דיינע מיליאָנען גבורים און קדושים —
און פליסן צוזאַמען!

(דאָס ליד דאַרף דינען אַלס אַ מין פּראָלאָג, דער עיקר, צו ליעסינ׳ס א י ד י ש ע לידער. — עס שטאַמט פון אנהויב 1894טן יאָר, ווען אונזער דיכטער האָט אין די מינסקער אידישע אַרבעטער־קרייזלאַך, אָנגעפירט הייסע דיסקוסיעס מכח דעם כאַראַקטער פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג).

ג.

פון אַמאָל.

פון פינצטערן עבר

און טראַכט איך, מיין פאָלק, פון די שרעקן פון עבר,
דאַן פאַנגט און באַצווינגט מיך דיין צער,
די פראַכט פון דיין דאָרן-קראַנץ צווישן די פעלקער,
דיין טויזנטער יאָריקער גזר.

און טראַכט איך, מיין פאָלק, פון דער הערלאַכער צוקונפט,
דאַן ווערט אַזוי שווער, אַזוי באַנג:
צי וועסטו פאַרשווינדן אין גליק? טאָ צו וואָס זשע
די ליידן יאָר-טויזנטער לאַנג? !

עס שטראַלט מיר אין קאָפ די אַלמענטשלאַכע צוקונפט,
דאָך שטייט נאָכאַנאַנד פאַר מיר שוואַרץ
דיין פינצטערער עבר, מיין פאָלק, און עס דוכט מיר,
אַ בר-מנן טראָג איך אין האַרץ.

איך לעב מיט'ן קאָפ אין דער שטראַלנדער צוקונפט,
מיין האַרץ דאָך איז פול נאָר מיט דיר —
אָ פינצטערער, גרויסער, העראָאישער עבר,
ווי טייער, ווי ליב דו ביסט מיר!

(געשריבן אין דעם דיכטער'ס פריע סאָציאַליסטישע יאָרן. — איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע די ביי אונדז וואָס „שלאָגן זיך אַרום" צווישן נאַציאָנאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם.)

מהר״ם מרוטענבורג

(דער באַרימטער גאון און צדיק מהר״ם (ר מאיר ב״ר ברוך) פון רוטענ־בורג (דייטשלאַנד, — געב. 1220, געשט. 1293), איז געווען איינער פון די לעצטע בעלי תוספות (תוספות—צוגאָבן), אַ „קאָלעגיע" געלערנטע, וואָס טרעט אויף אין 12טן יאָרהונדערט, מיט אירע קאָמענטאַרן צו דער גמרא (דער „תוספות"), וועלכע שטייען אין חשיבות באַלד נאָכ׳ן גרויסן רש״י. דער מהר״ם מרוטענבורג האָט געפּרואווט אַנטלויפן קיין ארץ־ישראל; זייענדיק דעם קיניג׳ס אַ „קאַמער־קנעכט" (דאָס איז דאַן געווען דעם אידנ׳ס אָפיציעלער סטאַטוס"), האָט דער קיניג אים דערפאַר אַריינגעזעצט אין תפיסה, זייענדיק זיכער אַז ער וועט פאַר אים קריגן אַ סך אויסלייז־געלט, אָבער, פאַרבאַטנדיק זיינע ברידער פאַר אים דאָס געלט צו געבן, איז ר׳ מאיר בעסער געשטאָרבן אין תפיסה. די מצוה פון „פּדיון שבויים" (די אויס־לייזונג פון די געפאַנגענע) איז ביי די אידן געווען אַזוי הייליק, אַז זיי פלעגן צוליב איר באַדאַי זיך „אויסטאָן פון העמד", און די גוים האָבן זיך דאָס געמאַכט פאַר אַ בלוטיקע פּרנסה. און צו דעם האָט דער מאַרטירער געוואָלט מאַכן אַ סוף.)

דער פעלז פון דעם ענזיסהיים טורעם איז האַרט,
נאָך האַרטער איז אָבער דער ווילן
פון הייליקן גאון, וואָס שמאַכט דאָ פאַרשפּאַרט,
האַלב־טויט אין אַ קאַמף אין אַ שטילן.
דער קיסר פון דייטשלאַנד אַליין האָט דעם גרייז
אַהערצו געפאַנגען גענומען,
פאַרלאַנגט פון די קהלות אַן אויסלייזונג־פּרייז
און האָט פון זיי גאָרנישט באַקומען.
דער צאָרן פון רודאָלף פון האַבסבורג איז גרויס,
דאָך שוואַך איז די פויסט אין דעם אייזן
צו ברעכן דעם גרייז, וואָס דערלאָזט ניט דורכאויס
דעם צורר 1) אַ ביישפּיל צו ווייזן.

און אויסלייז־געלט צאָלן פאַרווערט ער.

א הייל, שווער געוועלבט, ווי אַ הייגגענדער טויט
און ווענט, ווי אין קבר, טויב-שטומע;
אַן אויסבעט פון שטרוי, אַ פאַרזשאַווערטע קייט
און שאָטנס געדיכטע און קרומע;
אַ פינטל פון טאָג-ליכט פון ערגעץ אַ שפּאַלט
טוט וואו-ניט-וואו אומגערן פאַלן
און טיפער אין חשך אַ ווייסע געשטאַלט,
באַלויכטן פון אינערע שטראַלן.
אָ ער וואָס איז לאַנג, ווי אַ מלאך פון גאָט,
אין ערפורכט פאַרהייליקט געוואָרן —
ער ליגט אין געפּיינקעניש, צו שאַנד און צו שפּאָט,
ער ליגט אַזוי יאָרן און יאָרן!

און אויסלייז-געלט צאָלן פאַרווערט ער.

ער ליגט און זיין גייסט טוט אַ שוועב אויף פאַרביי
די ווענט, די ווענט און די קייטן;
ער לאָזט אין די הויכן פון תלמוד זיך פריי
די אָדלערשע פליגלען צעשפּרייטן. 2)
ער קוקט אין דערהויבענעם עלנד זיך אום,
ווי קליין איז דער צורר און נאַריש
און צווישן דעם שמוץ און די טומאה 3) אַרום
פאַרפאַסט ער דעם תוספות צו טהרות; 4)
און אייביק אין נאַכט פון דעם קבר פון שטיין,
פאַרפאַסט ער דעם תוספות פון יומא, 5)
וואו פאַרבן-רייך בלאַנקען אַדורך אַזוי שיין
די זוניקסטע טעג פון דער אומה.

און אויסלייז-געלט צאָלן פאַרווערט ער.

און כאַפּט אים די ביינקשאַפט נאָך ציון אַרום,
די גלות השכינה 6) יסורים,
פאַרפאַסט ער די קנות, 7) וואו ס'הערט זיך דער ברום
פון וויינענדן נאַכט-וואַלד אין שטורעם.
עס יאָמערט דער אומעט פון דורות אָן ענד
אין געטלאַכע גלוטן-געזאַנגען;
עס שלאָגן זיך אָפּ אָן די שטיין-קאַלטע ווענט
יאָר טויזנטער פלאַמען-פאַרלאַנגען.
ווי וואָלט ער דאָס לאַנד פון זיין ביינקשאַפט געגלוסט,
צו זען ווען אַמאָל מיט די אויגן!
ווי וואָלט ער די שטיינער די וויסטע געקושט,
אויף פליגלען אַהינצו געפלויגן!

און אויסלייז-געלט צאָלן פאַרווערט ער.

און ס'גליט אין זכרון אים אַלץ יענע בילד:
אַט גנב'עט ער זיך אויף די וועגן,
אַט זעט ער דעם ים שוין — ווי הימל-בלוי מילד —
דעם ים פון די הייליקע ברעגן!
דאַן קומט אויף זיין שפּור דער משומד 8) צו גיין;
דאַן קומען די גרויסע יסורים,
די אייביקע נאַכט אין דעם קבר פון שטיין
פון פינצטערן ענזיסהיים-טורעם.
דער קאַמער-קנעכט קריגט עס פון פרעה'ן די שטראָף
פאַר וועלן פון קנעכט-הויז אַרויסגיין!
ער ווייס, אַז די שטראָף וועט זיך ציען אָן סוף;
ער וועט אין דעם חשך שוין אויסגיין!

און אויסלייז געלט צאָלן פאַרווערט ער.

ער ווייס, אַז ער וועט שוין זיין טרוים-לאַנד ניט זען,
דאָס לויכטענדע לאַנד פון די אָבות;
עס צאַנקט שוין גאָטס-ליכט, עס פאַרלעשט זיך גאָטס-ברען, ׳
עס וואַרט שוין דער מלאך המות.
ער פילט, אַז ער שטאַרבט און ניט זען וועט ער מער
שוין קיינמאָל אַ ליב אידיש פּנים;
זיין גוסס'ן בליק וועלן פייניקן שווער
אַלץ זיי נאָר, אַלץ זיי, די תּלינים!
און בלייבן דאָ וועט ער און קיינמאָל שוין אויך
צו קבר ישראל ניט קומען 9)
און ס'וועט ניט אפילו אַ שטראַל פון דער הויך.
פאַרבלאָנדזשען צום קערפּער צום שטומען.

און אויסלייז-געלט צאָלן פאַרוועדט ער.

---

1) צורר (צורר היהודים) — א ביטערער פיינט פון די אידן, א גרויזאַמער אידישער פאַרפאָלגער. 2) ער פאַרטיפט זיך אין תּורה לערנען. 3) אומריינקייט (דער עיקר אין רעליגיעזן זין). 4) דער זעקסטער סדר (קאָלעקציע) פון תּלמוד, אַנטהאַלטנדיק די דינים וועגן אַלערליי רייניקונגען. 5) יענער תּלמודישער טראַקטאַט, וואו עס ווערט אויסגעשריבן די גאַנצע הערלאַכקייט פון דעם העכסט-פייערלאַכן יום כּפּור'דיקן גאָטעס-דינסט אין בית המקדש. 6) די פאַרטרייבונג, די פאַרוואָגלונג פון דער שכינה (די גאָטהייט); עס הייסט, אַז אינאיינעם מיט זיין פאָלק, איז גאָט אַליין אויך אין גלות; אין אַ מער סימבאָלישן זין הייסט עס, אַז איבער'ן גלות איז די גאַנצע וועלט שפּל און קען צו זיך ניט קומען. 7) תּשעה באב'דיקע קלאָג-לידער. 8) אַ געשמד'טער איד איז געוועזן דער וואָס האָט רבי מאיר'ן געכאַפּט און אַרויסגעגעבן. 9) אַ לאַנגע, לאַנגע צייט האָט דער האַבסבורג די אידן דעם צדיק'ס טויטן גוף ניט אַרויסגעגעבן.

דער הויכער רב ליב

(דער „הויכער" (ווייל ער איז געווען זייער הויך) רב רב (צוויי מאל „רעב") לייב איז א היסטארישע פערזענלאכקייט פון 17טן יארהונדערט, פון דער משפחה פון וואנען אונדזער דיכטער קומט ארוים. די וואונדער־לעגענדעס וואס ווערן וועגן אים דא דערציילט, זיינען אומ־געגאנגען אין דעם דיכטער׳ס פאמיליע.)

זיי גליען נאָך פאַר מיר, די פורפורנע פאַרנאַכטן,
די זומער־פרייע מעריב׳דיקע שעה,
די אינגלש־ווילדע צווישן־גאַסן שלאַכטן,
דער וויטער, וויטער, וויטער לאַנג־ניטאָ.
איך לויף אַריין אין הויז, אַ מידער, אַ פאַרשטיפטער,
אין ווייסן איר־נאַכט זינגט די באָבע וואו
און באַלד שוין לעבן איר דאָ זיץ איך אַ פאַרטיפטער,
זי ווישט מיין שווייס און זינגט און טופּעט צו.

זי נעמט מיר וואונדער פון אַן אור־זיידן דערציילן
און קוקט פאַר זיך דורך אירע אַכציק יאָר;
זי זעט אין וויטער קראָקע אים, דעם שיין פון פוילן,
דעם הייליקסטן און גרעסטן פון זיין דור.
און סומנע ליכטיק פלאַטערט דורכ׳ן הויז איר מעשה,
ווי ערגעץ וואָלט געברענט אַ יאָר־צייט ליכט
און טרוימעריש דערזע איך, ווי פון שאָטנס ווייסע
טיילט שטיל זיך אָפּ אַ שיינענדיק געזיכט.

אָט שטייט ביים שוועל אין פולער גרוים דער עלטער־זיידע,
דער פורכטבאַרער, דער הויכער רב רב לייב;

און איך און אויך די באָבע, דאַכט מיר, זען ביידע,
עס טוט פאַר אים זיך דער אושאַק 1) אַ הויב.
עס טוען זיך אַ הויב אין מויער אַלע שטאָקן,
ער זאָל דעם לייבן-קאָפּ אַ בויג ניט טאָן
און אומעטום די שכנים סוד׳ען זיך צעשראָקן:
דאָס קומט דער הויכער רב רב לייב שוין אָן.

עס בלייכט אין הימל הויך-וואו אַ לבנה-האָרן; 2)
טוט ווער זיך וואָלקן- גרויס אַהין אַ הויב
און באַלד פון האָרן איז אַ שופר שוין געוואָרן,
דעם שופר האַלט דער הויכער רב רב לייב.
ווי גליאיק-שיין פאַרוואָרפט ער איבער קאָפּ דעם טלית.
באַלד שפּאַלטן הימלען זיך פון גרויסן בלאָז...
יאָגט בייז זיך דורך אַ ווינטל און פאַרוויט ווערט אַלעס,
איך פאַל אַ מידער שלאָפן אויפ׳ן גאָז.

די באָבע לאָזט אָן קריאת שמע ניט אָנשלאָפן ווערן,
און קוים דערטשוכעט, שטאַמל איך און פרעג:
פאַר וואָס זשע לאָזט דער גרויסער שופר זיך ניט הערן?
פאַרוואָס זשע זאַמט משיח זיך אין וועג?
פאַרוואָס זשע שוויגט דער עלטער-זיידע אין די הויכן?
און, פרעגנדיק, פאַרקלעפּן זיך שוין צאַרט
די קינדער-אויגלאַך אין אַ שטילן שלאָף אַ ווייכן —
איך האָב זיך אויפ׳ן ענטפער ניט דערוואַרט.

---

1) (סלאוויש) — דער געזומס איבער׳ן טיר. 2) א האלבע לבנה.

די פייערן פון בראָדוויי

1

די פייערן, די פלאַטערדיקע, פון בראָדוויי,
עס הייגט פאַרעלנט די לבנה הינטער זיי;
עס הייגט מיט איר די שטילקייט אויף אַ הויכן דאַך
און ביידע קוקן פרעמדע אויפ'ן פייער-שליאַך.

איך גיי פאַר'חלומ'ט צווישן טענץ פון פלאַמען-ווענט,
פון כוואַליעס ליכטער און געזיכטער דורכגעבלענט;
און אַלטע ביינקשאַפטן, ווי שאָטנס, פאַלן צו
און טראָגן שאָטנדיק אַוועק מיך ווייט אַוואו.

ווייט-ווייט אין מיין געבורט-שטאָט גייט די נאַכט
איצט אום
אין בלויער גלוטיקייט, אַ פראָסט-געשמיטע שטום;
און גאָלדיק די לבנה, גרוים אַזוי און פול,
קוקט טרויעריק אַרונטער אויף דער אַלטער שול.

אין מיטן שול-הויף שטייט די אַלטע, קאַלטע שול,
אין טרוים אין גאָלדענעם פאַרהילט, ווי אין אַ טול;
פון אויבן הימל-בלויקייט, רחבות אָן אן ענד,
פון אונטן בלויער שניי-שיין בליצט אַזוי און בלענט.

די ווייסע, ווייטע קינדהייט ווייעט אַ ווייל מיר וואו,
איך פיל אַ פריידיקע, אַ טיפע זעלן-רו;
אַ קינדער-גליק באַפאַלט אייַן אויגן-בליק מיך שטום
אין מיטן פייער-פלאַטער פון בראָדוויי אַרום.

2

אַן אומגעזעענער גייט פייערדיק אַ פּאָך,
צעטאַנצן זיך די פלאַמען פלאַטערדיקער נאָך;
עס גייט די האַלבע נאַכט אַדורך דעם רויטן וועג,
באַלייט פון טויזנט גלוסטן, אויפ׳ן גלי־געיעג.

דאַן גייט פון די טעאַטערס דער המון נאָך איר —
צילינדערס, פוטערס, דימענטן און לייב־קאָליר,
פּאַרפומען־דופט און גופים־דאַמף און גלוטן־רויט
און אויגן פון דער נאַכט־זעל אויפגעעפנט ברייט.

איך שווים אין מענטשן־שטראָם און זע פאַר זיך וואו־ווייט
אַנאַנדער האַלבע נאַכט וואָס טרעט אין לויטערקייט;
דאָרט ווייט אין מיין געבורט־שטאָט גייט זי הויך און העל,
אַ שטילע, ווי אַ תפלה פון אַ זאַנפטער זעל.

און גייט דער לעבעדיקער פון טעאַטער דאָ,
דאַן ווייט אין מיין געבורט־שטאָט, אין דערזעלבער שעה,
גייט רוישלאָז־ווייס דער טויטער איצט אין שול אריין,
אין זייבער־זילבערנעם, פאַרשטילטן תפלה־שיין.

אין מיטן שול־הויף שטייט די אַלטע, קאַלטע שול,
וואָס איז מיט ווייסע מתים און געהיימנים פול;
זי שטייט שטיל־שטראַלנדיק און האַלט און היט פאַרטרויט
דעם גרויסן, ווייסן סוד פון לעבן און פון טויט.

(דידאַזיקע צוויי מייסטערהאַפטע לידער — אויך פון דער שפּעטסטער פּעריאָדע — זיינען ווידעראַמאָל כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער דיכטער׳ס לויטערער אידישלאַכקייט און זיין בייןקשאַפט נאָך דער ריינער, פרו־

מער אומגעבונג פון דער קינדהייט. די „פּייערן פון בראָדוויי“, פון גרויסן ווייסן וועג“, פון ווילדן, נאָד געננוס זיך רייסנדיקן ניאָרקער נאַכט־לעבן, דערמאָנען אים, אַלס קאָנטראַסט, אויף דער הויך־צניעות׳דיקער, סודות׳דיק־פאַרקלערטער האַלבער נאַכט אין אַ אידיש־ליטווישער שטאָט.)

שמחת בית השואבה [1]

(מיין זעליקן פאָטער געווידמעט)

קולות, גוואַלדן, טויב צו ווערן,
אָבער איז עס אָן סכנות —
אידן לאָזן זיך דאָס הערן,
חס ושלום ניט קיין פּאָניעס! [2]
פלעשלאַך משקה שטייען גרייט,
דאָך די העלדזער זיינען טרוקן;
אידן ווערן שכור־טויט
בלויז פון שמעקן, בלויז פון קוקן.
און ווען שכור ווערן אידן,
דאַן, זייט מוחל, רוקט זיך אָפּ,
ווען דאָס דריידל גייט אַנטשידן
מיט׳ן ניגון, מיט׳ן טראָפּ:
„יחביאנו בצל ידו
תחת כנפי השכינה!“ [3]

צוגעטופּעט מיט די פיס,
צוגעטרייסלט מיט די פאות,
גייט דער טאַנץ אויף באַנק און טיש,
פּאָ קאָזאַצקי [4] לכל הדעות. [5]
גאָטס־קאָזאַקן, אידן הייסע,
זיי פאַרגעסן אָן דעם גלות.

אָן די אומגליקן די גרויסע
און פאַרקאַשערן די פאָלעס.
די כשל ברכ׳ם 6), עלטער, אינגער,
שטעלן פאָלקעס 7) און מען קנאַקט
מיט די פינגער, מיט די צינגער
און מען האַפקעט אוים צום טאַקט:
„יחביאנו בצל ידו
תחת כנפי השכינה!“

די קונדיסים, פלינק, געראָטן,
הייגען אָן זיך אָן די עקן
פון אַ טאַטנ׳ם טלית-קטן,
אָן די נאָז-טיכער, וואָס שטעקן
פון דעם הינטער-טאַש אַרוים.
און זיי טראָגן זיך די בראַווע;
כאַפּט מען אַפּט אַ שטורך, אַ שטוים,
איז מען מקבל דאָס באהבה.
און מיט אויפגעפלאַמטע בעקלאַך
און מיט אויגלאַך פול מיט פייער
און מיט קולכ׳לאַך, ווי די גלעקלאַך,
שפּרינגט מען, קלינגט מען פריי און פרייער:
„יחביאנו בצל ידו
תחת כנפי השכינה!“

פריי און פרייער, ווילד און ווילדער
גייט דאָס דריידל אַ טשיקאַוועס 8)
און עס בייטן זיך די בילדער,
אָנגעפליגלט פון התלהבות. 9)
אַ דאָס זיינען ניט דיזעלבע
יענע רוקנס, יענע קרומע,
יענע פנימ׳ער די געלבע,
ליפּן שמאַכטנדע און שטומע!

וואָסער גלגול טרייבט דאָ, יאָגט דאָ
אין דער שמחה ווילד און פּרעכטיק!
וואָסער צויבער־וואונדער שלאָגט דאָ
אין די ווערטער שטאָלץ און מעכטיק:
„יחביאנו בצל ידו
תחת כנפי השכינה!"

יאָרן טויזנט ביינקען, גאַרן,
הילכן אָפּ דאָ אין דעם שאַלן;
נשמות רייסן זיך און שפּאַרן,
קייטן ברעכן, תפיסות פאַלן!
וויסטע אידישע נשמות,
אָנגעזעטיקט דורך מיט צרות,
אָנגעליטן אין מלחמות
מיט די אַלע יצר הרע'ם, 10)
רייסן זיך אַרוים מיט שטורעם,
פריי פון חומר11) און פון מורא,
פריי פון ערד און פון יסורים,
באַמבאַרדירן היים דעם בורא:
„יחביאנו בצל ידו
תחת כנפי השכינה!"

און די לופט ווערט פול מיט פייער
און פאַרכאַפּט די גאַנצע עדה —
נשמה־פייער, ריין און טייער,
לויטער חדוה 12) און עבודה. 13)
גרויסע, הייליקע פאַרלאַנגען,
שטאָלצע תביעות, 14) שטריינג און שטריינגער
טראָגן זיך אין פלאַמען־קלאַנגען
דורך דער אַלטער קלויז, דער אייגער.

און עס דוכט זיך, ס׳פאַלט און ברעכט זיך,
דאָך און ווענט געשטירצטע ליגן
און צום הימל ציט זיך, פלעכט זיך,
ווי אַ פייער-זייל דער נגון:
„יחביאנו בצל ידו
תחת כנפי השכינה!“

„ער“ אין הימל הערט אַ ווײלע,
ווי דער ניגון גרייכט די שכינה;
ווענט ער זיך צו דער פמליא 15)
פול מיט צערטלאַכקייט אין מינע:
„זיי פאַרגעסן, מיינע קינדער,
ווי זיי לײדן אָן אַ שיעור —
אָן די קוילער, אָן די שינדער
און זיי דיינקען נאָר פון מיר!“
און ער בליצט מיט שטראַלן ימ׳ען,
די פמליא ווערט נתפעל;
שטעלט זי זיך און זינגט צוזאַמען
מיט דעם ליבן פאָלק ישראל:
„יחביאנו בצל ידו
תחת כנפי השכינה!“

---

1) (סימכאַס בעיס האַשויעיוואָ) — ״די פרייד פון וואַסער שעפּן“, אַן אַלטער, רעליגיעז-נאַציאָנאַלער יום־טוב, וואָס ווערט אָפּגעהיט אין די נעכט פון חול המועד סוכות: אידן פאַרקלייבן זיך אין שול, לאָזן זיך וואוילגיין מיט משקה, זינגען פריידיקע קאַפּיטלאַך תהלים, טאַנצן און הוליען. 2) פאָניע — אַ רוס. (אַ צונעמעניש ניט זייער קיין צאַרטס). 3) אַ פסוק פון תהלים, מיט׳ן טייטש: ער (גאָט) וועט אונז באַהאַלטן (באַשיצן) אין שאָטן פון זיין האַנט, אונטער די פליגלען פון דער שכינה. 4) אויף קאָזאַקישן שטיינער. 5) (לעכאָל האַדעיעס) — לויט אַלעמענס מיינונג, נאָר

אַז שום ספק, פולשטענדיק. 6) כשל ברך (כשאַל בערעך) — איינער וואָס האָט שוואַכע קני, בכלל אַ שוואַכער. 7) פּים. 8) אַ טשיקאַוועס — וואונדערלאַך, אַן אַנטיק. 9) (היסלאהאַ־וועס) — ענטוזיאַזם. 10) (יעיצער האָרע), דער בייזער מלאך וואָס רעט אָן דעם מענטשן צו זינד; די זינדיגע נייגונגען אינ'ם מענטשן. אַ פרומן אידן, וואָס וויל זיך אויסהיטן פון זינד, קומט אויס פירן אַ סך שווערע מלחמות מיט'ן יצר הרע. 11) דער חומר (כוימער) — דער גוף, דאָס שטאַרבלאַכע איז מענטשן, וואָס שלעפּט אים אַראָפּ צו דער ערד און זינד. 12) גרויסע פרייד. 13) פרומקייט, פרומע מעשים 14) טענות. 15) פּמליא (פּאַמאַליא) של מעלה — די נאָענטסטע מלאכים, מיט וועמען גאָט בּאַראָט זיך.

(דאָס גוטמוטיקע אונטערלאַכן, ערטערווייס, אין דאַזיקן טיף־האַר־ציקן ליד (למשל: „אַבער עס איז אַן סכנות", „אידן זיינען שכור־טויט בלויז פון שמעקן, בלויז פון קוקן" און „באַמבאַרדירן היים דעם בורא") איז כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן הומאָריסטישן טאָן, וועלכן אונדזער דיכטער שלאָגט אָן אין איינציקע לידער.)

ד.

אומעט-לעבן.

אַ פרימאָרגן אין נויאָרק

אויף דעם וויסטן, בלאַסן הימל
כאַפּט זיך אויף דער קראַנקער מאָרגן
און די גרויסע שטאָט באַוועגט זיך,
אין דעם נעבל גרוי פאַרבאָרגן.

איינגעהילט אין גרויען נעבל,
ירט זיך אויף דער לעבנס-תהום
און צעגיסט זיך אויף די גאַסן
אין אַ כמורנעם 1) מענטשן-שטראָם.

כמורנע גיסט און גיסט מיט מענטשן,
פוילע, געלע, ווי דער מאָרגן,
פון די טענעמענטס צו די שעפּער,
אין דעם נעבל גרוי פאַרבאָרגן.

גלייך אַזוי קוקט אויך דער תהו 2),
וואו די געלע מתים גייען
פון די קברים צו די גיהנמס,
נאָך די בייזע חיבוט 3) -ווייען.

1) כמורנע — אָנגעבּרוגזט, פאַראומערט, פאַרוואָלקנט.
2) דער תהו ובהו — דער וועלט-כאַאָס, וואו די זינדיקע נשמות

ווערן פאַרוואָגלט. 3) חבוט (כיבוט), פון חבט — קלאַפּן, טרייס־לען: עס הייסט, אַז די זינדיקע ווערן אין קבר געשליידערט און נעשלאָגן און דאָס רופט זיך: „חבוט הקבר".

(דאָס דאָזיקע בילד פון „נויאָרק גייט צו דער אַרבעט", שטאַמט פון 1899).

די שטענדיקע באַגעגעניש

איילנדיק גייט די שיינע עני
צו דער אַרבעט יעדן מאָרגן,
וואו די הויכע מויערן טונקלען,
אין דעם נעבל טיף פאַרבאָרגן.

איילנדיק קומט אַן אומבאַקאַנטער
שטענדיק אויף דעמזעלבן שטייגער;
יעדן מאָרגן איר אַנטקעגן,
ריכטיק, פּינקטלאַך, ווי אַ זייגער.

וואו די הויכע מויערן טונקלען
און די ריזן־שעפּער ברומען,
טרעפן זיי זיך — ביידע יונג נאָך —
מיט אַ שמייכל, מיט אַ שטומען.

נאָר אַמאָל ווען עטוואָס פריער
גייט ער פּלוצלונג אָן פון ווייטן,
גיט איהר באַלד אַ צופ: זי ווייס שוין,
וואָס אַזוינס נאָר קען באַטייטן!

דען זי האָט, אַ נעכטן אָוונט
זיך פאַרזעסן, זיך פאַרגעסן —
און זי יאָגט איצט אָן אָן אָטעם,
ניט דערשלאָפן, ניט דערעסן.

יאָרן גייען, יאָרן קומען
מיט דיזעלבע אַנגסט און זאָרגן;
איילנדיק גייט זי אַלץ, די ענני,
צו דער אַרבעט יעדן מאָרגן.

איילנדיק קומט איר אַלץ אַנטקעגן,
שטענדיג אויף דעמזעלבן שטייגער,
דער באַקאַנטער אומבאַקאַנטער
און ער דינט איר פאַר אַ זייגער.

אַך, ווי מיאוס, ווי דערעסן
איז ער לאַנג שוין איר געוואָרן;
ווי דאָס גיין אַלץ יעדן מאָרגן
שוין זייט לאַנגע-לאַנגע יאָרן;

ווי דאָס גיין אַלץ יעדן מאָרגן
און דאָס אייביק-אייביק נייען,
ווי דאָס גאַנצע אומעט-לעבן —
און זיי גייען אַלץ און גייען.

און זיי גייען אַלץ און גייען
און זיי ווערן שנעל און שנעלער
אַלט און זויער, בייז און העסלאַך,
גרוי און גרויער, געל און געלער.

אײלנדיק טראָגן זײ פאַרבײ זיך,
װי די שאָטנס און זײ שטײען
אײנס דעם צװײטן פאַר אַ שפּיגל —
און זײ גײען אַלץ און גײען.

(די געװײנטלאכע „סװעט“ שאַפט טראַגעדיע פונ׳ם פאַרזעסענעם מײדל. אונדזער דיכטער זעט זי אבער פון אַ באַזונדערן, אײדעלן װינקל, װאָס מאַכט זי נאָך עלנדער. מיט די יאָרן בײט דאָס באַגעגעניש זײן כאַראַקטער. פון אַ פרײלאכן שמײכל װערט אַ ביטערע גרימאַסע: ערשטנס, װײל ער דערמאַנט איר, װי אַלט זי איז שױן און צװײטנס, אפשר אויך, װײל ער האָט ניט דערפילט די האָפענונג, װאָס זי האָט אויף אים געהאַט געלײגט. — דאָס ליד שטאַמט פון 1899).

דאָס ליד

זי כאַפּט זיך דאָ אויף אין אַ װילד-פרעמדער װעלט
פון זיסן, פון מײדלשן טרױם;
עס זינגט איר און קלינגט איר אין האַרצן אַ ליד,
אַ ליד פון אַמאָליקער הײם.

עס רופט, װי די טרובע פון פּאַסטוך, אין פעלד
און הױבט אַזױ האַסטיק פון בעט;
עס טראָגט, װי אויף זוניקע פליגלען, אװאָ,
און ציט, װי אַ װײטער מאַגנעט.

עס שאַלט איר און שטראַלט איר דאָס גאָלדענע ליד,
אַזױ װי דער מאָרגן אין מאַי;
און האָפן און גלױבן, װי יונגינקער גראָז,
זײ גרינען אין איר פון דאָס נײ.

זי טראָגט עס, דאָס ליד, דורך די טומלען פון גאַס,
אין אומרו פון וועלט־שטאָט, אין תהום,
וואו ס׳אָטעמט מיט פראָסט און מיט אימה אויף איר
דער קאַלטער, דער מענטשלאַכער שטראָם.

זי טראָגט עס, דאָס ליד, דורך די טומלען פון שאַפּ,
אין שפּינוועבס פון אַנגסטן און פּלאָג,
וואו ס׳זויגט איר דעם יום־טוב פון האַרצן אַרויס
א לאַנגער, אַ קריכנדער טאָג.

זי טראָגט אויסגעזויגן דעם יום־טוב פון ליד
אין בריאַזג און געדריינג פון וואַגאָן,
אין רויש פון די כוואַליעס פון פרעמדן המון,
וואָס שטויסט זי אַרום, ווי אַ שפּאָן.

און אָוונט־צייט טרעפט זי די פּוסטע פיר ווענט,
אַ צימער — אַ קבר׳ל קליין;
דאַן קלינגט איר דאָס ליד אין איינזאַמקייט שטיל,
אַזוי ווי נשמה־געוויין.

עס וויינט אַזוי עלנד דאָס ליד, וואָס דערמאָנט
אַ הימל, אַ גרעזל, אַ בוים,
די ליבסטע געזיכטער, די עלטערנ׳ס הויז,
דעם יונגן, דעם מיידלשן טרוים.

עס וויינט דאָ דאָס ליד, וואָס פלעגט קלינגען אַמאָל
איר פריילאַך אַזוי און פאַרשייט,
וואָס האָט איר דעם פרילינג פון לעבן באַלייט
אוואו אין אַ וועלט אַזוי ווייט.

עס קלינגט, ווי אַ הספּד, 1) אין האַרצן דאָס ליד
און אַלעם פאַרגייט אין געוויין:
אַ ווילד־פרעמדער טומל, אַ ווילד־פרעמדע וועלט
און פרעמד איז זי אויך זיך אַליין.

און ווילד־פרעמד פאַרנעמט זי איר אייגן געוויין
וואָס קלינגט איר פון בעט אַזוי מיד;
איר האַרץ ווערט פאַר׳חלש׳ט פאַר בייַנקשאַפט און
עס חלשט אין האַרצן דאָס ליד.

---

1) „העספּעד“ — אַ טרויער־דרשה נאָך אַ טויטן.

(די טראַגעדיע אין איצטיקן ליד, כאָטש אויך פון אַן ארבעטער־מיידל, איז שוין אָבער אַ טראַגעדיע פון בייַנקשאַפט, אין דער איינזאַמער אין־דער־פרעמד, נאָך דער „אַלטער היים“ און די פריש־יונגע יאָרן דאָרט).

ה.

פון שלאַכטפעלד.

די גנבה

אויף דעם אידישן בית עלמין
קלינגען שווערדן, קלינגען שפּאָרן;
עס באַוועגן זיך זשאַנדאַרמען
ביי אַ וואָגן מיט אַן ארון.

עס איז ווייט נאָך האַלבע נאַכט שוין
און זיי קוקן ווי געשפּענסטער — 1)
שטייען, דרייען זיך און קלאַפּן
ביי דעם קברות־מאַן אין פענצטער.

ווילד און גרויליג דורך די קברים
הילכט עס, טרייסלט אויף די לופט דאָ,
די געהיימניספולע שטילקייט —
און אַ שטים אַ סומנע רופט דאָ:

„ווער איז דאָרטן, זשיד צי טייוול!
קום אַרויס און שטעל זיך גראָבן;
איידער נאַכט און שלאָף פאַרשווינדן,
מוזן מיר דעם קבר האָבן!

„איידער נאַכט און שלאָף פאַרשווינדן,
איידער אויפשטיין וועט דער מאָרגן,
מוז דער טויטער זיין אין גרוב שוין,
טיף פאַרשאָטן, טיף פאַרבאָרגן!“

די לבנה קוקט אַרונטער
שטיל און טרויריק, ווי אַן עדות;
זעט די מענטשלאַכע פאַרברעכנס,
הערט די שוידערלאַכסטע סודות.

קוקט אַריין דאָ אין דעם ארון,
זעט די בלוטיקע סימנים;
זעט פאַרגליווערט דאָרט דעם טויט־שמערץ
אויף אַן איידל־יונגן פּנים.

קוקט אַריין אין די זשאַנדאַרמען,
אין די כמורנע הערצער אָפּן;
און עס גרוילט זיי און זיי ריידן,
פון אַ פּחד שטיל געטראָפן:

„די לבנה ווערט אַלץ בלייכער
און דער הימל ווערט אַלץ רויטער —
באַלד דערוויסט מען זיך אין שטאָט שוין,
אַז גע'גנב'עט איז דער טויטער.

גיכער, גיכער, זשיד פאַרפלוכטער!
לאָז דאָס בלוט אין גרוב פאַרשטומען,
לאָז דיין רידל עס פאַרקלאַפּן
איידער העלער טאָג וועט קומען!"

פינצטער שטייען זיי און קוקן,
ווי דער קברות-מאַן, דער אידל,
גראָבט דעם קבר, גראָבט און פּלאַטערט,
טרעפט די ערד ניט מיט דעם רידל.

פינצטער שטייען זיי און קוקן,
ווי די שאָטנס גוסס'ן, שטאַרבן —
דורך די ביימער פון בית עלמין
קוקט אַ הימל פול מיט פאַרבן;

און אין קאַמף מיט נאַכט און חשך
איז דער יונגער מאָרגן גובר
און פאַרגיסט מיט ליכט דעם ארון
און פאַרגיסט מיט ליכט דעם קבר.

און פאַרגיסט דעם גאַנצן מזרח,
מיט אַ פייער, מיט אַ רויטן
און עס גייט זיי דורך אַ שוידער.
מורמלט איינער שטיל צום צווייטן:

„נייע צייטן, נייע מעשים
אונדזער אַרבעט ווערט שוין שווערלאַך;
זשידעס סטראַשען אונדז און שרעקן,
טויטע ווערן אונדז געפערלאַך.

הערסט דעם ברומען פון די מאַסן,
רויט, ווי ראַכע, פאָנען שוועבן!
מיר, זשאַנדאַרמען, מוזן אויך שוין
אָפּטמאָל צאָלן מיט׳ן לעבן!...“

1) גייסטער.

(אַן עפּיזאָד — פון אַ צייטונג אַרויסגעלייענט צי וואָס — פון דעם סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין דער אידישער פּראָווינץ, אין צאַ־רישן רוסלאַנד: די זשאַנדאַרן האָבן דער׳הרג׳עט אַ אידישן רעוואָלוציאָנער און איילן זיך אים „באַהאַלטן“ איידער עס ווערט טאָג. אויס מורא פאַר די קאַמעראַדן פון דעם דער׳הרג׳עטן. דאָס ליד שטאַמט פון די רעוואָלוציאָנס־יאָרן 5—1904).

אַ קראַנץ אויף אַ קבר

(צום אנדיינק פון פרומע פרומקין)

(פרומע פרומקין, א באַוואוסטע אידישע רעוואָלוציאָנערקע, וואָס איז הינגעריכטעט געוואָרן אומגעפער אין 1908־1907, פאַר אַן אַטענטאַט אויפ׳ן מאָסקווער פאָליצמייסטער. די העלדין איז געווען דעם ריכטער׳ס א גוטע באַקאַנטע.)

זי האָט אין די שטראַלנדע אויגן געטראָגן
דעם צער פאַר דער מענטשהייט פאַרבאָרגן ;
און קיינמאָל נאָך האָט ניט דער שטריק פון אַ תליון
אַ פרימערן לעבן דערוואָרגן.

די וועלט פון געמיינהייט, די גרויקייט, די אומרעכט
זיי האָבן מיט הענט ווי געשטיקט זי ;
און כאָטש אָן אַ סוף איז געווען איר גוטסקייט,
האָט גאָרנישט אין לעבן באַגליקט זי.

זי האָט פון מאַרטירערטום שטענדיק גע׳חלומ׳ט
געשמאַכט אויף דער ערד אַ פאַרפרעמדטע ;
געוואַרט אויפ׳ן טויט-שטראָף, אַזוי ווי אַ כלה,
אַ הייליקע און אַ פאַרשעמטע.

זי האָט זיך פיל יאָרן געגרייט צו דער תליה,
ביז ענדלאַך די שעה איז געקומען ;
דאַן איז זי באַגייסטערט אַריין אין דער פעטליע,
אין אַלטן באַגער, אין דעם פרומען.

אַזוי זיינען אונדזערע מוטערס געגאַנגען
אויף קדוש השם פאַר אַ קרבן
און האָבן געמאַכט אויפ'ן חלף אַ ברכה
און אמן געזאָגט און געשטאָרבן.

אויפ'ן פּאַראַד

(פון דער סעריע „די ערשטע טריט" 1), צום יובילי פון „בונד").

טוט אַ קלאַפּ די מוזיק מיט די מעשענע מיילער,
פילדערט אויף דער סאַבאָר 2) מיט די קופּערנע צינגער 3)
און דער הויפּט-גענעראַל מיט'ן קאַרק פון אַ קוילער 4)
טוט אַ הויב פאַר'ן הימן 5) צום שלייף זיינע פינגער. 6)
גייט אַ פלאַטער פון ביקסן אַדורך די יונים,
טוען אַקסלען אַ צוק מיט די גאָלד-עפּאָלעטן
און עס שפּרינגען די קלאַנגען אַרויס ווי גזלנים
אין געדיכטן, אין ענדלאָזן וואַלד באַיאָנעטן.
און עס קייקלט אַדורך די יונישע ציילן,
ווי אַ דונער: „אוראַ!" און בלייבט הייגען פאַרפראָרן.
און עס ציטערט דער אָפּהילך דורך ווייט-ווייטע מיילן,
דורך שניי-וויסטע מיילן פאַרפראָרענעם צאָרן.
און דאָס אַלץ איז פאַרפלייצט מיט אַ בלענד-ליכט אַ
קאַלטן —
און דער שטאָל פון דעם ביקס און דאָס גאָלד פון דעם צלם
און די זייד אויפ'ן שטאַנג מיט'ן גאָט דעם באַשטראַלטן 7)
און דער קאָפּ אָפּגעדעקטער, צעשראָקענער עולם.

און איך זע זיך אַ אינגל דאָרט שטיין,
מיט פאַרשצעמעטע פויסטן און ציין,
טרפה 8)-ביכלאַך אין בוזים פאַרפּאַקט
און איך מורמל אַ האַס-ליד צום טאַקט —
די טיראַנען מיין גלוטיקן האַס!
מיין פאַראַכטונג דער קנעכטישער גאַס!

און איך פיל אַז פאַרבאָרגן אין בוזים ביי מיר
טראָג איך פלאַמען אין שמות 9) אין אַלטע פאַרשטעלט,
טראָג איך שטורעמס פאַרוויקלט אין בלעטלאַך פּאַפּיר —
און אָט גייען זיי באַלד שוין אַרוים אויף דער וועלט.
צינדן מענגען 10) זיך אָן, מיט אַ גרים-פייער אָן,
טוען לאַפּטשעס 11) אַ טופּ דורך דער ענדלאָזער פלאַך,
טוען פלייצעס אַ שפּאַר, הונדערט פופציק מיליאָן
און עס דונערט דער גרעסטער אַלט-וועלטיקער קראַך.
טוען גייסטער אַ שוואונג, הונדערט פופציק מיליאָן,
צו דער זון! צו דער זון! דורך דער ענדלאָזער פלאַך;
שפּאַרן בבל׳שע טורעמס אין הימל אַזש אָן
און עס קען שוין קיין גאָט ניט צעמישן די שפּראַך.
„אָ שטייט אויף, הויבט זיך אויף“ 12) און מיך טוט אַ
הויב אויף
און איך לויף הינטער שטאָט צו אַ לעבן אַ העלם
און איך רוף אין דער אייזיקער ווייט און איך רוף
מיט׳ן ווינט פון דעם צוג, מיט׳ן פייף פון דער רעלס. 12)

און אַזוי האָט מיין פאַטום 15) באַפוילן:
ביי אַ קאַשטנבוים ערגעץ אַ היילן
לעב איך דורך מיט אַנטציקנדן ציטער
יענעם ערשטן נשמה-געוויטער.

דעם פיל־שטימקן שטורם, דעם יונגען, וואָס האָט נאָכדעם מיין לעבן פאַרקלונגען.

1) „די ערשטע טריט“, נאַטירלאַך פון בונד. 2) קאַטעדראַל. 3) די גלעקער. 4) אזוי רופט מען אויף אידיש אַ קריסטלאַכן קצב, וועלכער הרג׳עט אַליין די בהמות. 5) די צאַרישע פּאַט־ריאָטישע הימנע „באָזשע צאַריאַ כראַני“, גאָט שיץ דעם צאַר. 6) דער סאַלוט. 7) די קלויסטערשע פאָן. 8) רעוואָלוציאָנערע. 9) „שעימעם“ — בלעטער פון הייליקע ספרים. 10) מענגע (דייטש), אַ געזעמל, אַ גרויסע מחנה. 11) שיך פון רוסישע פויערים, געפלאָכטן פון ווייכער קאָרע. (די ענדלאָזע פלאַך איז נאַטירלאַך אַן אָנצוהערעניש אויף דער רוסישער סטעפּע). 12) דער אָנהויב פון דער „מאַרסעליעזע“. 13) הינטערן שטאָט, ערגעץ וואו די באַן גייט, האָבן די רעוואָלוציאָנערן אַ קאָנס־פּיראַטיווע פאַרזאַמלונג. 14) שיקזאַל. Fate.

(אַ וואונדערלאַך־העל בילד פון אַ מיליטעריש־צאַריסטיש־פּאַטריאַטישן פּאַראַד, אויפ׳ן סקווער בײַם קאַטעדראַל, אין אַ פּראַסטיקן טאָג, אין אַ פּראָווינץ־שטאָט, וואו דער עולם קוקט עס אַלץ צו מיט אינטערעסיקן שרעק. דער זע־פּונקט פון דעם אינגלשן צוקוקער ווערט דאָ אויפגעהיט איז אַזעלכע צוגלייכענישן, ווי „עס שפּרינגען די קלאַנגען אַרויס ווי גזלנים“. — באַמערקט די מוזיק פון ליד, וואָס ווייט־אָן אַ מין גלעקער־קלינגעריי. — דער פערז אין פינאַל: „ביי אַ קאַשטנבוים ערגעץ אַ הוילן“ איז, נאַטירלאַך, אַ פערזענלאַכער לאָקאַליזם.)

ו.

שוואַרץ-גרוי.

נאַכט-געמורמל

אַ וואָלקנדל שמעלצט זיך אין זוניקן ברען,
באַגולט אין פאַרגייאיקער גרויקייט;
אַ ווייל -- און ווי גאָר ניט געווען;
פאַרשווינט עס אין גאָרנישט פון בלויקייט.

אַ צאַנקענדיק פלעמל, וואָס לעשט זיך באַלד אויס,
געבויגן פון אַלערליי ווינטן;
אַ שוואַרצער אָן-סוף איז פאָרויס
אַ שוואַרצער אָן-סוף איז פון הינטן.

אָט דאָס איז דער מענטש און דאָס מענטשלאַכע זיין!
אַזוי האָט דער ווינט מיר געזשומעט,
געמורמלט אין פענצטער אַריין,
אין שלאָפלאָזן נאַכטיקן אומעט.

מיין זיידע פון שטיין-קויל עפּאָכע געווים
האָט אויך שוין געהערט אָט דאָס זשומען;
געווען איז ער דעמאָלט אַ פיש
און שטענדיק אין וואַסער געשוואומען.

אַ יאָר-ביליאָן נאָך! וועט אפילו דער ווינט
שוין מער זיין געמורמל ניט טרייבן;
די זון לעשט זיך אויס און פאַרשווינט
און שטילקייט און פינצטערניש בלייבן.

(דאָס ליד געהערט צום דיכטער׳ס נייסטער פעריאָדע).

דער תנא און דער שטן

עס זיצט און עס לערנט דער תנא,
דער שטן, ער איז אים מקנא;
עס דרייט זיך דער שטן אַהין און אַהער,
דער תנא, ער טוט זיך צו אים ניט אַ קער.

דאַן כשופט אַ כשוף דער שטן,
עס איז אים דער כשוף געראָטן:
דער תנא, ער זיצט אין אַ הערלאַכן שלאָס,
עס פינקלט אים פרייליך די משקה אין כוס.

עס קלינגט דאָרט געזאַנג און געלעכטער,
די שענסטע פון מענטשלאַכע טעכטער,
זי זיצט דאָרט און זינגט אים און ווינקט אים און לאַכט
און ציט אים און שלעפּט אים מיט טייוולשער מאַכט.

אַ גלוט גייט דעם תנא אַריבער,
ער שוידערט, אַזוי ווי אין פיבער;
און אָט און זיין הייליקייט האַלט שוין ניט אוים!
דאַן כאַפּט ער און רייסט זיך די אויגן אַרוים.

דער הייליקער תנא ווערט בלינד,
דער כשוף דעם בייזער פאַרשווינדט;
די מעשה גייט איבער דורך טויזנטער יאָר,
ביז אונדזער אַ תנא פון אונדזערן דור.

עס זיצט אונדזער תנא און טראַכט זיך:
ניטאָ גאָר קיין שטן, עס דאַכט זיך,
ניטאָ, אַך ניטאָ די אַמאָליקע דורות,
ניטאָ די נסיונות, 1) ניטאָ די עברות!

די וועלט איז איצט שטיל און געוויינלאַך,
דער שטן איז אָרים און קליינלאַך,
די זינד איז ניט רייצנד, דער כשוף — ניט רייך,
דער תנא, דער שטן, זיי בײנקען צוגלייך.

---

1) נסיון (ניסאָיוין), פּראָבע, רייץ, Temptation.

(שטאַמט פון 1899).

Grand Concourse 1)

רוישונגען גומענע, לייכטע,
פייערלאך פאַרביקע פליען;
נאַכט-אויגן לויפן אום פייכטע,
רויטלען און גרינען און גליען;
לאָמפּן פון צוויי-ליכט 2) פון מאָטן 3),
שאָטנס פון דעריקע 4) בוימלאַך;
נעמען פון טויטע סאָלדאַטן
קוקן פון טאָוולען אומהיימלאַך,
צווישן די הייזער און אָטאָס,
גלייך ווי פאַרגעסענע מאָטאָס.

הילן 5) זיך הוילע די זעלן,
שאָטענען שטום אין די שיינען,
הילפלאָז אין פלאַטער אין העלן,
עלנד ווי מתים נאָר זיינען.
זיי, וואָס אין טרוים פון געשפּענסטער
הילכן נאָך זאַמד-קלעפּ פון רידלען,
הערן פון טויזנטער פענצטער
כאָר-געזאַנגען, פּיאַנאָס און פידלען —
שאָטענען, הערן און שווייגן
שטום אין די דעריקע צווייגן.

מישן זיך ווידער און ווידער
קלאַנג און קאָלירן אַלץ שענער;
פליאיקע ליכטער און לידער,
שימער פון שיינען און טענער;
בלאָנדזשענדע וואונדער-געזאַנגען,
האַקענדע פייפן ווי קאַרבן 6).
ברעכן זיך פאַרבן אין קלאַנגען,
ברעכן זיך קלאַנגען אין פאַרבן —
תרועות 7) פון פאַרבן, וואָס שאַלן,
שברים 8) פון קלאַנגען, וואָס שטראַלן.

הויערן זיי, די געשפּענסטער,
ביז די אילוזיעס צערינען,
ביז די אַלייען און פענצטער
לעשן זיך שטיל אין באַגינען.
פליען זיי דאַן צו די גריבער,
איבער די ים'ען די ברייטע,
וואַרטן אין פראַנקרייך איבער
זייערע גוף-טעג די טויטע —

וואַרטן אין פראַנקרייך און שמאַכטן נאָך די נויאָרקער ביינאַכטן.

1) דער נאָמען פון אַ ברייטער, לאַנגער, רייכלאַך־רוישיקער גאַס („בולעוואַרד") אין די בראָנקס, אין נויאָרק. נאָך דער וועלט־מלחמה זיינען אין דער לייענג פון דעמדאָזיקן „דורכפּאָר" פאַר־פלאַנצט געוואָרן בוימלאַך צום אָנדיינק פון די בריינקסער סאָל־דאַטן, וואָס זיינען געפאַלן אין שלאַכט און געפונען קברים אין פראַנקרייך. אויף יעדן בוימל איז אַ טאָוול מיט'ן נאָמען פון אַ געפאַלענעם. (ענלאַכעס איז געטאָן געוואָרן אין אַנדערע טיילן פון נויאָרק און אין לאַנד בכלל). 2) Twilight. 3) מאַט — ניט־העל, בלייך. 4) פונ'ם וואָרט „דער" — די שווינד־זוכט, די אויסצערונג. 5) „קוטיען", טוליען זיך, ענלאַך צום ענגלישן Crouch. 6) קאַרב — אַ שניט, אַ האַק. (די „האַקענדע פייפן ווי קאַרבן" זיינען, נאַטירלאַך, די שאַרפע סיגנאַלן פון דער „טרעפיק"־פּאָליציי). 7) תרועות (טרועס) — דער צווייטער מין־קלאַנגען פון ראש־השנה'דיקן שופר־בלאָזן: ער איז הויך און אָפּגעהאַקט. 8) שברים (שוואָרים) — דער דריטער מין פון דיזעלביקע קלאַנגען: ער באַשטייט פון ציטערדיקע בראָך־טענער. (אונדזער דיכטער'ס אידישע פאָרשטעלונג פאַר־נעמט דעם קלאַנגען־געמיש פונ'ם רוישיקן, ביינאַכטיקן שפּאַציר־וועג ווי דאָס שאַלן און ציטערן פונ'ם שופר).

(פארשטייט זיך, אז דאָס ליד געהערט צו אונדזער דיכטער'ס נייסטער פעריאָדע).

יוסף באַשאַווער

יוסף באוושאווער — געבארן אין ליובאוויטש, מאהליווער גובערניע (אין ווייס־רוסלאנד); אויסגעוואנדערט אין נויארק אין 1890, וואו ער האט זיך שפעטער צוגעטוליעט צו דער אידיש־אנארכיסטישער באוועגונג, דרוקנדיק אפט לידער און פראזע־זאכן אין איר פרעסע; געשטארבן אין 1916, נאך א לאנגער, שווערער גייסטיקער קראנקהייט. באוושאווער איז געווען פונקט דער קעגנזאץ פון דוד עדעלשטאדט: ער איז קודם כל געווען דער דיכטער, נאכדעם ערשט דער פראפאגאנדיסט. זיין פערז איז שטארק, מיט א ברייטן, פולן קלאנג, וואס דערמאנט אן דער הימנע. אויך האט ער לידער, וואו עס איז פאראן עפעס גאנץ לירישעס. באוושאווער איז געווען א גוטער קענער פון דער דייטשער און ענגלישער פאעזיע (ער האט אויך געשריבן ענגלישע לידער), האט ער פילעס פון זיי איבערגעזעצט אויף אידיש. זיין איבערזעצונג פון עדווין מארקהאם'ס באוואוסטער פאעמע "The Man With The Hoe" אין דער „פרייער געזעלשאפט" פון 1899, איז זייער געלונגען. באוושאווער האט אויך געהאט א שייכות צום אידישן טעאטער: ער האט איבערגעזעצט אין פערזן, שעקספיר'ס „שיילאק" און מיט דער איבערזעצונג האט זיך באנוצט יעקב אדלער אין זיינע בארימטע פארשטעלונגען; ער האט אויך געמאכט די „איניציאטיווע" אדער ערשטן אנטווארף פון יעקב גארדינ'ס „רייזעלע" (א באארבעטונג פון שילער'ס „קאבאלע און ליבע") און פון מ. קאטצ'ס „גדליה דער בעל העגלה" (א באאר־בעטונג פון הויפטמאנ'ס „פורמאן הענשל").

ביבליאגראפיע: באוושאווער'ס שריפטן; ל. ווינער'ס 'Yid. Lit.'; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

אַ געזאַנג צום פאָלק

הויב אויף דיינע אויגן, אָ פאָלק, וואָס דו ביסט אַזוי
עלנד און אָרים,
הויב אויף דיינע אויגן צו מזרח און מערב, צו צפון
און דרום
און זע די געזאַמלטע אוצרות און זע פון דיין ארבעט
די פּירות
און זע דעם געבליבענעם רייכטום פון פריער געוועזענע
דורות.

הויב אויף דיינע אויגן און זע אויפ׳ן ים די געלאָדענע שיפן
און זע אין די טונקעלע וועלדער דעם רויך פון די
לאָקאָמאָטיפן
און זע ווי זיי שוועבן און קומען געשווינט
פון אַ געגנט אַ וויטן
און פירן אין אַנדערע לענדער פּראָדוקטן און סחורות
צו בייטן.

הויב אויף דיינע אויגן און זע די געמויערטע גרויסע
פאַבריקן,
וואו אַרבעטער זעגן און הובלען און וועבן און נייען
און שטריקן
און שמידן און פיילן און טאָקן און שניצן און גלעטן
און פוצן
און שאַפן די וואַרע און שאַפן דעם רייכטום צום
מענטשלאַכן נוצן.

און זע די מאַשינען, די בלאַנקע, די ריזיקע אייזערנע
שקלאַפן,
וואָס היטן די מענטשלאַכע כחות און העלפן די רייכטימער
שאַפן
און זע ווי די ווילדע, די מעכטיקע קראַפט דער נאַטור
איז באַצוואונגען,
ווייל טיף איז דער מענטשלאַכער שכל אין אירע
געהיימנים געדרונגען.

און ווייט אויף די בליענדע, לוסטיקע פעלדער הויב אויף
דיינע אויגן
און זע ווי עס שטייען די גאָלדענע זאַנגען פון
שווערקייט געבויגן
און זע אין די פּרעכטיקע גערטנער די בוימער מיט
פרוכטן באַהאַנגען
און פייגל דערפילן די צווייגן, דערפילן די לופט מיט
געזאַנגען.

און זע ווי די זאַפטיקע וויינטרויבן ווערן געטראָטן
אין קעלטער,
דער וויין ווערט געגאָסען אין פעסער צו ווערן געשמאַקער
און עלטער,
אום שפּעטער צו זידן אין בעכער, די מענטשלאַכע האַרץ
צו דערפרייען,
דערוועקנדיק האָפנונג און ליבע, פאַריאָגנדיק שמערצן
און ווייען.

און זע ווי די גאַנצע נאַטור איז באַרייט צו פאַרזיסן
דיין לעבן
און פיל אין דיין ברוסט אַ פאַרלאַנגען און פיל אין דיין
האַרצן אַ שטרעבן
און מוטיק אין ריזיקע מחנות שטרעק אוים דיינע הענט,
די פאַרדאַרטע, —
גענוג שוין צו זיין די באַרויבטע! גענוג שוין צו זיין
די גענאַרטע!

הויב אויף דיינע אויגן, אָ פאָלק, גיי אַרוים פון די
פינצטערע קברים,
הויב אויף דיינע אויגן צו מזרח און מערב, צו צפון
און דרום
און נעם די גע׳ירש׳נטע אוצרות און נעם פון דיין
אַרבעט די פּירות
און שאַפנדיק לעב און געניסנדיק שאַף אין די פרייערע
דורות! —

צום פאָלק

איך האַס דיין דומהייט און דיין בלינדקייט, פאָלק,
און דיין געשפּרעך געפין איך קיין פאַרשטאַנד,
דיין שאַרפער וויץ דערשיינט מיר אָפּגעשמאַקט,
דיין פלאַכע פרייד איז ניט די מייניקע
און דאָך ווי אַכט איך און באַוואונדער דיך!

דיין שװערע מי, דיין לעבן אָנע רו,
דיין ריזן־קראַפט, דיין שטילע טעטיקייט,
די װאונדער־װערקע דיינע, װען איך זע —
דאַן שטיי איך שטיל און האָב רעספּעקט פאַר דיר.
דער פעלז איז מעכטיק אין דער װיסטעניש,
דער װאַלד איז אימה׳דיק אין צייט פון שטורם,
דער שטראָם איז שרעקלאַך אין זיין װילדן האַסט,
דאָך פעלז און װאַלד און שטראָם פאַרשװינדן גלייך,
װען דו באַרירסט זיי מיט דיין שטאַרקער האַנט;
װאָלסטו פאַראייניקט שכל מיט דיין קראַפט,
װי גרויס, װי גליקלאַך װאָלסטו דאַן געװען?

✧——✧

מערץ געדאַנקען

(מערץ איז פאַררעכנט אין רעװאָלוציאָנערע קרייזן אַלס דער רעװאָלו־ציאָנערער מאָנאַט: „די מערץ־געשעענישן" זיינען ביי זיי אַ ניט־זעלטענע טעמע פון דיסקוסיעס. צװישן די געשעענישן זיינען: די גרינדונג פון דער פּאַריזער קאָמונע אין 1871 און די טויטונג פון אַלעקסאַנדער דעם צװייטן אין 1881.)

װען איך שטיי אַמאָל ביים ים ביינאַכט,
אין װיי פאַרזונקען, שטום, פאַרטראַכט
און הער דעם שטילן װעלן־רויש,
דאַן זיפץ איך, װיין און קרעכצע אויס:
זאָ שלאָפט די פרייהייט אויף דער װעלט,
דערשטיקט פון רויבער, קנעכט פון געלט,
זאָ זיפצעט, קרעכצט זי װי דער ים,
פון טיפן שמערץ, פון װיי, פון גראָם... 1)

וועז איך זע ביים ים אַ טייכל קליין
און לעבן אים אַ פעלזן-שטיין,
וואָס לאָזט אים ניט אין ים אַריין,
דאַן שריי איך אויס מיט שמערץ און פּיין:
דער טייכל, אָך, בין איך, בין איך;
צום ים פון פרייהייט ציט עס מיך
און וויי! אַ שטאַרקע וואַנט פאַרשטעלט,
געבויט פון אונדזער הערשער-וועלט...

וועז כ'זע דעם דונער'ס ווילדער קראַך
צעשפּאַלט דעם שטיין און מאַכט אים פלאַך,
צעשנייט זיין האַרטקייט ווי אַ זעג
און מאַכט דעם טייכל פריי דעם וועג —
דאַן ווער איך מוטיק, שטאַרק און דרייסט,
עס וואַכט באַלד אויף מיין פרייהייט-גייסט
און טיף באַגייסטערט רוף איך, שריי:
רעוואָלוציאָן! דו מאַכסט מיך פריי!...

---

1) אנגסט.

דעם דיכטער'ס ווירקן און געבורט

דורך מיר גייט אויף די ליכט פון פריען מאָרגן,
די ערשטע שטימען דער נאַטור ריידן דורך מיר;
מיט מאַכט אַנטדעק איך, וואָס זי האַלט פאַרבאָרגן,
מיט שטורם און מיט אור-געוואַלד צי איך דורך איר.

איך עפן אויף די שאַפונג׳סברייטע טירן
און פיר דעם מענטשן אין איר האַרץ אַריין;
דורך אירע סודות שטרעב איך אים צו פירן,
ער זאָל איר מייסטער און באַפעלער זיין.

איך שאַף און לעב אין אירע טיפסטע טיפן,
איך דיינק און פיל אין איר, איך האָף און טרוים;
איר עווינעם לעבן ווערט פון מיר באַגריפן,
זי איז מיין שוץ, מיין ענדציל און מיין היים.

איך וועק דעם שטורם אין די טיפע ימים,
איך שוועב אום אין די וואָלקן מיט שטורם און רויש;
איך ברייננ דעם פרילינג׳ס אייביקע בשמים,
דורך זאַנפטע ווינקעלאַך זינג איך מיר אויס.

ביז אין דעם פיינסטן שטויב פיל איך די בלומען,
דעם רעגן פיל איך ע׳ 1) ער הויבט אָן גיין,
איך פיל די שטורם־ווינטן איידער נאָך זיי קומען,
אַלעם באַגרייף איך, וואָס איז ליב און שיין.

עס האָט מיך די נאַטור מיט לוסט געבאָרן,
איר ברוסט האָט מיך געזויגן און גענערט;
און טריי און הייליק דורך דעם לויף פון יאָרן,
האָב איך איר שטימע אין מיין ברוסט געהערט.

די שטימען דער נאַכט האָבן ליבלאַך געקלונגען,
די אייביקע שטערן האָבן אויף מיר געבליקט;
דער ווינט האָט מיר אַ וויגן־ליד געזונגען,
דער ברייטער ים האָט מיך אין שלאָף פאַרוויגט.

---

1) עה (דייטש), איידער.

פון מיין אַלבום

איינגעהילט אין אַ כמאַרע
ליגט דער הימל ווייט און ברייט,
דאָך קיין איינציק טראָפּן וואַסער
פון דעם שוואַרצן וואָלקן גייט.

אויף מיין האַרץ, ווי אויפ׳ן הימל,
ליגט אַ וואָלקן גרויס און שווער;
דאָך דער וואָלקן וויל ניט פּלאַצן,
ס׳רינט קיין איינציק, איינציק טרער...

שלמה ז. רובין

שלמה ז. רובין — געבארן אין לידא, ווילנער גובערניע, דעם ערשטן יאנואר, 1877, אויסגעוואנדערט אין אמעריקע אין 1893, געדרוקט לידער אין פארשיידענע אידיש־אמעריקאנישע צייטשריפטן.

זע מ. באסינ׳ס „אנטאלאגיע“, צווייטער באנד.

ווינטער קומט

די טעג ווערן קירצער און קעלטער,
די ערד ווערט פאראומערט און עלטער,
דאָס גראָז ווערט פארוויאַנעט און געל.
עס פאַלן די בלעטער פון קווייטן,
יתומימ׳דיק זען אוים בייטן,
ווייל אָסיען טרעט איבער דעם שוועל.

עס רעגנט יעצט אָפטער און מערער,
עס ווערן די פעלדער אַלץ לערער,
ביז אַלץ ווערט פאַרשוואונדן פון זיי.
די ווינטן, זיי פייפן, זיי ברומען
און זאָגן דער וועלט אָן דעם קומען
פון ווינטער, פון דחקות און וויי.

י. צַאָרלער



י. אדלער — געבארן אין 1877, אין דינאוו, גאליציע, אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע אין 1894, וואו ער האט זיך פרי אנגעהויבן באטייליקן אין דער סאציאליסטישער באוועגונג און שפעטער, מיט לידער און דערציילונגען, אויך אין איר פרעסע. צום סוף פון ערשטן יאר־צענדליק פון 20טן יאר־הונדערט, ווען עס האבן אין נויארק אנגעהויבן ארויסגיין די הומאריסטישע אידישע צייט־שריפטן („די קיבעצערס"), האט י. אדלער אין זיי פיל מיטגעארבעט: א פאר פון זיי האט ער אויך רעדאגירט. אויף אזא אופן האט ער פיל מיטגעהאלפן אין שאפן דעם הומאריסטישן זשאנר פון דער אידיש־אמעריקאנישער פאעזיע. זייט יארן איז ער (אונטער'ן פעדער־נאמען ב. קאוונער) איינער פון די פאפולערסטע פעליטאניסטן פון „פארווערטס". י. אדלער האט א לייכטן, פליסיקן, קלארן פערז; פיל פון זיינע לידער אטעמען מיט היים־וויי, מיט אידילישער בייקשאפט נאכן היימישן שטעטל און דעם דארטיקן אידישן לעבן.

ביבליאגראפיע: י. אדלער, „לידער" (צוויי בענדער); ז. רייזענ „לעקסיקאן"

אליין מיט איר

מיר האבן זיך אין פרייען פעלד באגעגנט;
דער טאג האט דעמאלט זיך מיט אונדז געזעגנט.
פון מערב'ס שיין א רויטער גארב
באפארבן האט מיט פייער־פארב
די העכסטע בערג;
און, מיר אליין, מיר בלייבן ווי פאר'כשופ'ט שטיין
און זען ווי עס שימערט אויף
פאנטאסטיש־רייך די געגנט.

די זון, זי וואַרפט אַרונטער סנאָפּעס רויטע זאַנגען,
וואָס ווערן פון די שפּיצן־בערג געפאַנגען.

און וואָלקנס גרויע, זאַפראַן־בלויע,
זאַמלען זיך אין גאַנצע כתות 1)
שטום און טרויעריק, ווי צו קבר אבות.
דער סאָסנע־וואַלד, דער אַלטער, שטאָלצער זקן,
שטייט פאַרטיפט אין הייליקע מחשבות —
ס'ווערט דער טאָג צווישן בערג פאַרלאָרן.

איך גיי אין פעלד מיט איר אַליין,
אַרומגעהילט אין סודות־שטילן שווייגן.
די לעצטע מעריב־שטראַלן
צאַנקען אויף די הויכע סאָסנע־צווייגן.
אַ ביינקשאַפט־קוש וואָס האָט געבלאָנדזשעט
אויף די זאַנפטע ליפּן אירע,
האָב איך שטיפעריש געפאַנגען.
און דער קוש איז, ווי אַ תפלה
שטיל אין פעלד אַרומגעגאַנגען.

---

1) „קיטעס" — מחנות.

כ׳האָב מיין שטעטל ניט דערקאַנט

— כ׳האָב מיין שטעטל נישט דערקאָנט.
זייט איך בין אַוועק פון דאָרט
האָט עס דריי מאָל אָפּגעברענט.
נאָך אַן אומגליק איז געשען:
ס׳איז אויך אַ פּאָגראָם געווען.

גיי איך אום פאַרוואונדערט שטאַרק:
נישטאָ ביים שול דער קאַרשן-בוים,
נישטאָ דער ברונעם מער אין מאַרק.
— וואו איז דער בוים? — טו איך אַ פרעג.
מען ענטפערט מיר: — „עס ווייסט די זעג“.

טויט דאָס שטעטל, טויט און שטיל;
חרוב שטייט דעם רבינ׳ס קלויז,
חרוב שטייט די וואַסער-מיל.
און פון דוד רופא׳ס הויז
סטאַרטשט אַ שוואַרצער קוימען בלויז.

און מיין מאַמע — וויס ווי שניי
און די אויגן — אויסגעוויינט
און אַ טרויער זיצט אין זיי —
קוקן אוים ווי יאָר-צייט ליכט;
פול מיט קנייטשן דאָס געזיכט.

און מיין שוועסטער — אַלט און מאַט,
איינגעקאַרטשעט און פאַרוועלקט
ווי אַן אָפּגעוועלקטעס בלאַט...
ווען מיר האָבן זיך דערזען,
אַ יום כפור איז געווען!

(פאַרגלייכט דאָס ליד מיט דוד גאָלדשטיינ׳ס „חרוב״.)

כ׳האָב געוואָגלט

כ׳האָב געוואָגלט לאַנגע יאָרן,
איצטער בין איך מיד.
ווינטן, ווינטן, נישט פאַרווייט
מיינע מידע טריט!

כ׳האָב געזונגען פון יסורים,
איצטער בין איך מיד.
שטורעם! שטורעם! אפשר קענסטו
ענדיקן מיין ליד?

כ׳האָב געיאָמערט... און די טרערן
קומען שוין נים מער;
גרויסער בורא! זע באַשיצן
יעדע, יעדע טרער...

זאָלן מיינע ליבע קינדער
גיין אין מיינע טריט;
זאָלן מיינע ליבע קינדער
נאָכזינגען מיין ליד...

בלימלאך און מיידלאך

די בלימלאַך וואָס וויאַנעז ביי שטויביקע וועגן,
זיי בעטן ביים בורא אַ זון און אַ רעגן;
זיי לעכצן נאָך זונשיין, זיי דאַרשטן נאָך טוי —
די בלימלאַך זיי זיינען פון בעטן שוין גרוי.

די מיידלאַך וואָס וועלקן אין איינגע פאַבריקן,
זיי טרוימען פון רו און זיי טרוימען פון גליקן;
זיי לעכצן נאָך ליבע און דאַרשטן נאָך פריד —
עס זיינען די מיידלאַך פון טרוימען שוין מיד.

די בלימלאַך און מיידלאַך זיי וועלקן צוזאַמען;
די הערצער בייביידן פון ביינקשאַפט זיי פלאַמען;
די בלימלאַך אין פעלד און די מיידלאַך אין שטאָט —
אָ, העלף זיי, אָ, העלף זיי, אַלמעכטיקער גאָט!

צו מיין פאָלק

כ׳וואָלט באַווייגען דיך מיין פאָלק —
האָב איך ניט קיין טרערן;
כ׳וואָלט באַלויכטן דיר דיין וועג —
בין איך ניט קיין שטערן.

כ׳וואָלט דיר העלפן שטרייטן, פאָלק —
בין איך מיד, צעבראָכן —
כ׳וואָלט מיין גוף געשאָנקען דיר —
איז ער הוילע קנאָכן...

מיין נשמה שיינקען דיר,
וואָלט מיך ניט פאַרדריסן;
איז זי אָבער, טייער פאָלק,
לאַנג-שוין-לאַנג צעריסן...

ה. רויזענבלאַט

ה. רויזענבלאט — געבארן אין 1878, אין דארף רישאשע, פאראליען (אין אוקראינע), צו דרייצן יאר אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע, וואו ער האדעוועט זיך אוים ארום דער אידיש־סאציאליסטישער באוועגונג. אין 1900 הויבט ער אן דרוקן לידער, אפט פון סאצאלן אינהאלט, אין דער סאציאליסטיש־אנארכיסטישער פרעסע; אין 1906 רופט ער ארוים א ניש־קשה'דיקן אנזען מיט א רייע לידער אין פועל־ציוניסטישן וואכנבלאט „דער אידישער קעמפער". דערנאך ציט ער צו אויפמערקזאמקייט מיט זיינע איבערזעצונגען פון עדגאר עללען פאו און אסקאר וויילד, („דער ראב" און „א געזאנג פון תפיסה"; כדאי דא אויך אנצואווייזן אויף רויזענבלאט'ס פאעמע „רויטע פערל" — וועגן א שווינדזיכטיקן — וואס איז קענטיק היבשלאך אנגעווייט געווארן פון אסקאר וויילד'ס בארימטער באלאדע). אין 1916 קומט ארוים, אין מייזל'ס פארלאג, זיינער א גרויסער באנד „געדיכטע און לידער"; אין 1919 גייט, דורך דעם ליטעראטור שלום עליכם ברענטש פון איד. נאצ. ארב. פארבאנד, ארוים זיין צווייטע לידער־זאמלונג „אונטער גאט'ס הימלען"; אין 1925 פייערט די ליטערארישע קאלאניע פון לאס אנדזשעלעס רויזענבלאט'ס 25־יאריקן יובילײ, און גיט דערביי ארוים זיין דריטע לידער־זאמלונג „בלויע פלאמען". אין דיטראיט האט רויזענבלאט א קורצע צייט אויך רעדאגירט א וואכנבלאט; אין לאס אנדזשעלעס וואוינט ער זייט א פאר יאר.

מיט ה. רויזענבלאטן, קען מען זאגן, הויבט זיך אן דער צווייטער דור אידיש־אמעריקאנישע פאעטן — א דור פון בארואיקונג, פון איינשטילונג נאך די סאציאלע אויפרעגונגען און שווערע טראכטענישן פון די עלטערע זינגער. מען זינגט כמעט זארגלאז, מען דיכטעט גלאט אזוי זיך — ווייל עס ווילט זיך ארויסזאגן זיך. לויטערע לייכטקייט, ווארימקייט אן א פלאקער, ניט קיין באטריבטע פרייד מיט דער נאטור און מיט'ן לעבן אדער א פשוט־לירישער אומעט און בייענקשאפט — אן שווערע מחשבות און פארשפיצטע גריבלערייען — דאס זיינען רויזענבלאט'ס הויפט־שטריכן. און ווי דער אינהאלט אזוי די פארמע. זיין פערז גליטשט זיך לייכט, זיין בילד, אויב ניט פלאמיק, פינקלט אבער געגוג העל, זיין ריטם שאלט זעלטן, איז אבער תמיד מוזיקאליש. אמבעסטן איז רויזענבלאט

אלס נאטור־דיכטער (ניט געקוקט וואס ער איז אוועק פון זיין דארף נאך אלס קינד, גערדיינקט ער נאך גוט די אוקראאינער לאנדשאפט און מאלט זי מיט ווארימע קאלירן) און אלס זינגער פון ליבע און בייגקשאפט. אמאל שפילט ער אויך אויס אז אידיליע — מיט היימישער חנ'עוודיקייט, ווי א דארפס־אינגל אויף זיין דודקע, אליין אין וואלד.

ביבליאגראפיע: רויזענבלאט'ס דריי בענדער לידער; מ. אלגין, „די צוקונפט", 1916; ז. רייזען, „לעקסיקאן".

דאס פארבארגענע

פון צווישן וויסטע בערג
דער וואסער־פאל שפרינגט מונטער,
מיט קלאנג און פרייד־געזאנג,
די שטיינער־טרעפ ארונטער.

א זון פון ריינעם גאלד
אים שפיגלט זיך אקעגן
און וואלקן־פליטער 1) זיך
אריבער אים באוועגן.

דער טאל איז גרין און קיל
און ביי די ברעגן דרימלען
זיך שלאנקע ווערבעס שטיל
אין מיטן פון צוויי הימלען.

טאל־איין, טאל־אויס זיך ציט
זיין נייער, פרייער וואנדער
און ברייטער פליסט און גיסט
זיין וואסער זיך פאנאנדער.

נאָר אָפּט ווען איבער אים
אַ בלינדע נאַכט פאַרשפּרייט זיך
און אין די ווערבעס ווײנט
אַ ווינטל און פאַרגייט זיך,

וואַכט אויף דער היים-ווײ פּריש
און ס׳רוישט דער טײַך און זשומעט:
פאַרגעסן קען ער ניט
דעם אַלטן, קאַלטן אומעט.

---

1) פליטערלאַך, נעגעלאַך; פינקלדיק-ציטערדיקע שפּריצלאַך אָדער ברעקלאַך.

דאָס טײַבעלע

עס קלאַפּט דאָס האַרץ פון טײַך
און ציטערט אויף פון ס׳נײַ:
דער פרילינג גייט, ער קומט,
ער וועט אים מאַכן פרײַ!

צעפלאַצן וועט דאָס אײַז
און ער וועט זען באַלד
ביים ברעג, ביים גרינעם ברעג,
זײַן אַלטן ליבן וואַלד.

עס קראַכט מיט ווילדער קראַפט
דאָס שווערע אײַז און קנאַקט,

דער טייך איז פריי... נאָר ווי,
דער וואַלד איז אויסגעהאַקט.

(אין דעם ליד, ווי אין פאַריקן, איז דאָ די פאַרמענטשלאַכונג פון דער נאַטור: צום טייך וואָס שטראַמט פון באַרגיקן וואַסערפאַל, ווערט צוגעשריבן דאָס געפיל פון היים־ווײ, צום טייכעלע, וואָס ווערט באַפרייט פון אייז אַנטוי־שונג. — ווי רופט מען דעם פערז־מאָס אין ביידע לידער?)

האַרבסט־נעכט

עס היינגט דער הימל טונקל־בלוי,
די שטערן סומנע ברענען: —
די פרילינג־נעכט, די ליכטיקע,
די וואַרימע, וואו זענען?
דער הימל שווייגט, עס טריפט דער טוי;
און מיר?
אוי, מיר איז אומעטיק,
אומעטיק אַזוי!

עס ווייען ווינטן, קאַלט און רוי,
ביים טייך די ווערבעס קלאָגן: —
אָ, זאָגט, וואוהין, וואוהין האָט איר
די בלעטער אונדז פאַרטראָגן?
עס זיפצט דער ווינט, דער פראָסט פאַלט גרוי.
און מיר?
אוי, מיר איז אומעטיק,
אומעטיק אַזוי!

עס ליגט דאָס פעלד אין נעבל גרוי.
און כמאַרעס, בלינדע, קלאָגן: —
אָ, וואָס איז פון דער גאָלדנער זאַנג
געוואָרן, ווער קען זאָגן?
און ס'ענטפערן די ווינטן: „שטרוי!“
און מיר?
אוי, מיר איז אומעטיק,
אומעטיק אַזוי!

(וואָס גיט דאָ דאָס צושפּיל צו צו דער עלעגיע (קלאָג־ליד)? ווי אַזוי איז עס אַריינגעבויט אינ'ם ליד גופא?)

אין די בערג

אום האַלבער נאַכט. איך ליג און וואַך,
אַ רעגן פּויקט מיט האַסט אין דאַך

און פאַר מיין פענצטער שווער, ווי בליי,
די וואָלקן שאַרן זיך פאַרביי.

אַ בליץ פון הימל רייסט זיך לויז
און הילט אין בלויען פלאַם דאָס הויז.

אַ דונער ערגעץ אין דער נאַכט,
באַהאַלטן אין די כמאַרעס, לאַכט...

נאָר איך ליג רואיק, שטיל: איך ווייס,
אַז מיר וועט ניט געשען קיין בייז.

דען אין אַ ווינקל פון דעם דאַך
אַ טויבן-פּאָר ווי איך ליגט וואַך

און הערט, מיט אויגן האַלב פאַרמאַכט,
זיך איין אין שטורעם פון דער נאַכט ;

און טרייבט אַ בליץ פון נעסט די רו,
רוקט איינס צום צווייטן שטיל זיך צו

און ברומט מיט ליבע, צאַרט און זאַכט,
און טוליעט זיך געטריי און וואַכט...

איך קלער : אויב גאָט אָן מ י ר פאַרגעסט,
געדיינקט ער דאָך דאָס טויבן-נעסט.

אין זייער זכות וועט גאָט, דער האַר,
די נאַכט מיך היטן פון געפאַר.

דער לעצטער רוף

מיר האָבן שטיל באַלייט די לעצטע פרילינג-נאַכט.
באַגינען האָבן זיך די רויזן אויפגעמאַכט
און ביי דער זון אויף ליכט די ריחות אויסגעטוישט. 1)
און עמיצער פון שיין געוואָרן איז באַרוישט
און אויסגעבראָכן אין אַ יובעלנדן געזאַנג.
דאָס האָט די יוגנד-פרייד, וואָס איז אַ ווינטער לאַנג
אין קייטן זילבערנע געלעגן איינגעשמידט,
אַ האַרץ צעשמעטערט און באַפרייט זיך אין אַ ליד.

און איבער וואַלד און פעלד און איבער באַרג און טאָל
געשאַלט, ווי אַ טראָמפּייט פון זילבער, האָט זיין קול.

אַ יעדערער פון אונדז געזעסן איז פאַרקלערט,
די האַנט ביים אויער און אין ליד זיך איינגעהערט.
די יוגנד האָט זיך אויף אַמאָל צו אונדז אַנטפּלעקט
אין יובעלנדן געזאַנג און ס'האַרץ געוועקט, געוועקט...
און עמעץ לעבן מיר האָט פּלוצים אויפגעוואַכט,
געטאָן אַ שטילן זיפץ און כלומרשט זיך צעלאַכט.
אַ צווייטער ביי מיין זייט האָט עפּעס ווי צעמישט
געשמייכלט און פאַרשעמט די אויגן זיך געווישט.
אַ דריטער האָט צום שטערן צוגעדריקט די האַנט
געקוקט אין הימל און אַ נאָמען שטיל דערמאַנט.

און איבער וואַלד און פעלד און איבער באַרג און טאָל
געקייקלט האָט זיך ווייט פון ליד דאָס ווידער-קול...

---

1) אויסגעביטן.

אַ נבואה

מעוועס 1) שרייען ביי דעם ברעג פון ים: —
אַ שיף איז אָפּגעשוואומען.
זי איז אַוועק אין ווייטען ים
און וועט צוריק ניט קומען!

מעוועס שרייען ביי דעם ברעג פון ים.
די ווייסע זעגלען שפּרייטען
זיך אוים אין ווינט. אַ וואָלקן קומט
די שיף צום ים באַלייטען...

מעוועס שרייען ביי דעם ברעג פון ים.
די שיף — פאַרגרויט אין וואַסער.
די מאַסטען בלאַנקען, וואַנקען ווייט,
די זעגלען — בלאַסען בלאַסער.

מעוועס שרייען ביי דעם ברעג פון ים.
די שיף — ווייט, ווייט פאַרשוואומען:
זי איז אין וועג און וועט צום ברעג,
וואוהין זי שווימט — ניט קומען.

---

1) מעווע — Sea-gull.

אין וואַרטעניש

הפנים, האָסט מיך אָפּגענאַרט.
אין אומעט זיץ איך און איך וואַרט
און נאַכט און חלום שוועבן:
שטערן גליען,
רויזן בליען —
רייזעלע, מיין לעבן!

איך הער זיך איין... אַ ווינטל ציט
און מיט דעם גראָז, אוי, ציטערט מיט
דערשראָקן מיין נשמה:
שטערן גליען,
רויזן בליען —
רייזעלע, נחמה!

אַ שטערן רייסט זיך אָפּ און זינקט —
דאָס אויג פון בייזן מזל ווינקט:
„געטראָפן האָט אַ סבה..."
שטערן גליען,
רויזן בליען —
רייזעלע, מיין ליבע!

ווען איך בין אויף דער וועלט געקומען

ס'האָט אודאי דאַן גערעגנט
און אַ ליכט האָט שוואַך געברענט
און די שאָטנס האָבן ווילדע
זיך געהוידעט אויף די ווענט: —
ס'האָט די נאַכט באַוויינט אַ לעבן,
וואָס איז אויף דער וועלט געקומען,
אין אַ טרויעריקער שעה;
ס'איז אַ לעבן אָנגעקומען
און קיין מזל — איז ניטאָ!
ס'האָט געוויס דער ווינט געליאַרעמט
און דער לאָדן האָט געקלאַפּט
און אין בודע האָט דער הונט זיך
מיט אַ וואָיען אויפגעכאַפּט: —
ס'האָט דער הונט דערשפּירט אודאי,
אַז אַ בעטלער איז געקומען
אין אַ בייזער, ווילדער שעה;
אַז אַ בעטלער איז געקומען
און קיין אָרט — ז'פאַר אים ניטאָ!

⟡——⟡

דו ביסט שולדיק

דו ביסט שולדיק אין מיין טרויער:—
איז דערפאַר דער טאָג אַ גרויער
און דער הימל אַזאַ ברודנער 1)
און אין גאַס די מענטשן בייזע
און דער רעגן אַזאַ נודנער...

דו האָסט מיר מיין האַרץ פאַרביטערט:
צאַנקט דערפאַר דאָס ליכט און ציטערט
און דער זייגער ציט צעקראָכן
און מיין שאָטן, מיר אַקעגן,
זיצט די גרויע הענט פאַרבראָכן...

---

1) ברודנע — בלאָטיק.

רואיק, טפּש... (1

האָט צוויי ליכט מיר אָנגעצונדן,
שטיל מיין לאָדן צוגעמאַכט,
מיט אַ זיפץ אַ וויסן פּעקל (2
צו מיין בעט מיר צוגעבראַכט.
און דערנאָך, — אַוועק אין ווינקל
און זיך אויסגעטאָן די שיך. (2
— הער נאָר, פרעמדער, זאָג: ווער ביסטו?!
— רואיק, טפּש, דאָס בין איך!

זיצט באַטריבט אויף דר'ערד דער פרעמדער,
לעבן אים ליגט אויסגעשטרעקט
עפּעס רואיק, ווי פאַרגליווערט
און מיט שוואַרצן צוגעדעקט...
זיפצט דער פרעמדער, בויגט זיך איבער,
דעקט עס אָפּ און דעקט עס צו.
— הער, וואָס ליגט דאָרט אויסגעצויגן?!
— רואיק, טפּש, דאָס ביסטו!

---

1) שוטה, נאַר. 2) אין ווייסן פּעקל דאַרפן זיין תכריכים: די שיך טוט דער „פרעמדער" אוים אַוועקצוזעצן זיך שבעה.

דן און דאַניאַ

דן האָט צוויי פּאה׳לאַך שווארצע
און דאַניא צוויי גאָלדענע צעפּ;
דן איז דער עלוי פון שטעטל
און דאניא די מלכה פון סטעפּ.

דן גייט באַגינען אין קלייזל,
זיין אויג האַלב פאַרכמאַרעט פון שלאָף;
דאָניא, מיט זון אויף די ברעמען,
צום סטעפּ טרייבט אַרוים אירע שאָף.

דן געגנט אָן די פּאַסטושקע
און לאָזט שטיל די אויגן אַראָפּ;
דאָניא, פּאַרשעמט טוט אַ שמייכל
און לאָזט שטיל אַרונטער דעם קאָפּ...

דן זיצט ביים לערנען און ס׳ציט זיך
דער טאָג עפּעס לאַנג אָן אַ סוף;
ס׳דוכט אים: דאָס בלאַט איז אַ לאָנקע,
די אותיות — אַ טשערעדע שאָף...

דאָניא זי היט זיך איר סטאַדע
געקרייזלטע לעמער און טראַכט
עפּעס פון פּאה׳לאַך שיינע,
געקרייזלטע, שוואַרץ ווי די נאַכט...

דן גייט טאָג-טעגלאַך אין קליידל
און דאַניאַ טאָג-טעגלאַך אין סטעפּ;
דן האָט צוויי פּאה׳לאַך שוואַרצע
און דאַניאַ צוויי גאָלדענע צעפּ.

(די איינפאַכקייט און שטילקייט פון ליד מאַכן עס פאַר אן אמת׳ער אידיליע. — א קענטיקע דערמאנונג פון די ערטער פון דעם דיכטער׳ס קינדהייט.)

בּיים בּרעג פון סמבּטיון

(אויסצוג)

„דער הימל איז איבער מיר לויטער געהאַנגען...
און דאָרטן אויף יענער זייט טייך אַזוי נאָענט,
מיר דאַכט זיך, אָט באַלד מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.
און ס׳ציען זיך שורות מיט בערג פאַר די אויגן
און וועלדער, אין גרין-בלויע נעפּלען פאַרצויגן.
עס טראָגט זיך אַ ריח, אַ ריח גן-עדן,
צוזאַמען מיט קלינגענדע פויגלשע לידער,
אין האַרץ פיל איך צאַפּלען זיך טויזנטער פריידן.
אַ שיפל, אַ שיפל, וואו נעמט מען אַ שיפל?!
און דאַן וועט ניט מער ווי איין רגע געווערן
און איידער די נאַכט לאָזט אַרויס אירע שטערן,
די פיס מיינע וועלן דאָס טרוים-לאַנד באַטרעטן!

„און פרעמדער, אַ פרעמדער! אַ נס האָט געטראָפן:
דאָס וואַסער, וואָס איז ביי די ברעגן געשלאָפן,

גענומען האָט רונצלען זיך קוים
און אָפּגעטײלט האָט זיך פון שוים,
אַזוי װי אַ פּערל, אַ בלישצענדעם טריפּל
און האָט זיך פּאַמעלאַך פּאַנאַנדערגעוואַקסן, —
אַ מער־קעפּל פריער און נאָכדעם אַ שיפּל.

פון פּערל דאָס שיפּל, פון זילבער דער רודער...
און גלאַט ליגט אַרום מיר, אַזוי װי אַ שפּיגל,
דאָס װאַסער דאָס בלױע און גרינג װי אויף פליגלען
דאָס שיפּל מײנס פליט זיך. געשוואומען, געשוואומען, —
און, ברודער, צום ברעג בין איך דאָך ניט געקומען!...
עס װײזט אויס, אַז גאָט האָט באַשטראָפט מיך.
דען ס'איז ערב שבת געווען און דער טאָג האָט
מיט אײלנדע טריט שוין דעם מערב באַטראָטן
און אַלץ האָט גערוט שוין, װי גאָט האָט געבאָטן, —
איך אײנער געוואַגט האָב זײן וואָרט צו פאַרשפּאָטן"...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
די נאַכט איז געשוואומען און שטיל איז געווען,
אַזוי אַז געקאָנט האָב איך איבער זיך הערן,
װי אײנציקוויים נעמען זיך לעשן די שטערן;
און ביסלאַכוויים האָט זיך דאָס האַרץ מײנס באַרואיקט;
'ן אַ װינקל פון קאָפּ האָט געפּיקט אַ געדאַנק:
איך קאָן מײנע הענט דאָך װי רודערס באַנוצן.
דאָס װאַסער איז קיל און די װעלן זײ שפּריצן
און װאַשן מײן שיפּל און קושן דאָס צערטלאַך
און גרינג הויבט עס אָן זיך אין װאַסער באַװעגן.
אַ װײל' — און איך זע שוין די דרימלענדע ברעגן.

אונ איך בין געשוואומען, געשוואומען, געשוואומען...
און דאָך — יענע נאַכט צו דעם ברעג ניט געקומען !...

(די פּאָעמע „ביים ברעג פון סמבטיון“, פון וואַנעז דאָס אויביקע איז אַן אויסצוג, איז קענטיק אַנגעווייט פון קאָלערידזש׳ס ״Ancient Mariner״. אויף וועלכע אפּט איבערגע׳חזר׳טע ווערטער אין קאָלערידזש׳ס פּאָעמע דערמאָנט דער רעפרען :

„געשוואומען, געשוואומען, —
און ברודער, צום ברעג איז ער דאָך ניט געקומען !...“ ?

וואָס איז די פּערזאָנ־מאָס פון דער פּאָעמע ? — די לעגענדע וועגן דעם טייך סמבטיון, וואָס אַ גאַנצע וואָך וואַרפט ער שטיינער און נאָר שבת רוט ער און אויף זיין יענער זייט איז דאָס וואונדערלאַכע לאַנד פון די „פאַרלאָרענע צען שבטים“, איז באַקאַנט.)

דאָס נייע קלאָג־ליד

(מלחמה־קוואַרטעט)

זשאַווערט, זשאַווערט מיר מיין רידל
אַך, דעם קברן דאַרף היינט קיינער ! —
קראָען עסן מיינע מתים
און די וועלף — דאָס רעשטל ביינער...

דער מטה־טרעגער.

פוילט מיין מטה, פוילט מיין מטה,
קיינער דאַרף זי היינט ניט האָבן! —
רעגנס טובל׳ען מיינע מתים
און די נאַכט וועט זיי באַגראָבן...

דער לייוונט־סוחר.

מייזלאַך עסן מיר מיין לייוונט.
ווער וועט היינט תכריכים נייען? —
מתים־שאַרבנס... ס'וועט דער ווינטער
קומען און זיי וויים פאַרשנייען...

די ליכט־פאַרקויפערן.

מיינע ליכטלאַך שימלען, שימלען.
און מיין בוימאויל — ווערט פאַרדאָרבן:
„ווען איז יאָרצייט?..." קיינער וויים ניט
ווען זיי זיינען דאָרט געשטאָרבן!...

פ. מ. ראַסקין

פ. מ. ראַסקין — געבאָרן אין 1880, אין שקלאָוו, מאָהליווער גובערניע, געלערנט אין גימנאַזיע, אויסגעוואַנדערט אין דער שווייץ, אין ענגלאַנד און, אין 1915, אין נויאָרק, וואו ער איז אַ פּלייסיקער טוער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. ראַסקין שרייבט לידער אויף ענגליש און אויף אידיש; ביידערליי זיינען צומייסט פון אַ שאַרף אויסגעשפּראָכענעם נאַציאָנאַל־ציוניסטישן כאַראַקטער.

אין פרעמדע גערטנער

שמוני נטרה את הכרמים,
כרמי שלי לא נטרתי. (שיר השירים)

פרעמדע, פרעמדע גערטנער פלעג איך
און מיין גאָרטן שטייט פאַרלאָזן;
און דאָרט וואַנדלען אום שאַקאַלן
און דאָרט וואַקסן ווילדע גראָזן.

אומבאַוואַכט און אומבאַוואַסערט
וועלקן דאָרט די לעצטע בלומען;
אין די נעסטן קראַקן ראָבן
און די זומער־פייגל שטומען.

און פאַראומערטע, פאַרוויסטע
טרויריק ציען זיך אַלייען;
קיינעמס ברוסט ניט צו דערפרישן,
קיינעמס אויג ניט צו דערפרייען.

מיט אַראָפּגעלאָזטע צווייגן,
ווי אבלים, שטייען בוימער;
אָן אַן אויפזער, אַ גערטנער;
אָן אַ ווירט און אָן אַ שומר...

און די פרעמדע, פרעמדע גערטנער —
אַך! ווי בליען זיי און דופטן;
און ווי שיין די פייגל-טרעלן
גיסן, גיסן זיך אין לופטן.

דורות, לאַנגע רייען דורות
אַלס אַן אומבאַצאָלטער שומר
איז באַשערט מיר צו באַוואַכן
פרעמדע גערטנער, פרעמדע בוימער.

און ווי בייגקט זיך און ווי ציט מיך
צו דעם אייגן וויסטן גאָרטן...
נאָר אַן אַלטער בייזער כשוף
האַלט צוריק מיך ווייט פון דאָרטן...

(דער מאָטיוו אז אידן באַארבעטן פרעמדע פעלדער און פאַרלאָזן די אייגענע — דאָס אידישע לאַנד, דאָס אידישע לעבן — קלינגט זייער אָפט אין אידיש-נאַציאָנאַליסטישע קרייזן און כמעט תמיד באַנוצט מען דערביי אַלס מאָטאָ יענעם פסוק פון שיר השירים).

ביינאַכט

...און מאַנכמאָל שפּאַציר איך אין אָוונט
און ס'דוכט מיר די וועלט איז אַ טעמפּל;
די לבנה שיינט הויך — אַ נר תמיד,
אַן אייביקער געטלאַכער לעמפּל.

דער הימל — אַ בלויער פּרוכת,
באַזעצט פול מיט שטערן-אַלמאַזן; 1)
עס דאַוונען די בלומען, די בוימער —
דער נאַכטיגאַל איז זייער חזן...

אויף פעלדער, אויף בערג און אין טאָלן
אַ הייליקן גייסט פיל איך שוועבן;
אַרום מיר ליגט אויסגעשפּרייט אָפן
אַ ספר פון אייביקן לעבן...

עס גיסט זיך אַ הייליקע תפלה,
די גאַנצע נאַטור איז מתפלל;
עס זינגט יעדע גרעזעלע שירה,
עס זאָגט יעדע בלימעלע הלל...

עס דאַוונט מיט חשק דער קהל —
די וועלדער, די פעלדער, די שטראָמען;
דאָס האָרץ מיינע מורמלט א ברכה —
די גאַנצע נאַטור ענטפערט „אמן"...

1) (רוסיש) — דימענטן.

ש. קאַטלער

ש. קאַטלער — געבאָרן אין קורשאַן, קאָוונער גובעניע, אַרום 1885, ביי אַ רבנישער פאַמיליע. האָט שוין צו פערצן יאָר געהאַט געדרוקט העברייאישע לידער אין די פיינסטע העברייאישע אויסגאַבן. פרי אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט קומט ער אָן קיין נויאָרק, וואו ער הויבט אָן דרוקן לידער אין „פאָרווערטס" און אַנדערע צייטשריפטן, פון אַ אידיש־אידילישן און עטוואָס סאָציאַלן כאַראַקטער. קאַטלער'ס לידער רופן אַרויס אינטערעס און מען לייגט אויף אים האָפענונג, אָבער אין אייניקע יאָר אַרום הערט ער אויף שרייבן. קאַטלער געפינט זיך איצט אין דיטראָיט, וואו ער איז אַן אַנגעזעענער געשעפט־מענטש.

זע מ. באַסינ'ס, „אַנטאָלאָגיע", צווייטער באַנד.

אין בערגלאַנד

אין מזרח־זייט טורעמט זיך מעכטיק צום הימל
דאָס ריזיקע בערגלאַנד.
עס ציען זיך קייטן פון בערג ווייט, די קעפּ אין די
וואָלקן פאַרוואָרפן, —
ווי מחנות געפּאַנצערטע ריזן, וואָס האָבן פאַרבאָרגענע
אוצרות
און סודות פון גרוי אַלטע צייטן געהיט פון אַ מעכטיקן
שונא
און שטייענדיק זיינען זיי פּלוצלונג אַזוי ווי דורך כּישוף
אַנשלאָפן
און ס'האָט זיי אַ האַנט אַ געהיימע אין שטיין און אין
ווילד־וואַלד פאַרוואַנדלט.

זיי שטייען פאַרשמאָלצן, פאַרוואקסן אינאיינעם די ריזיקע לייבער,
איין אָרים אין צווייטן געשלאָסן און שולטער געדריקט אויף אַ שולטער
און רוקן און לענדן באַהאָפטן, פאַרשלונגען פון רוקן און לענדן
און אָדער צו אָדער געבונדן און מוסקל צו מוסקל געקלאַמערט.
נאָר ערטערוויים שטאַרצעט אַרוים נאָך אַ ריזיקער גליד פון אַ גבור, —
אַ נאַקן געבראָכן אין צווייען, אַ שרעקלאַך געעפנטער מויל-תהום.
און טיף אין דעם האַרץ פון דעם אָפּגרונט, אין תפיסה פון קנוילנדן חשך,
ווי בלינדע לבנות, וואָס האָבן פאַרלאָרן דעם וועג אין די הימלען,
דאָרט בלאָנדזשען אַרום די נשמות פון יענע פאַרכישופטע ריזן. —
עס קנוילט זיך דער חשך און לעשט אוים די שטראַלן פון זייערע בליקן
און בלינדערהייט טאַפּן אַרום זיי און זוכן זיך איינע די אַנדרע...

וועלנשפּיל

עס שפּילט זיך די זון מיט די וועלן
און באָדט זיי אין ליכט און אין שיין;
עס לאַכן די וועלן און טאַנצן
צו איר אין דעם ליכטנעץ אַריין.

עס קומט אָן אַ מחנה פון ווינטלאַך
און טוקט אין די וועלן זיך אָפּ
און גרייזלט זיי אויס פון דער זון־וועב
און לאָזט זיך מיט זיי טייך־אַראָפּ.

די זון וואַרפט זיי נאָך אירע נעצן
און פאַנגט זיי און שפּינט זיי אום העל;
אַ ליכט־פונק באַפּערלט אַ טראָפּן,
אַ ליכט שטראַל באַדימענט אַ וועל.

די לופטיקע מחנה צעשטיפט זיך
און דרייט אין אַ ליכט־וואַסער־טאַנץ
די זון מיט די וועלן; — עס שפּיגלט
דער טייך זיך אין שימער און גלאַנץ.

יצחק בלום

יצחק בלום — געב. אין 1887 אין טשעכנאָוועצ, גראָדנער גוב. אין 1905 אויסגעוואַנדערט קיין אמעריקע, וואו ער האָט, אין אייניקע יאָר אַרום, אַנגעהויבן דרוקן דערציילונגען און לידער אין פאַרשיידענע אויסגאַבן. איצט באַגעגנט מען בלום׳ס דערציילונגען גאַנץ אָפט אין „פאָרווערטס“.

וואָס דאַרף איך קלערן

וואָס דאַרף איך קלערן פון אַ ציל,
זאָל זיין, זאָל זיין, יאָ, וואָס עס וויל,
די וועלט איז סאַי ווי סאַי אַ שפּיל...

וואָס דאַרף איך קלערן וואָס איז שלעכט,
צי טו איך אומרעכט, אָדער רעכט,
די וועלט איז סאַי ווי סאַי דאָך שלעכט...

איך בין אַן אומבאַהאָלפן קינד,
וואָס בויגט זיך איין פון קלענסטן ווינט...
די וועלט איז סאַי ווי סאַי מיט זינד.

אַב. וויקטאָר

אב. וויקטאר (אברהם וויגדאראוויטש). — געבארן אין קארטוז־בערעזע, גראדנער גובערניע, אין יאר 1871. געקראגן א שטרייננג ארטאדאקסישע דערציאונג, האט אבער אויך געלערנט, ביים אייגענעם פאטער, ניט נאר תנ"ך נאר אויך דקדוק. זיין יוגנד האט וויקטאר פארבראכט אין אדעס, פון וואנען ער האט קארעספאנדירט אין „המליץ" און אין „וואסכאד". אידיש האט ער אנגעהויבן שרייבן אין אמעריקע, אין יאר 1907, וואו ער האט זיך געדרוקט אין כמעט אלע אידישע צייטונגען און זשורנאלן. אין יאר 1919 גיט ער ארויס א בוך לידער און פאעמען „גארבן". זייט יארן וואוינט ער אין דיטראיט, נעמענדיק א שטארקן אנטייל אין די ארטיקע סאציאליס־טישע און ליטערארישע געשעענישן.

ריז מאַנהעטן [1]

(ניט קיין לעגענדע)

צווישן האָדסאָן און'ם מזרח־טייך,
מיט'ן קאָפּ צופוס ביים ים,
ריז מאַנהעטן ליגט פאַרצאַמט
אין קאַלטן, נאַסן צאַם.

ריז מאַנהעטן איז אַ קנעכט,
אַרבעט שווער און נאָכאַנאַנד:
קליינע מילבן האָבן אים
אין אַ הארטן יאָך געשפּאַנט.

שטאַנגען שטאָל, ווי שפּאָרן שאַרף,
שניידן זיך אין זייט אים איין,
פון זיין אָטעם זעצט אַ רויך, —
אים אַליין פאַרשטעלט די שיין.

אויף זיין קאַרק ער טראָגט אָן שיעור
הויכע טורעמס אָנגעשטאָפּט;
קאָפּ און רוקן, הענט און פּיס
איינגעמויערט, איינגעפּראָפּט.

קעסל-גריבער אין זיין בויך,
טויזנט מיילער ריזיק גרויס;
שלינגען גאַנצע מחנות איין,
קייען, שפּייען זיי אַרויס.

ריז מאַנהעטן איז אַ קנעכט;
פּתום רעמסס בויט און בויט. —
אים צוקאָפּנס פרייהייט 2) שטייט
מיט אַ ברענענדיקן קנויט.

רייצט דאָס נאַר דעם גרויסן ריז,
רויבט זיין רו און רויבט זיין שלאָף — — —
— — — — — — — — —
דוכט זיך, אָט ער שפּרינגט אין ים,
האַק-און-פּאַק — צו אַלץ אַ סוף.

1) נויאָרק. 2) די פרייהייט-סטאַטוע ביים נויאָרקער האַפן.